STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04255

SOTSYALIZMUS UN ZAYN RIKHTIGE BEDAYTUNG

Allan L. Benson

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אללאן ל. בענסאן

סאָציאַליזמוס

און זיין ריכטיגע בעדייטונג

איבערזעצט פון מ. זאמעטקין

ערשטער טהייל

„פאָרווערטס"
ניו יאָרק
1913

אינהאלט פערצייכניס:

ערשטער טהייל.

ערשטער קאפיטעל: צו די שטיעפקינדער.

צווייטער קאפיטעל: סאָציאַליזמוס און דער שכל דערפון.

דריטער קאפיטעל: די פרומע גרעפטערס און זייערע גרויסע טענות געגען סאָציאַליזמוס.

פיערטער קאפיטעל: פאר וואָס סאָציאַליסטען פרעדיגען אונצופריע־דענהייט.

פינפטער קאפיטעל: ווי אַזוי דאָס פאָלק קען איבערנעהמען די טראָסטס.

זעקסטער קאפיטעל: דער געוואלד וועגען „פריוואט אייגענטהום".

צווייטער טהייל.

ערשטער קאפיטעל: סאָציאַליזמוס דער איינציגער פיינד פון מלחמה.

צווייטער קאפיטעל: פאר וואָס סאָציאַליסטען זיינען געגען די „ראַדי־קאַלע" פאָליטישענס.

דריטער קאפיטעל: דער אמת וועגען דער קויהלען־פראגע.

פיערטער קאפיטעל: דאָס טויטענבעט און דיווידענדען.

פינפטער קאפיטעל: אויב ניט סאָציאַליזמוס — וואָס דען?

ביילאגע: די פלאטפאָרמע פון דער סאָציאַליסטישער פארטיי אין אַמעריקא.

ערשטער קאפּיטעל

צו די שטיפֿקינדער.

איך וועל אייך אריינגעבען א נייע נשמה. איך וועל אייך אויסגלייכען דעם רוקען און אייך אויפהויבען דעם קאָפּ. איך וועל אייך אין מויל אריינלעגען ווערטער, און אין די ווערטער וועל איך אריינלעגען קראפט. אייערע פערשטאַרבענע האָפנונגען וועל איך אייך ארויסנעהמען פון די קברים און איך וועל זיי ווידער אמאָל לעבעדיג מאכען. און די לעבענס־דאגות אייערע וועל איך בעגראָבען אין די קברים, זיי זאָלען שוין קיינמאָל ניט קענען צוריק לעבעדיג ווערען. און דאָס אַלעס וועל איך אויפטהון און מעהר אויך, ווייל איך וועל ווערען אייער אייגען קול. איך וועל ארויסרעדען דאָס, וואָס איהר אַליין האָט שטענדיג געטראַכט אָבער קיינמאָל ניט ארויסגערעדט. און ווען אייערע ניט־געשפּראָכענע ווערטער וועלען זיך אומקעהרען צו אייך אַלס א ווידער־קול, וועט דאָס זיין ווי דאָס קול פון דעם שטירמישען דונער.

די מדינה בעלאַנגט צו אַלע, וואָס וואוינען אין איהר.

די קראפט, וואָס האָט בעשאַפען די „פעלזען־בערג" (די ראָקי־מאונטיינס), האָט זיי ניט געמאַכט אזוי, אז זיי זאָלען אויסזעהן ווי ראקעפעלער'ס אייגענטהום.

און ניט אויף דער ערד און ניט אין דער ערד איז ניטאָ איין צייכען אפילו, אז די מדינה איז בעשאַפען געוואָרען פיר אייניגע געוויסע פערזאָנען.

און יעדעס פיצעלע אויף דער ערד און אונטער דער ערד ווייזט אָן, אז די מדינה איז בעשאַפען געוואָרען פיר אַלעמען.

און דאָך, איז אונזער מדינה, ווי זי איז היינט, ניט פיר אַלעמען. ניט אַלע האָבען ביי אונז דיזעלבע געלעגענהייטען צו פער־

דיענען, איינינע טהוען גארנישט און האבען אלעס. אבער דאס גאנצע פאלק בעשאפט אלעס און האט גארנישט.

פיינע הערען זיינען ביי אונז דא אזוינע, וואס בעמיהען זיך זעהר צו דערווייזען, אז דיעזער אונרעכט איז רעכט. און זיי שרייבען פאליטישע פלאטפארמעס אזוי, אז דיעזער אונרעכט זאל אויסזעהן גוט און פיין. און זיי האלטען פאליטישע רעדעס, כדי דיעזער אונרעכט זאל אויסזעהן ווי רעכט. און זיי געהען אין קאנגרעס אריין אלץ מיט דעם זעלבען צוועק. און איינינע פערנעהמען זאגאר דאס ווייסע-הויז, דעם פרעזידענטען-שטוהל, אלץ כדי דיעזער אונרעכט זאל א פנים האבען ווי עפעס רעכטס.

אבער מיט הוילע ווערטער אליין, — ווי שעהן זיי זאלען ניט זיין, — קאן מען ניט איינפיהרען די גערעכטיגקייט אנשטאט דיעזען אונרעכט.

די אומשטענדע, — ווי זיי קומען היינטיגען טאג ווירקליך פאר אין דיעזען לאנד, — קאן מען שוין מעהר ניט אויסהאלטען און פערטהיידיגען. די מדינה װאלט בעדארפט זיין א גליקליכע. און א גליקליכע װאלט זי בעדארפט זיין דערפאר, ווייל דאס לאנד איז געבענשט מיט אלעם גוטען, וואס פאדערט זיך צום מענשען׳ס גליק. און קיין לעבעדיגער מענש װאלט ביי אונז ניט בעדארפט ויסען דעם ביטערען טעם פון הונגער, ווייל מיר פראדוצירען שוין איצט אזוי פיעל שפייז, וויפיעל מיר דארפען, און אז מען זאל נור ועלען צולעגען נאך א ביסעל מעהר קאפ, קאנען מיר לייכט פראדוצירען שפייז פאר צעהן מאל אזוי פיעל בעפעלקערונג.

און דאך, אנשטאט א גליקליכע מדינה, האבען מיר גאר א לאנד, וואו דעם מענשען ווערט אלץ שווערער און אלץ אונזיכערער צו פערדיענען צום לעבען, — עפעס ווי אלצדינג װאלט געווען אזוי פערדרעהט אין א קנופ, וואס ווערט אלץ ענגער און ענגער.

איהר ווייסט ניט פאר וואס דאס איז אזוי.

אייער שכן ווייסט ניט פאר וואס דאס איז אזוי.

פון וואנען זאלט איהר דאס וויסען, פאר וואס דאס איז אזוי?

אַז הערען עפּעס אַ וואָרט פון אימיצען, וואָס וויל דאָס אייך אַלעם ערקלעהרען, הערט איהר ניט. איהר הערט נור די ווערטער פון מענשען, וואָס ווילען אייך אויסזויגען. אָט וואָס זיי זאָגען אייך, דאָס איז ביי אייך דער אמת. אמאָל פיהלט איהר עפּעס, אַז עס איז ניט ווי עס דאַרף צו זיין; אָבער איהר האַלט זיך דאָך דערביי. אויף מיסטער מאָרגאַנ'ען אַליין פערלאָזט איהר זיך אפשר ניט; דערפאַר פערלאָזט איהר זיך אָבער אויף מיסטער מאָרגאָן'ס פּרעזידענטען, קאָנגרעסלייט, שרייבער און רעדנער. ביי מיסטער רייענ'ען פרעגט איהר אפשר קיין עצות ניט, אָבער ביי זיינע מענשען — יאָ. און אַז איהר וואָלט טאַקע אוועקגעגאַנגען גלייך צו מיסטער רייען, וואָלט ער אייך אויך געגעבען דיזעלבע עצה; וואָס דיעזע אַלע הערען זאָגען אייך, זאָגט זיי פריהער מיסטער מאָרגאָן אָדער מיסטער רייען. און וואָס דיעזע הערען זאָגען אייך, דאָס גלויבט איהר; און ווי זיי הייסען אייך, אַזוי גיט איהר אָב אייערע שטימען, און זיי קריגען פון אייך אַלץ וואָס זיי ווילען, אָבער אייך גיט מען ניט וואָס איהר בעדאַרפט. דאָך האַלט איהר מיט זיי פעסט. און דאָס ווערט אייך גאַר ניט נמאס, ווי עס זעהט אויס. ביי די לעצטע עלעקשאָן האָט איהר געהאַלטען פאַר זיי. און פיעלע פון אייך וועלען נאָך האַלטען מיט זיי ביי די קומענדע עלעקשאָנס, אָבער נאָך די עלעקשאָנס זיינט איהר אַ ביסעל ברוגז אויף זיי אַ שטיקעל צייט. דיעזע הערען וועלען זיך אומקעהרען אין זייערע פיינע וואָהנונגען, און איהר וועט זיך אומקעהרען צו אייער אָרימער היים. און זיי וועלען ביי זיך אין האַרצען ניט טראָגען קיין דאגה, — אַ חוץ די מורא, אַז עס קאָן נאָך קומען דער טאָג, ווען איהר וועט עפענען אייערע אויגען, — דער טאָג, ווען איהר וועט נעהמען זיך צוהערען צו מענשען, וואָס וועלען רעדען צו אייך מיט דיזעלבע ווערטער, ווי איך. אָבער איהר נעהמט מיט זיך מיט אהיים דערווייל די מורא פאַר'ן דלות, און דיעזע מורא וועט ווי אַ שוואַרצער טוך אייך פערשטעלען אייער גליק.

אויב איהר האָט שוין פערלאָרען די האָפנונג צו זיין גליקליך, זוכט זי ווידער אָב. מיר קאָנען זיין א גליקליכע נאַציאָן — נאָך ביי אונזער לעבען. די מדינה איז נעגעבען געוואָרען אונז. ס'איז א גרויסע מדינה, א רייכע מדינה. און מיר האָבען דאָס אַלעס, וואָס דער מענש דאַרף.

אָבער מיר מוזען זיך דאָס ערשט נעהמען, און דער לייכט־סטער וועג, ווי דאָס זיך אַליין צו נעהמען, איז דער באַלאָט.

צווייטער קאפיטעל.

סאָציאַליזמוס און דער שכל דערפון.

מ'זאָגט א ווערטעל, אז „די עלטסטע פּראָפּעסיאָן" איז די פרנסה פון דער געפאַלענע פרוי. ווי באַלד אזוי, איז די עלטסטע מלאָכה צו ראבעווען איינער ביים אנדערען. דיעזע מלאָכה איז אזוי אלט ווי די מענשהייט אליין. און גענומען האָט מען זיך צו דיעזער מלאָכה, ווייל ס'איז א מאָל געווען זעהר שווער זיך צו ערווערבען גענוג פאר די ערשטע בעדערפעניסשען פון לעבען. די ערד איז געווען מאָגער; דער מענש איז געווען שוואך, און ס'איז קיין מאָל ניט געווען גענוג שפּייז פאר אלע, און פיעלע האָבען געמוזט ליידען, אייניגע האָבען געמוזט אויסגעהן פון הונגער.

טאָ וואָס איז דאָ דער וואונדער, אז איין מענש האָט געראַבעוועט ביים צווייטען? זעלבסט־ערהאלטונג איז דאָס גרונד־געזעץ פון דער נאַטור. מיר האָבען זיך שטענדיג געשלאָגען און וועלען זיך שטענדיג ווייטער שלאָגען איבער אזוינע זאכען, וואָס מ'מוז האָבען צום לעבען און וואָס זיינען ניטאָ גענוג פאר אלע. ווען מיר וואָלטען ניט געהאט גענוג וואסער פאר אלע, וואָלטען מיר זיך ארומגעריסען ביים טייך. ווען עס וואָלט געווען ווייניג לופט, וואָלט יעדערער פון אונז אָנגעשטרענגט זיינע לונגען אריינצוציהען אין זיך וואָס מעהר לופט.

אָבער פון דער אַנדערער זייט, וואָס איז דאָ פאר אזא וואונדער, ווען דער בעראַבעוועטער וויל ניט לאָזען מ'זאָל איהם ראבעווען? אויך די בעראבעוועטע האָבען דעם זעלבען אינסטינקט פון זעלבסט־ערהאלטונג. זיי ווילען דאך אויך לעבען. און זייט די וועלט שטעהט האָבען זיי זיך געראנגעלט פאר דעם רעכט צו לעבען אויף דער וועלט. און פשוט דערפאר, וואָס זיי זיינען געווען מעהר

אין צאהל, האבען זיי פעריאגט זייערע עקספלואטאטארס פון איין פונקט צום צווייטען, און זיי האבען זיי געצוואונגען אויפצוגעבען זייערע רויב־מעטהאדען, איבער און איבער א מאל.

אבער די עקספלואטאטארס האבען געפונען אלץ נייע מיטלען. און אבוואהל, ביי היינטיגען טאג, האט שוין קיינער ניט דאס רעכט צו האבען קנעכט, דאך לעבען נאך פיעלע פון דעם בלוט און שוויים פון א צווייטען.

פרעגט זיך: מוז דאס טאקע בלייבען אויף אייביג אזוי? מוז עס טאקע אזוי זיין, אז עטליכע מענשען זאלען זיין אזוי בעהיט פון ארימקייט, אז זיי ווייסען אפילו ניט וואס דאס איז אזוינס, און דאס גאנצע פאלק זאל אבער זיין אזוי איינגעטונקען אין ארימקייט, אז עס זעהט אפילו ניט די ליכטיגע וועלט פאר זיך? מוז עס טאקע זיין אזוי, אז מיליאנען פרויען זאלען אין די פעקטאריעס טהאן די שווערע ארבייט פון מענער, און מיליאנען מענער זאלען אין דער זעלבער צייט ארומגעהן אין די גאסען, אומזיסט זוכענדיג א שטיקעל ארבייט? מוז טאקע דער געשריי פון די קינדער זיך אימער לאזען הערען אזש ביז'ן הימעל, איבערשטייגענדיג זאגאר דעם גערויש פון די רעדער אין די פאבריקען, וואו פון זייערע קערפערלעך דריקט מען אוים דעם פראפיט, די דיווידענדס? מוזען אויף דער וועלט טאקע זיין ערטער, וואס ווערען אזש שווארץ פון די אויסגעהונגערטע פנים'לעך פון די האלב־פאסטענדע קינדערלעך?

קיין מענש, וואס איז נאך ביים שכל, וועט דאך ניט געהן בעהויפטען, אז דאס מוז אזוי זיין אויף אייביג. דאס איז דאך געגען די מענשליכע נאטור; די אונגערעכטיגקייט דערפון ריהרט דאך אן אונזערע געפיהלען נאך איידער עס דערגרייכט צו אונזער פערשטאנד. ביי זיך אין הארצען פיהלען מיר, אז מיר מוזען פראטעסטירען, און פראטעסטירען אזוי לאנג ביז עס וועט עפעס גרינגער ווערען. מיר האבען שוין אויסגעפרופט כמעט יעדען מיטעל, וואס מ'האט אונז פארגעלעגט, אבער אלץ וואס מיר האבען געטהאן, האט ניט געהאלפען. מיר האבען נאך אלץ הונגעריגע

קינדער. ביי אונז זיינען נאָך אַלץ פאַראַן הונגעריגע מענער, און קיין מאָל איז נאָך די מייסטע מענשען אַזוי שווער ניט אָנגעקומען דאָס שטיקעל פּרנסה, ווי היינט. און דאָך לעבען מיר אין אַזאַ צייט, ווען דער מענש, אַרבייטענדיג מיט די מאַשינען, קאָן אויס־אַרבייטען גענוג פון אַלעם גוטען פאַר יעדען איינעם.

דער רעפּובּליקאַנער ראַדיקאַל ווייסט פון דיעזע אַלע פאַקטען און זאָגט, אַז עפּעס איז דאָ ניט גלאַט. דער ראַדיקאַלער דעמאָקראַט אָנערקענט אַלע דיעזע פאַקטען און זאָגט, אַז עפּעס איז דאָ ניט גלאַט. אויך דער רעוואָלוציאָנער פּראָגרעסיסט אָנערקענט דיעזע אַלע פאַקטען און זאָגט, אַז עפּעס איז דאָ ניט גלאַט. אָבער, אַז איהר הערט זיך גוט צו צו דיעזע אַלע הערען, וועט איהר זיך מערקען, אַז זיי גלויבען קיינער ניט, אַז די צרה איז טאַקע אַ גרויסע. קיינער פון זיי גלויבט ניט, אַז עס פעהלט ווירקליך אַ סך אום אַלץ זאָל קאָנען זיין ווי געהעריג איז. איינעם ווילט זיך אַ ביסעל נאָכלאָזען אַ שרייפעלע פון דעם טאַריף; אַן אַנדערען ווילט זיך גאָר צושלייפען נאָך אַ שפּיצעלע געגען די טראַסטס.

די סאָציאַליסטען אונטערשיידען זיך פון דיעזע אַלע הערען. די סאָציאַליסטען בעהויפּטען, אַז דאָ אין לאַנד איז פיעלעס־פיעלעס ניט ווי עס בעדאַרף צו זיין. די סאָציאַליסטען בעהויפּטען, אַז זעהר פיעל איז ניט ווי עס בעדאַרף צו זיין אין אַלע לענדער, וואו דער גרעסטער טהייל פון פאָלק לעבט אין אָרימקייט אָדער אין הוילע שרעק פאַר'ן דלות, און עטליכע, וויעדער, לעבען אַזוי, אַז די נויט קומט גאָר ניט צו צו זיי און קאָן גאָר צו זיי ניט צוקומען. אַן עהנליכע לאַגע, ווי די, האָט מען אפשר נאָך געקענט דולדען מיט אַ טויזענד יאָהר צוריק. אָבער היינט קאָנען סאָציאַליסטען דאָס מעהר ניט דולדען. די סאָציאַליסטען זאָגען, אַז די צייט פון אָרימקייט איז שוין פאַראיבער. זיי זאָגען, אַז די צייט פון אָרימקייט האָט זיך געענדיגט אין דעם טאָג, ווען דער מענש האָט די קראַפט פון זיינע מוסקולען אויסגעביטען אויף

דאמפף און עלעקטריציטעט, און זיינע פינגער אויסגעביטען אויף מאשינען.

אָבער דער דלות איז ניט אָפּגעטרעטען, ווען די עלעקטריציטעט און די פּארע זיינען צוגעטראָטען. פערקעהרט, די שרעק פאר׳ן דלות איז געוואָרען נאָך גרעסער. היינטיגען טאָג קאָן מען שוין ניט לעבען, אז מ׳האָט קיין קאפּיטאל ניט, סיידען מ׳פערדינגט זיך צו יענעם. א מאָל, איידער מ׳האָט נאָך איינגעפיהרט די דאמפף־מאשין, האָט קיינער ניט געדאַרפט אָנקומען צו יענעם נאָך א דזשאב. יעדער איינער האָט זיך געהאַט זיין דזשאב ביי זיך אין דער היים. דער שוסטער האָט געקאָנט מאכען שיך פאר די שכנים ארום איהם, און דער וועבער האָט געוועבט ביי זיין שטוהל. יעדער איינער האָט זיך געקענט ארבייטען ביי זיין ארבייט, ניט פרעגענדיג ביי קיינעם קיין ערלויבנים; און אלץ דערפאר וואָס דאָס געצייג ביי יעדער מלאָכה האָט געקאָסט ניט טהייער און עס האָט זיך אויך ניט געפאָדערט פיעל געצייג. אָבער היינט קאָן ניט דער שוסטער און ניט דער וועבער טהון זיין ארבייט, דערפאר ווייל היינטיגען טאָג פאָדערט זיך זעהר פיעל געצייג, און עס קאָסט זעהר פיעל. דאָס געצייג, וואָס עס פאָדערט זיך היינט צו שוסטעריי, געפינט זיך אין די גרויסע פאבריק, וואָס פערנעהמט אפשר א צוועלף אַקער לאנד. און דאָס געצייג פאר וועבעריי שטעקט אין אנאנדער געוואלדיג גרויסע פאבריק. און ניט דער שוסטער און ניט דער וועבער קאָנען גאָרניט האָפען ווען ס׳ביט איז צו פערמאָגען אזא געצייג צו דער ארבייט, און אָנפיהרען א קאָנקורענץ געגען די מאָדערנע פאבריקען קאָנען זיי אויך ניט מיט די ביסעלע האנט־געצייג פון די אמאליגע יאָהרהונדערטע, דער שיך־טראָסט קאָן מיט זיינע מאשינען אויף עלעקטריע און דאמפף ארויסגעבען א פּאָאר שיך אזוי ביליג, אז מיט דער האנט קאָן דאָס דער בעסטער שוסטער אפילו ניט אָנהויבען צו מאכען.

און אזוי זיינען אלע האנט־ווערקער געצוואונגען געוואָרען געהן קלאפּען אין יעדער טהיר פון די פאבריקען, וואָס די נגידים

פערמאָגען, און בעטען אַ שטיקעלע ארבייט. און אַז דער רייכער מאַן זעהט פאַר זיך עפּעס אַ פערדיענסטעל דערפון וואָס ער וועט דעם אָרימאַן לאָזען ארבייטען אין זיין פאַבריק, קריעגט דער אָרי־מאַן פון איהם די ערלויבעניס דערצו. אויב אָבער דער רייכער זעהט אין דעם ניט קיין פּראָפיט פאַר זיך, דערלאָזט ער דעם אָרימאַן ניט צו צו קיין ארבייט, און דער אָרימאַן מוז ארומגעהן לעדיג. און זאָל מען בעדאַרפען וועך וויים וויפיעל שיך, אָבער קוים האָבען די באָרוויסע ניט מיט וואָס צו קויפען, מאַכען די רייכע צו זייערע פאַבריקען און לאָזען די ארבייטער ניט צו. זאָלען זיך די ארבייטער אויסגעהן פון הונגער, אויב זיי ווילען. זייערע פרויען און קינדער מעגען זיך אויך אויסגעהן פון הונגער. פון די ארבייטער מעג זיך ווערען טרעמפּס, פערברעכער, אָדער ווילדע משוגעים; און זאָלען זיך זייערע פרויען און קינדער ארויסגע־וואָרפען ווערען אויפ׳ן גאַס — אָבער די רייכע — די רייכע וואָס האָבען צוגעשלאָסען זייערע פאַבריקען, ווייל זיי האָבען דאָ פאַר זיך קיין פּראָפיט ניט געזעהן — דיעזע רייכע נעהמען אויף זיך ניט קיין טהייל פון די פעראַנטוואָרטליכקייט דערפאַר. זיי דערצעהלען אַ מעשה וועגען „די געזעצע פון האַנדעל" און זיי געהען זיך אין זייערע קלובּס אויסרויכערען אַ גוטען סיגאַר, און איבער־אַכט־טאָג וועלען זיי נאָך אפשר געבען אַ פּאָאַר דאָלאַר „צדקה פאַר אָרימע לייט" — און דעם ארבייטער האָבען זיי אפילו אין זינן ניט.

אָבער די סאָציאַליסטען האָט זיך שוין דאָס אַלעס צוגעגעסען. אפשר איז זייער סגולה ניט אין גאַנצען ריכטיג, אָבער צוגעגע־סען האָט זיך זיי דאָס שוין ביז איבער׳ן האַלז. און בשעת איהר זאָגט דאָס, בעטאָנט דאָס וואָרט „צוגעגעסען".

די סאָציאַליסטען ערקלעהרען, אַז אַזוי דאַרף ניט זיין. און ניט נאָר זאָגען זיי אַז אַזוי דאַרף ניט זיין, זאָנדערן זיי ערקלעהרען איך אויך, ווי אַזוי עס דאַרף יאָ זיין, און אַז זיי וויסען ווי דאָס צו מאַכען; אָבער זיך נעהמען צו די קלייניגליכע ארבייט פון מאַכען

לאַטעס — דאָס ווילען די סאָציאַליסטען ניט; זיי ערקלעהרען אייך, אַז ווען מ׳וואָלט מיט קליינע לאַטקעלעך געקאָנט פערריכטען די גרויסע צרה פון אָרימקייט, וואָלט מען דאָס שוין געווען אויסגעהיילט מיט פיעלע יאָהרען פריהער. די סאָציאַליסטען ערקלעהרען, אַז מיר האָבען זיך שוין הונדערט יאָהר לאַנג געדרעהט אַ קאָפּ מיט טאַריפען, אינקאָם־טעקסעס און געלד־פראַגען, און דאָך איז ניט פערקלענערט געוואָרען דער דלות און ניט די מורא פאַר׳ן דלות. אין פערלויף פון די לעצטע הונדערט יאָהר, — ערקלעהרען די סאָציאַליסטען, — האָבען מיר קיין פּראָגרעס ניט געמאַכט אין אונזערע בעמיהונגען צו פערקלענערען דעם דלות און די מורא פאַר׳ן דלות, ווייל מיר האָבען די רויבער קיין מאָל ניט אַטאַקירט אין ריכטיגען אָרט; דאָס מיינט, אַז מיר האָבען נאָך קיין מאָל ניט אָפּגעהאַקט דעם וואָרצעל, פון וועלכען עס שפּראָצט אַרויס די רויבעריי. אַז מ׳האָט אָבגעשאַפט לייבליכע שקלאַפעריי, האָט מען טאַקע איבערגעהאַקט איינעם אַזאַ וואָרצעל; אָבער אַן אַנדער וואָרצעל האָט זיך דערווייל אָנגענומען, און וואו איהם צו טרעפען ווייסען מיר נאָך ניט.

אָבער די סאָציאַליסטען ערקלעהרען, אַז זיי ווייסען יאָ וואו איהם צו טרעפען:

נעהמט זיך צו די מאַשינערי פון דעם לאַנד“, — זאָגען זיי, — „זאָל דאָס פאָלק, דורך דער רעגיערונג האָבען אַלס זיין איי־גענס אַלע מאַשינען אין דעם לאַנד.“

„שאַפט אָפּ די פּראָפיטען פון פּריוואַט אייגענטהימער“, — זאָגען זיי, — „זאָל דאָס פאָלק צונעהמען די טראַסטס, און מאַכען די זאַכען, וואָס מ׳דאַרף, און ניט ווייל אימיצער וויל גאָר מאַכען פּראָפיט, — און ביי אונז וועט דאַן שוין קיין מאָל ניט

זיין קיין דלות און אויך ניט די מורא פאר'ן דלות.

דאס אלעס קלינגט אייך אפשר ווי א שעהן שטיקעלע פראָגראם, וואס עפּעס א גוטער מענש האט זיך, זיצענדיג שפּעט אין דער נאכט, אויסגעטראַכט צו „ראטעווען די קאנטרי". דיעזע פּראָגראם איז זיך טאקע אפשר א נארישע, אבער — אז שוין יא נאריש, איז דאס גאר פון אַן אנדער מין כאַרט נארישקייט. אונזער פּראָגראם, ווען אפילו שוין יא אן אויסגעטראכטע, איז זי אלץ ניט מעהר אן אויסגעטראכטע זאך, ווי, א שטייגער, דארווין'ס עוואָלוציאַנס-טהעאָריע אליין.

דארווין האט צוערשט גוט געשטודירט דאס לעבען פון חיות אין אונזערע צייטען, כדי דערמיט צו קענען פערשטעהן די פערגאנגענהייט. די סאציאַליסטען שטודירען דאס אינדוסטריעלע לעבען פון היינט און נעכטען, כדי צו קאנען פאראויסזעהן דעם מאָרגען. אלס א שיינבארער וויעדערשפּרוך, אלזאָ, קומט אויס אז די סגולה פון די סאציאַליסטען איז גאר ניט זייער סגולה. אויב שוין יא א סגולה, איז דאס די סגולה, וואס די עוואָלוציאָן אליין ברענגט מיט זיך מיט. די סאציאַליסטען זעהען בלויז, וואס די עוואָלוציאָן ברענגט אונז צו פיהרען; קומען זיי און גיבען עס צו וויסען דער וועלט, — אט, א שטייגער, ווי אן אייזענבאהן בעאַמטער גיט צו וויסען, אז עס קומט דער צוג, וועלכען ער האט דערזעהן נאך פון דער ווייטענס.

לאָמיך אייך עפּעס דערצעהלען, אלס א ביישפּיעל צו מיינע ווערטער: —

מיט זיעבעציג יאהר צוריק נאך האבען די סאציאַליסטישע שרייבער נביאות געזאגט און פּינקטליך אבגעמאָלט די טראַסטס, וואס מיר האבען היינט. אבער דענסמאָלט האט זיך קיינער ניט צוגעהערט ניט צו די נביאות און ניט צו דער בעשרייבונג. אין דער גאנצער וועלט איז נאך דאן ניט געווען אפילו איין טראַסט, אין דער גאנצער וועלט האט זיך דאן נאך קיין מענש ניט ארומ־

געטראָגען מיט'ן געדאַנק צו געהן מאַכען אַ טראַסט. דער ערשטער טראַסט איז בעשאַפען געוואָרען ערשט כמעט מיט פיערציג יאָהר שפּעטער.

און סאָציאַליסטען האָבען נביאות געזאָגט אויפ'ן טראַסט דערפאַר, ווייל מ'האָט שוין אויסגעטראַכט די דאַמפּף־מאַשין, און מ'האָט גענומען לאָזען מאַשינען געהן מיט פּאַרע. דיא ערפינדונג פון דאַמפּף־מאַשינען האָט קיין גרויסע בעדייטונג ניט געהאַט ביי די מייסטע מענשען, אָבער ביי יענע סאָציאַליסטען, — נאָך גאָר די ערשטע, — האָט דיעזע ערפינדונג געהאַט זעהר פיעל צו בעדייטען. זיי האָבען שוין יאָ איינגעזעהן דעם גרויסען מיין דערפון. זיי האָבען געזעהן, אַז דאָס מיינט גאָר אַ נייע איבער־געמאַכטע וועלט. און די וועלט וועט שוין קיין מאָל ניט ווערען צוריק וואָס זי איז געוועזן, און קיין מאָל וועט שוין די גרויס פון די עשירות, וואָס דער מענש קען מאַכען, זיך מעהר ניט דאַרפען פערלאָזען אויף זיינע שוואַכע מוסקולען. דאַמפּף און מאַשינערי זיינען געקומען אויף דער וועלט ניט נאָר טהאָן וואָס דער מענש האָט ביז אַהער אליין אויך געקאָנט אויפטהאָן, זאָנדערן שאַפען אַזוינע זאַכען, וואָס דער מענש האָט פון זיי אפילו ניט גע'חלום'ט.

דאָס איינציגע, וואָס די רייכע לייט פון יענער צייט האָבען זיך אָפּגעלערענט פון די דאַמפּף־מאַשינען, איז געוועזן נאָר ווי צו שעפען גאָלד. לאָמיר אָבער אויך זאָגען, אַז די רייכע לייט פון יענער צייט האָבען זיך שטאַרק גענויטיגט אין עפּעס אַ נייע מע־טהאָדע פון עקספּלואַטאַציאָן. די אַמאָליגע פאַנסטשינע איז צו יענער צייט געפאַלען אין די מלחמות פון נאַפּאָלעאָן'ען, און מענשען האָבען שוין מעהר ניט געקאָנט עקספּלואַטירען אַנדערע מענשען, בעהויפּטענדיג אַז דאָס זיינען זייערע לייבאייגענע. אמת, די עקס־פּלואַטאַציאָן דורך די פּריוואַט־איינענטהום אין לאַנד, איז אַלץ אָנגעגאַנגען ווי פריהער; אָבער ווען איינער אַרבייט בלויז מיט די הענד, קאָן מען איהם ניט פיעל עקספּלואַטירען, ווייל ער קאָן דאָך ניט פיעל אויסאַרבייטען. וואָס איך מיין דערמיט צו זאָגען

איז, אַז קיין סך דאָלארס קאָן מען פון איהם ניט אויסדריקען. געווים קאָן מען ביי איהם צונעהמען אַזאַ גרויסען טהייל פון די פּראָדוקטען, אַז איהם קומט אוים נאָר צו הונגערען; אָבער דער מאַן, וואָס עקספּלואַטירט איהם קאָן דערפון ניט ווערען פיעל רייכער. און דערפאר זיינען טאַקע ניט געווען אַזעלכע גרויסע פערמעגענס, ווי די היינטיגע, אין יענע צייטען, איידער מ׳האָט נאָך געאַרבייט מיט מאַשינען. ס׳איז פּשוט געווען צו שווער צו פּראָדוצירען עשירות.

אָבער לאָמיר זיך נור ניט דערווייטערען פון אונזער ענין. די ערפינדונג פון די דאמפּף־מאַשין האָט דעם רייכען מאַן פון די ערשטע צייטען פון דעם אכטצעהנטען יאָהרהונדערט געגעבען די געלעגענהייט, אין וועלכע ער האָט זיך אַזוי גענויטיגט. פאַבריקען קאָסטען געלד. אָבער די אַרבייטער האָבען קיין געלד ניט געהאַט. די רייכע האָבען יא געהאַט. און די רייכע לייט האָבען גענומען בויען פאבריקען. דער פאַקט איז, אַז די רייכע האָבען פון די הענד פון דער עוואָלוציאָן איבערגענומען דעם אָרימאַן׳ס אַרבייטס־געצייג.

פון יענער צייט אָן האָט שוין דער אַרבייטס־מאַן קיין מאָל ניט געקאָנט האָבען זיין אייגענע געצייג צו דער אַרבייט. די אמאָליגע געצייג איז געפאַלען אין דעם קאַמפּף, וואו בעזיעגען מוז דער בעסערער־צוגעפּאַסטער. הונדערטער יאָהרען שוין האָט די וועלט געהונגערט איבער די אַלטע האנד־געצייג, — און דיעזע געצייג האָט ניט געקאָנט אָנהאַלטען אפילו אויף איין רגע נאָך די ערפינדונג פון דאמפּף און מאַשינערי. און עס איז אויך געווען רעכט אַזוי, אַז די אַלטע געצייג זאָל זיך געהן איהר וועג. דעם אַרבייטער׳ס אומגליק איז דאָ געווען בלויז דאָס, וואָס די נייע געצייג האָבען געקאָסט צופיעל, אַז איין מענש זאָל זיי קאָנען פּער־מעגען, און אויך דאָס, אַז דיעזע נייע מאַשינערי האָט אויך וועניג־וואָס געשטימט מיט פּריוואַט אייגענטהום. איין מענש אַליין קאָן ניט אַרבייטען מיט אַ גאַנצע שיך־פּאַבריק, אַפילו ווען די פאַבריק איז זיין אייגענע. פיעלע מענשען דאַרף מען פאַר די אַלע מאַשינען,

און צו מאכען די מענשליכע ארבייט מעהר פּרוכטבאר, דארף מען האָבען פיעלע מאשינען.

דאָס אַלעס האָבען די ערשטע סאָציאַליסטען גוט איבערגע־קלעהרט און פערשטאנען. זיי האָבען געזעהן ווי די רייכע לייט פון יענער צייט האָבען זיך געבויט פאבריקען. זיי האָבען געזעהן, אז די פערמעגליכע, וואָס זיינען אָבער ניט אזוי רייך, האָבען זיך געבויט פאבריקען בשותפות. איבער דער גאנצער וועלט האָבען זיך גענומען בעוויזען פיעלע קליינע שותפות־געשעפטען, און יעדער איינער איז געוואָרען אַ קאָנקורענט דעם צווייטען אין דעם זעלבען סאָרט געשעפטען. די פאבריקאנטען האָבען זיך פער־מעהרט, און אַלע האָבען גענומען גלויבען, אז „קאָנקורענץ איז די נשמה פון האנדעל".*)

אָט דאָס נעהמט אייך גוט אין זינען. אָט דאָ, ביי דעם פּונקט, הויבט אָן שפּראָצען דער סאָציאַליזמוס.

די ערשטע סאָציאַליסטישע שרייבער, וועלכע האָבען נביאות געזאָגט אויף די טראסטס, האָבען ניט געגלויבט, אז קאָנקורענץ איז די נשמה פון האנדעל. זיי האָבען געגלויבט, אז דער אונ־פערמיידליכער סוף פון דער קאָנקורענץ מוז זיין איהר זעלבסט־מאָרד. זייער געדאנקען־גאנג איז געווען ווי פאָלגט:

פאַבריקאַנטען נעהמען זיך צו אַ געוויסען געשעפט, ניט דערפאר וואָס זיי ווילען דעם פּובליקום צושטעלען, וואָס מען דאַרף, זאַנדערן דערפאַר גאַר, וואָס זיי ווילען פיר זיך אַליין מאַכען פּראָפיט.

אָבער די פּראָפיטען וועט דאָך האָבען דער, וואָס פער־קויפט די סחורות; מוזען דערפאַר די פאַבריקאַנטען קאָנקו־

---

*) דער ענגלישער וואָרט „טרייד", וועלכען דער פּראָפעסאָר גע־ברויכט דאָ אין דעם גוט בעקאנטען ענגלישען שפּריך־וואָרט, מיינט ניט נאָר „האנדעל", זאָנדערן אַ מלאָכה אויך. זאָל דער לעזער דאָס האָבען אין זינען. — דער איבערזעצער.

רירען איינער מיט'ן אַנדערען, כדי וואָס מעהר צו פּערקויפען
די סחורה.

די פּאַבריקאַנטען קענען אָנהאַלטען די קאָנקורענץ און
דאָך האָבען פּראָפּיט כל זמן עס פּאָדערט זיך מעהר סחורה
צום פערקויפען ווי ס'איז דאָ. אָבער די נאָכפראַגע אויף
סחורה קען ניט לאַנג אָנהאַלטען גרעסער ווי דער אָנבאָט.
די געלעגענהייט צו מאַכען פּראָפּיטען וועט איינגעבען חשק
נאָך אַנדערע קאַפּיטאַליסטען אַריינצוגעהן אין די זעלבע
פּאַבריק-אונטערנעהמונגען. און דער מאַרק וועט ווערען אי-
בערגעשטאָפּט מיט סחורות, ווייל מ'וועט אָנאַרבייטען מעהר
ווי ס'איז דאָ מיט וואָס צו קויפען.

די קאָנקורענץ וועט דערפאַר ווערען אַזוי שאַרף צווי-
שען די פּאַבריקאַנטען, אַז די פּראָפּיטען וועלען אָנהויבען
ווערען קלענער ביז עס וועט אין גאַנצען גאָר ניט בלייבען.
אום אָנצוהאַלטען די פּראָפּיטען, וועלען די פּאַבריקאַנטען
מוזען אויפהערען צו קאָנקורירען. די שטאַרקערע וועלען
אָדער אָבקויפען די געשעפטען ביי די שוואַכערע, אָדער זיי
וועלען זיי פּשוט אַזוי דערשטיקען, אַז עס וועלען בעשאַפען
ווערען מאָנאָפּאָליעס — פון אָנפאַנג מיט דעם צוועק נור
אָבצושאַפען די קאָנקורענץ און צו ראַטעווען די קאָנקורענ-
טען פון זייערע אייגענע הענד, — אָבער דערנאָך, ווען שוין
גוט אָרגאַניזירט, וועלען די מאָנאָפּאָליעס אויך געברויכט
ווערען צו ראַבעווען דאָס פאָלק.

און דערביי געדענקט, — דיעזער געדאַנקען-גאַנג איז ניט קיין
נייעס. ער איז שוין זיעבציג יאָהר אַלט. דאָס זעהט אוים ווי
עס נייעס בלויז, וואָס דאָס איז מקוים געוואָרען דאָ ניט לאַנג
צוריק. היינט גלויבט שוין קיינער ניט, וואָס האָט נאָר אָפענע
אויגען, אַז קאָנקורענץ איז די נשמה פון האַנדעל. די ווערטער
זיינען פערגליווערט געוואָרען אויף די ליפּען טאקע פון די זעלבע
לייטע, וואָס פלעגען זיי אַזוי אָפט אַרויסזאָגען. דער פערשטאָר-

בענער סענאַטאָר האַננאַ איז געווען איינער פון די פיעלע, וועלכע פלעגען אַ מאָל מיינען, אַז אָהן קאָנקורענץ איז ניט מעגליך קיין גוטע געשעפטען. אָבער אַז די גרויסע טראַסט־בעוועגונג האָט זיך אַ לאָז געטהאָן איבער דער וועלט אין יאָהר 1898, האָט סענאַטאָר האַננאַ געזאָגט: — „דאָ האַנדעלט זיך ניט וועגען דעם, צי די געשעפטסלייטע גלויבען, צי זיי גלויבען ניט אין טראַסטס. ס'איז בלויז אַ פראַגע, צי געשעפטסלייטע ווילען בעסער גע'הרג'עט ווערען דורך קאָנקורענץ, צי זיי ווילען זיך בעסער ראַטעווען דורך קאָ־אָפּעראַציאָן."

יעדענפאַלס זיינען די טראַסטס דער בעסטער בעוויז פון די ריכטיגקייט פון סאָציאַליסטישע נביאות, אַז זיי וועלען קומען. און געקומען זיינען די טראַסטס טאַקע ווי די ערשטע סאָציאַליסטען האָבען פאָראויסגעזאָגט אַז זיי וועלען קומען.

איצט לאָמיר צוערשט גוט בעטראַכטען, וואָס דיעזע ערשטע סאָציאַליסטישע שרייבער האָבען געדענקט וועגען די טראַסטס, וועלכע זיי האָבען אַזוי ריכטיג בעשריבען נאָך איידער זיי האָבען זיך בעוויזען, — וואָס האָבען דיעזע שרייבער גערעכענט וועט ווערען פון די טראַסטס און וואָס וועט נאָך זיי פערנעהמען זייער פּלאַץ אויף דער וועלט.

קיינער האָט נאָך קיין מאָל ניט געהערט, אַז אַ סאָציאַליסט זאָל זיין ברוגז אויף אַ טראַסט נור דערפאַר, וואָס ער איז געקומען אויף דער וועלט. דער סאָציאַליסט איז פונקט אויף אַזוי ברוגז אויף אַ גרינעם עפּעל, וואָס ער איז אויסגעוואַקסען אויפ'ן צווייגעלע. און דער אמת איז טאַקע, אַז סאָציאַליסטען רעכענען די טראַסטס, פאַר גרינע עפּעלעך, וואָס זיינען אויסגעוואַקסען אויפ'ן בוים פון אינדוסטריעלער עוואָלוציאָן. און דערפאַר וועלען די סאָציאַליסטען ניט געהן אָראָפּהאַקען דיעזע גרינע עפּעלעך, פון וועלכע די וועלט האָט בויך־וועהטאָג, פונקט ווי מ'געהט ניט רייסען די גרינע עפּעל, מיט וועלכע חדר־אינגלעך עסען זיך איבער. און זיי האַלטען זיך אָפּ דערפון, ערשטענס, ווייל זיי זיינען עוואָלוציאָ־

ניסטען, — און ניט נור אין ביאָלאָגיע אַליין, זאָנדערן אין אַלעמען; און, צווייטענס, דערפאַר ווייל זיי געדענקען גאַנץ גוט, אַז די גרינע עפּעלעך, פון וועלכע קליינע אינגלעך האָבען בויך־וועהטאָג, דאַרף מען לאָזען וואַקסען ביז זיי וועלען צייטיג ווערען; דאַן וועלען דערוואַקסנע מענשען פון זיי האָבען פערגניגען.

אין קורצען, די סאָציאַליסטען קוקען אויף די טראָסטס אָדער פּריוואַט־מאָנאָפּאָליעס, ווי אויף אַ נויטיגען שטאַפּעל אין דער עוואָלוציאָן פון אינדוסטריע, — אַ שטאַפּעל, וואָס אויסמיידען איהם האָט מען ניט געקענט, וואָס אין פיעלע הינזיכטען איז דאָס אויך אַ גרויסער שריט פאָרווערטס אין פערגלייך מיט יעדער פאָרמע פון דער פריהערדיגער ציוויליזאַציאָן; און דאָך איז דאָס אַ שטאַפּעל, אויף וועלכען מיר קאָנען זיך ניט אָפּשטעלען, סיידען די ציוויליזאַציאָן אַליין זאָל זיך אָפּשטעלען. און דערפאַר נעהמען די סאָציאַליסטען אָן דעם פאָלגענדען שטאַנדפּונקט: —

די אַלע רעדערייען וועגען פערניכטען די טראָסטס, אָדער זיי זאָגאַר קענען ריכטיג קאָנטראָלירען, זיינען ניט מעהר ווי שיטען זאַמד אין די אויגען פון דער עוואָלוציאָן אַליין.

פּריוואַט מאָנאָפּאָליעס קאָן מען ניט פערניכטען — סיידען נור ווי מען פערניכטעט גרינע עפּעל, — דאָס הייסט, דערשטיקען זייער וואוקס און פערהאַלטען דעם גאַנג פון עוואָלוציאָן, אַנשטאָט זיי לאָזען אויסוואַקסען און אונז ברענגען גוטע פרוכט.

פּריוואַט מאָנאָפּאָליעס קאָן מען ניט טיכטיג קאָנטראָלירען, ווייל כל זמן מ׳לאָזט זיי נור עקזיסטירען אויף דער וועלט, וועלען זיי קאָנטראָלירען די רעגיערונג אַנשטאָט די רעגיערונג זאָל זיי קאָנטראָלירען. זיי וועלען קאָנטראָלירען די רעגיערונג דערפאַר, וואָס זייערע ריעזיגע פּראָפיטען, וואָס ווערען דאָ געשטעלט אין קאָן, וועלען זיי טרייבען דערצו. און די געוואַלדיג־ריעזיגע קאַפּיטאַלען זייערע וועלען

זיי אויך געבען די מאכט דערצו — צו קאָנטראָלירען די רעגיערונג.

מיט אנדערע ווערטער, זאָגען די סאָציאַליסטען, אז דער גאנג פון עוואָלוציאָן טאָר מען ניט אָפּהאַלטען.

וואָס מיינען זיי דערמיט?

זיי מיינען, אז די געזונטע כחות פון דעם טראָסט־פּרינציפּ דארפען מיר ניט אוועקלאָזען; און נאָר די שלעכטע דארפען מיר פערניכטען.

וועלכע כחות זיינען עס די גוטע? דאָס איז די שפּאָרזאמקייט, די עקאָנאָמיע פון גרויסע, גוט איינגעאָרדענטע פּראָדוקציאָן און דאָס אויסמיידען פון די אַלערליי פערשווענדונגען פון די ניט־איינגעאָרדענטע, קאָנקורירענדע פּראָדוקציאָן. און וואָס זיינען די שלעכטע כחות? דאָס זיינען די מעגליכקייטען, וואָס פּריוואַט־מאָנאָפּאָליע האָט צו בעהערשען דעם מארק און די רעגיערונג און צו ראבעווען דעם קויפער.

די סאָציאַליסטען בעהויפּטען, אז דאָס גוטע קאָן מען אויפהאַלטען און דאָס שלעכטע קאָן מען פערניכטען, ווען מען זאָל פון די פּריוואַט־מאָנאָפּאָליעס מאכען א קהל'שע מאָנאָפּאָליע, — מיט אנדערע ווערטער, אז מען זאָל לאָזען די רעגיערונג האָבען די טראָסטס אין די הענד און דאָס פאָלק זאָל האָבען די רעגיערונג אין די הענד.

דאָס קאָן אפשר אויסזעהן ווי א „פּאַטענטירטע מעדיצין", ווי די שונאים פון סאָציאַליזמוס רופען עס. אבער ס'הויבט זיך גאָר ניט אָן. דאָס איז ניט קיין פּאַטענטירטע מעדיצין פּונקט ווי די טראָסטס אַליין זיינען ניט קיין פּאַטענטירטע מעדיצין. די סאָציאַליסטען האָבען ניט אויסגעטראַכט ניט די פּריוואַט־מאָנאָפּאָליעס און אויך ניט די קהל'שע מאָנאָפּאָליעס. די סאָציאַליסטען האָבען ניט גע'הרג'עט די קאָנקורענץ. די קאָנקורענץ האָט זיך אַליין גע'הרג'עט. די סאָציאַליסטען זיינען בלויז געווען אים־שטאַנד צו זעהן פאָראויס, אז צו פיעל קאָנקורענץ מוז מאכען א

סוף צו דער קאָנקורענץ אַליין און דערמיט איינפיהרען אַ צייט פון פּריוואַט־מאָנאָפּאָליע.

און אַז די סאָציאַליסטען האָבען שוין יאָ געזעהן אַזוי ווייט, האָבען זיי שוין אויך אַ בליק געטהאָן נאָך ווייטער אַ ביסעל און זיי האָבען דערזעהן, אַז די פּריוואַט־מאָנאָפּאָליע וועט ניט זיין נאָר צוקער מיט האָניג. זיי האָבען געזעהן, אַז אונטער די הערשונג פון פּריוואַט־מאָנאָפּאָליע וועט מען זיך נעהמען ראבעווען נאָר אויף אַ נייעם, זאָנדערבאַרען, ריעזיגען אופן. און זיי האָבען גע־וואוסט, אַז דעם פאָלק וועט קיין שום פאָרמע פון רויבעריי ניט גע־פעלען. און זיי האָבען געוואוסט, אַז מ'וועט געגען דעם נעהמען געוואַלדעווען, ווי מען געוואַלדעוועט טאַקע היינט געגען די טראַסטס. און זיי האָבען געגלויבט, אַז נאָך דעם ווי מען וועט זיך פּראָבירען פערניכטען די טראַסטס, און מ'וועט ניט קאָנען; און נאָך דעם ווי מען וועט פּראָבירען קאָנטראָלירען די טראַסטס, און מ'וועט דאָס אויך ניט קאָנען, וועט מען אויפהערען צו שטעלען זיך געגען דער עוואָלוציאָן, דאָס פאָלק וועט בעסער אַליין וועלען האָבען דעם בענעפיט פון די טראַסטס, אַליין ווערענדיג דער אייגענטהימער פון זיי.

דאָס קאָן זיך טאַקע אפשר אויסקומען ווי עפּעס אַן איבער־טרייבונג, אָבער אַם וועניגסטען אַ טהייל דערפון איז שוין מקוים געוואָרען. ס'האָט זיך שוין ארויסגעוויזען, אַז מיט פּריוואַט מאָ־נאָפּאָליע קאָן מען פערשפּאָרען ריעזיגע סומען, וואָס די קאָנקורענץ האָט אונז פריהער אָבגעקאָסט, — און געקאָסט האָט עס נור אויס־צוגעפינען וועך עס זאָל אָן דיר מאַכען אַ פּערדיענסטעל, ווען דו נעהסט עפּעס קויפען. דעם קויפער הויבט דאָך דאָס אַבסאָלוט ניט אָן צו ארען, וועלכער סוחר עקספּלואַטירט איהם. אָבער ווען די קאַפּיטאַליסטען האָבען קאָנקורירט צווישען זיך אַריינצוכאַפּען דעם קונה, האָט דאָך דער קונה אַליין געמוזט בעצאָהלען אַלע קאָסטען פון דער רייסעריי איהם אַריינצוקריגען.

און די פּריוואַט־מאָנאָפּאָליע האָט אין אַ גרויסען טהייל פער־

שפּאַרט די אַלע קאָסטען פון די יאַגעניש נאָך דעם קונה, ווייל זי האָט פערניכטעט די אמאָליגע קאָנקורענטען, וואָס האָבען זיך גע־ריסען איינער מיט'ן אנדערען, ווער עס וועט דער ערשטער קומען אויפ'ן מארק; פּריוואט מאָנאָפּאָליע האט אויך פערקלענערט די קאָסטען פון פּראָדוקציאָן, ווייל זי האָט ביי זיך גענומען פער־שפּאָרען די אַלע אומזיסטע קאָסטען, וואָס מ'קאָן אויסמיידען אין דער גראָס־פּראָדוקציאָן.

איין זאַך אָבער האט די פּריוואט־מאָנאָפּאָליע נאָך ניט אויפ־געטהאָן און וועט אויך קיין מאָל ניט אויפטהאָן — איבערצוגעבען צו דעם קאָנסומער (דעם קויפער פון איהרע פּראָדוקטען) אַלעס וואָס זי האט דערביי אָפּגעשפּאָרט פון די קאָסטען. די מאָנאָ־פּאָליסטען האָבען אַ ביסעלע טאקע אָפּגעגעבען דערפון, אָבער גאַנץ ווייניג. דאָס ביסעלע, וואָס זיי האָבען אָבגעגעבען, איז אַ גאַנץ קנאפּער טהיילכעל דערפון, וואָס זיי האָבען ביי זיך איבערגעלאָזט. און דערפון אַליין שטאמט טאקע דער גאַנצער טראָבעל. דעם פאָלק ווערט אַלץ שווערער צו מאכען אַ לעבען, און ער פיהלט עס. אַ יאָהר צוועלף שוין, אַז עס ווערט אַלץ שווערער דער לעבען. און שטארקער און שטארקער ווערט אַלץ די פאָדערונג, אַז מ'זאָל עפּעס טהאָן מיט די טראָסטס.

די ערשטע פאָדערונג איז געווען — צושטערט זיי, די טראָסטס. אָבער איצט איז פּיעלייכט אין דעם גאַנצען לאנד פאראָן בלויז איין מענש, וואָס האָט זיך נאָך אַלץ ניט איבער־צייגט, אַז די טראָסטס קאָן מען ניט צושטערען; דאָס איז מיסטער ברייען. אַלע פאָדערען היינט, אַז די טראָסטס זאָל מען רעגולירען, און די ערגסטע פון די טראָסט־מאגנאטען זאָל מען איינזועצען אין געפענגנים. אָבער ביז היינטיגען טאָג האָט מען נאָך קיין איין טראָסט ניט רעגולירט, און מ'האָט נאָך דערווייל קיין איין טראָסט־מאגנאט ניט איינגעזועצט.

נאטירליך, אָפּיציעל גערעדט, זיינען די סטענדערד אויל קאָמ־פּאַניע, די אמעריקען טאָבעקאָ קאָמפּאַניע און דער קוילען־טראָסט

געריינגט געוואָרען אין די בלויע וואַסערען פון דעם סופרים־קאַרט־וואַש־טאָפּ, און ארויסגעהאַנגען פאַר דער וועלט ווייס ווי שנעע. אָבער מענשען, וואָס זיינען ניט בלינד און טויב, ווייסען, אַז דאָס רעדט זיך נור אַזוי. מענשען ווייסען, אַז די סטענדערד אויל קאָמפּאַניע, די אַמעריקען טאַבעקאָ קאָמפּאַניע און דער קוילען־טראָסט האָבען זיך בלויז אַנגעטהאָן מאַסקעס און פיהרען אָן זייער רויבעריי ווי פריהער. און דערפאַר איז די סאָציאַליסטישע נבואה פון זיעבציג יאָהר צוריק ווידער אַ מאָל בעשטעטיגט געוואָרען, אַז ביז די אונמעגליכקייט פאַר די רעגיערונג צו פערניכטען אָדער קאָנטראָלירען די טראָסטס.

דאָ האָבען מיר, אַלזאָ, וואָס די סאָציאַליסטען ערוואַרטען פון דעם סאָציאַליזמוס, אַז ער וועט פערקלענערען די פּרייזען אויף סחורה ביז די קאָסט־פּרייז אַליין, און דערמיט ניצליך זיין דעם פאָלק אַלס קאָנסומערס (די וואָס געברויכען די זאַכען), אָבער די סאָציאַליסטען רעכענען, אַז דער סאָציאַליזמוס וועט נאָך פיעל מעהר אויפטהאָן פאַר'ן פאָלק אַלס ארבייטער, בעטראַכט נור די יעצטיגע פלאָגעניש פון דעם ארבייטס־מאַן. ער האָט אַ רעכט צו לעבען, אָבער אַ רעכט אויף די מיטלען, מיט וועלכע ער קאָן זיך ערווערבען צום לעבען — דאָס האָט ער ניט. ער קאָן דאָך ניט לעבען אָהן ארבייט, — און דאָך ארבייט מוז ער זיך זוכען אַלס עפּעס אַ טובה פון אימיצען — ניט אַלס זיין רעכט.

מיט דעם אָנפאַנג פון דער צייט פון אַ וועלט מיט מאַשינען, איז דעם ארבייטער געוואָרען אונמעגליך צו ארבייטען אָהן מאַ־שינערי. און דאָך האָט דער ארבייטער קיין מאַשינען ניט, און קיין מאַשין קאָן ער ניט אָנריהרען סיידען ער פערדינגט זיך פריהער צום אייגענטהימער אויף אַ געוויסען אָפּמאַך.

און די סאָציאַליסטען פאָדערען אויף דאָס פאָלק, ער זאָל זיך גוט בעזינען, וואָס דער סוף קען נאָך זיין פון אַזאַ אונגעהערטע לאַגע. ערשטענס, איז מען גאָר ניט זיכער צו האָבען ארבייט. קיינער ווייסט ניט, ווי לאַנג זיין דזשאָב וועט נאָך אָנהאַלטען.

אפשר מאָרגען פערליערט ער איהם שוין. עס זיינען פאַראַן פיעלע אורזאַכען, וואָס קאָנען טרייבען דערצו, אַז דער ארבייטער זאָל פערליערען די געלעגענהייט צו שטעהן ביי דער ארבייט. די הערערען פון וואָל סטריט קאָן זיך פערוועלען אַזאַ דריק צו טהאָן דעם געלד־מאַרק, אַז די אינדוסטריע מוז זיך אָפּשטעלען. אָדער די געשעפטען קאָנען אָנהויבען ווערען שוואַכער, ווייל מ׳האָט שוין אָנגעאַרבייט מעהר סחורות, ווי דער מאַרק קאָן פערדייהען. א געלד־זיכטיגער באָס קאָן נאָך ארויסרופען א סטרייק, וועלענדיג ארונטעררייסען די ווידזשעס פון די בעשעפטיגטע. פיעלע זיינען פאַראַן אַזעלכע אורזאַכען, וואָס יעדע איינע פון זיי קאָן מיט א מאָל, אונערוואַרטעט, זיך אַוועקשטעלען צווישען דעם ארבייטער און די מאַשינערי, אָהן וועלכע ער קאָן דאָך ניט ארבייטען.

אָבער נאָך ערגער ווי די אונזיכערהייט צו האָבען ארבייט, איז די אבסאָלוטע געוויסהייט, אַז מיליאָנען מענשען מוזען שטענדיג ארומגעהן אָהן ארבייט. קיין מאָל איז נאָך ניט געווען אַזאַ גוטע צייט, אַז יעדער איינער זאָל האָבען ארבייט. די מייסטע פון אונז ווייסען דאָס ניט, אָבער ס׳איז א פאַקט, אַז אפילו אין די בעסטע צייטען געהען ביי אונז ארום אָהן ארבייט א מיליאָן מענשען. און אין די ערגסטע צייטען איז די צאָהל ארבייטסלאָזע א מאָל העכער זאָגאַר ווי 5,000,000. און די מדינה געהט אויס נאָך אַלע גוטע זאַכען, — וואָס דיעזע מיליאָנען וואָלטען דאָך געקאָנט אויס־ארבייטען. מען נויטיגט זיך זעהר פיעל אין שיך, מעהל, הייזער, קליידער, מעבעל און הייצונג. דיעזע מיליאָנען מענשען, ווען מ׳זאָל זיי נאָר צולאָזען צו די מאַשינען, וואָלטען זיי געקאָנט פּראָדוצירען דיעזע אַלע זאַכען, אַז עס זאָל זיין גענוג פאַר אַלעמען. און ווען זיי וואָלטען נאָר געקאָנט ארבייטען, וואָלטען זייערע פער־דיענסטען פיעל־פיעל פערגרעסערט די מאַסען געלד אין לאַנד, און יעדער איינער וואָלט געקאָנט מעהר קויפען. אָבער ארבייטען קאָנען זיי ניט, ווייל די מאַשינען, אָהן וועלכע זיי קאָנען זיך ניט בעגעהן, זיינען ניט זייערע; און די הערערען, צו וועמען דיעזע

מאשינען בעלאנגען, לאזען צו זיי קיינעם ניט צו, ווייל זיי קאנען פאר זיך דערפון קיין פראפיט ניט מאכען.

די סאציאליסטען ערקלעהרען, אז אזא לאגע איז א שרעקליכע. די סאציאליסטען זיינען איבערראשט, וואס די נאציאן קאן גאר דולדען אזא זאך. און די סאציאליסטען דענקען, אז די נאציאן וואלט דאס טאקע ניט געוואלט דולדען, ווען זי וואלט עס נור געקאנט פערשטעהן.

איינינע זאכען איז לייכטער צו פערשטעהן, און אנדערע שווע־רער. ווען פינף מיליאן מענשען וואלטען זיך געפונען אויף א שיף, וואס האלט ביים אונטערגעהן ניט ווייט פון דעם אטלאנטישען ברעג און דער קלאס ארבייטסגעבער וואלטען זיי ניט געוואלט לאזען צושווי־מען צום ברעג נור דערפאר, וואס דיעזע ארבייטסגעבער דארפען זיי ניט — את אזא זאך וואלט דאס פאלק שוין יא פערשטאנען. די סאציאליסטען דענקען, אז באלד וועט דאס פאלק נעהמען פערשטעהן די יעצטיגע לאגע אויך.

און דא האבען מיר נאך א זאך, וואס די סאציאליסטען האפען, אז דאס פאלק וועט באלד אנהויבען פערשטעהן. די סיסטעם צו ערלויבען נור איינינע מענשען געברויכען די מאשינען, מיט וועלכע אלע מענשען מוזען אדער ארבייטען אדער אויסגעהן פון הונגער, — דיעזע סיסטעם צווינגט די מענשען זיך רייסען איינער מיט׳ן אנ־דערען, — קאנקורירען צו צוקומען צו די מאשינען. ווען עס וואלטען ניט געווען מעהר ארבייטער, ווי די קאפיטאליסטען דאר־פען, וואלט אזא קאנקורענץ ניט אנגעגאנגען. עס מוזען אבער שטענ־דיג זיין מעהר ארבייטער, ווי די קאפיטאליסטען דארפען, — און את פארוואס: —

דער קאפיטאליסט פאדערט דאך פאר זיך א פראפיט פון דעם ארבייטער׳ס ארבייט. דאס איז א פאקט. און דיעזער פאקט מאכט עס שוין אונמעגליך פאר דעם ארבייטער צוריקצוקויפען די אלע פראדוקטען, וואס ער האט געמאכט. אונטער די יעצטיגע אומ־שטענדען, מוז דער האנדעל דערפאר זיין קלענער, ווי דער נאטיר־

ליכער פערלאנג פון דעם פאלק אויף סחורה. אבער מיט דעם גע־ברויך פון מאשינען קאן דאך יעדער ארבייטער אויסארבייטען זעהר א גרויסע מאסע זאכען — קומט דאך אויס, אז נור א טהייל פון די ארבייטער דארף מען האבען צו פראדוצירען די גאנצע סחורה, וואס קאן פערקויפט ווערען מיט פראפיט. און דערפאר איז טאקע קיינמאל ניטא קיין ארבייט פאר אלעמען.

און אז עס זיינען פאראן מעהר ארבייטער ווי דזשאבס, מוז שוין אויסקומען אזוי, אז די ארבייטער זאלען זיין געצוואונגען זיך ארומצוררייסען איבער א דזשאב. און נור א טהייל ארבייטער קאנען האבען ארבייט, און יעדער איינער מוז קעמפפען צו זיין איינער פון דיעזען טהייל. און די ארבייטער, וואס האבען קיין בעשעפטיגונג ניט, — זיי ווילען שטענדיג זיך שטעלען צו דער ארבייט, ווען ניט פיר קיין גרעסערע וויידזשעס, טא איז כאטש פיר אזעלכע וויידזשעס, מיט וועלכע זיי קאנען זיך פיהרען דעם ארימסטען סארט לעבען, צו וועלכען זיי זיינען געוועהנט. דערפון קאנען מיר, אזלא, זעהן, אז וויידזשעס ווערען שטענדיג נעמאסטען לויט די קאסטען וואס מ'דארף צום לעבען. און אויב דאס לעבען קאסט א סך, זיינען די וויידזשעס הויכע. און אויב דאס לעבען קאסט ביליג, זיינען די וויידזשעס נידעריגע. און יעדענפאלס בלייבט דעם ארבייטער גאר־ניט נאך די אלע קאסטען, וואס ער מוז האבען צום לעבען.

די סאציאליסטען זאגען, אז דאס איז ניט רעכט אזוי. מיר קאנען פערשטעהן דעם קאפיטאליסט, וואס ער קויפט ארבייט, ווי מ'קויפט אייזען; אבער, זאגען די סאציאליסטען, דעם ארבייטער קומט מעהר אנערקענונג ווי א שטיק אייזען. די פרייז פון ארבייט, זאגען זיי, דארף געשטעלט ווערען לויט דעם ווערטה פון דעם פרא־דוקט פון דער ארבייט, און ניט לויט די שווערע נויט פון דעם ארבייטער. זיי, די סאציאליסטען, זאגען, אז ביי די יעצטיגע אומ־שטענדען האבען די אייגענטהימער פון די מאשינען דעם גרעסטען בענעפיט, און די, וואס ארבייטען ביי דיעזע מאשינען, געניסען אפילו די האפנונג אויך ניט.

און אויך היינט, ווי אין די אמאָליגע צייטען, וואגט דער דורכשניטליכער ארבייטער ניט צו האָפען אויף מעהר, ווי ער דאַרף נעבאַך האָבען ניט אויסצוגעהן פון הונגער. און דער צענזוס — דאָס הייסט, די רעכנונגען, וואָס די רעגיערונג גיט ארוס, — דערצעהלט אונז איבער און איבער אמאָל, אז די גרעסטע מאסע פון פאָלק ביי אונז אין לאַנד איז אַזוי אָרים, אז אפילו דער דאַך, אונטער וועלכען זיי וואוינען, איז אויך ניט זייערער.

דער צוועק פון סאָציאַליזמוס איז, אז די ארבייטער זאָלען האָבען א ל ע ס וואָס זיי פּראָדוצירען. און ווען די סאָציאַליסטען זאָגען „ארבייטער" מיינען זיי ניט נור די, וואָס געהען אין אָוועראָלס און נעהמען מיט זיך מיט ווארמעס צו דער ארבייט. מיר מיינען יעדען איינעם, וואָס טהוט א ניצליכע ארבייט. סאָציאַליסטען האַלטען דעם הויפּט־אויפזעהער פון אן אייזענבאהן אויך פאר אזא'ן ארבייטער, ווי דער, וואָס איז בעשעפטיגט אין וואָקזאַל. אָבער די וואָס האָבען אייזענבאהן־אקציעס און באָנדס, האַלטען זיי ניט פאר קיין ארבייטער. דיעזע האַלטען מיר פאר פּאראזיטען, וועלכע לעבען פון די ארבייט פון אנדערע, ווייל זיי האָבען די לאָקאָמאָטיווען, די קארס און די אַלע אַנדערע זאכען, מיט וועלכע די ארבייטער טהוען די ארבייט. און אזוי ווי דאָס אייגענטהום אין מאשינערי איז עס דער קלאָב, מיט וועלכען די קאפּיטאַליסטען קאָנען בעגעהן זייער רויבעריי, ערקלעהרען די סאָציאַליסטען אויך, אז דער איינציגער וועג ווי אָבצושטעלען די רויבעריי, איז צו צונעהמען דעם קלאָב. עס וואָלט אָבער קיין נוצען ניט געבראכט, ווען מען זאָל צונעהמען דעם קלאָב פון די, וואָס האָבען איהם איצט, און איהם איבערגעבען זאָגאר צו איינציגע ארבייטער, וואָרים כל זמן מיר האַלטען אָן דעם פּרינציפּ פון פּריוואַט אייגענטהום, מוז די אייגענטהום אין גיכען איבערגעהן בלויז אין עטליכע הענד, און די רויבעריי וועט ווייטער אָנגעהן מיט די זעלבע גרויזאַמקייט, ווי פריהער. די סאָציאַליסטען גלויבען, אז די איינציגע רפואה איז אין גאַנצען צו פערניכטען דעם קלאָב, צונעהמענדיג די גאַנצע אייגענטהום אויף די

גרויסע מאשינעריע פון פּראָדוקציאָן און אויספּערטהיילונג און דאָס איבערגעבען דעם גאַנצען פאָלק אין די הענד פון דער רעגיערונג.

דאָס, אלזאָ, איז דער תוך פון סאָציאַליזמוס — צום פאָלק זאָלען בעלאַנגען די טראַסטס מיט די רעגיערונג. די הערערן וואָס זיינען געגען סאָציאַליזמוס, — צוליעב וואָס פאַר אַן אורזאַכע איז ניט נויטיג דאָ צו ערקלעהרען, — לאָזען ניט אויס די געלעגענהייט צו פערשפּרייטען אַ קלאַנג, אַז עס זיינען דאָ מעהר אַלערליי סאָר־טען סאָציאַליזמוסען ווי די אַלע מינים פון די בעריהמטע פּראָדוק־טען פון אַ געוויסען מיסטער היינץ. אָבער דאָס איז ניט אמת.

אויף דער וועלט זיינען דאָ מעהר ווי דרייסיג מיליאָן סאָציאַ־ליסטען, און קיין איינער פון די אַלע דרייסיג מיליאָן וועט זיך ניט ענטזאַגען ארויפצושטעלען אויף דיעזען קאַפּיטעל די קעפּעל: — „דאָס איז סאָציאַליזמוס", און זיך דערנאָך אונטערשרייבען.

יעדער סאָציאַליסט האָט זיך זיין אייגענע אינדיווידועלע אידעע, ווי די מענשהייט וועט פּראָגרעסירען, אַז עס זאָל ווערען אויס אָרימקייט אויף דער וועלט; אָבער אַלע סאָציאַליסטען זיינען איינפערשטאַנען, אַז דאָס הארץ און די נשמה פון אונזער פילאָ־זאָפיע איז געזעלשאַפטליכע אייגענטהום פון אַלע לעבענסמיטעל, אונטער דעמאָקראַטישע רעגיערונג.1) און, אין פערגלייך מיט דיע־זען פּונקט, זיינען אַלע אַנדערע בעהויפּטונגען פון סאָציאַליזמוס ניט אַזוי וויכטיג. געזעלשאַפטליכע אייגענטהום, קהל'שע אייגענ־טהום, דאָס איז דער פעלזען, אויף וועלכען דער סאָציאַליזמוס האַלט זיך אויף לעבען און טויט.

די סאָציאַליסטען אונטערשיידען זיך נור לויט די מיטלען, ווי אַזוי איינצופיהרען די סאָציאַלע אייגענטהום. אַ קליינע גרופּע

1) דיעזער ריכטיגער געדאַנק איז דאָ ניט אין גאַנצען פּינקטליך אויסגעדריקט; ריכטיגער און פּינקטליכער אויסגעדריקט, מיינט עס, „געזעלשאַפטליכע אייגענטהום פון אַלע אַרבייטס־מיטעל אונטער דעמאָ־קראַטישע פערוואַלטונג", . . דער איבערזעצער.

סאָציאַליסטען, צום ביישפּיעל, גלויבען, אַז איינצופיהרען געזעלשאַפטליכע איינענטהום, איז נויטיג צו זיין געגען ארבייטער יוניאָנס. אָבער, אַ חוץ זיי, געהען אַלע סאָציאַליסטען האנד אין האַנד מיט די ארביימער יוניאָנס.

ביי די סאָציאַליסטען איז אויך פאַראַן אַ מיינונגס־פערשיעדענהייט, ווי אַזוי די רעגיערונג דאַרף זיך נעהמען דערצו אַריינצוקריגען די איינענטהום אויף די אינדוסטריעלע טראַסטס, די אייזענבאהנען, די טעלעגראַפען, די טעלעפאָנען, די עקספּרעס־בעדיענונג און אַזוי ווייטער. איינינע סאָציאַליסטען זיינען דאַפיר, אַז מען זאָל דאָס אַלעס קאָנפיסקירען (פּשוט צונעהמען, אָהן בעצאָהלט), אויף דעם גרונד פון דער טעאָריע, אַז דאָס פאָלק האָט אַ רעכט אָנצואווענדען אַזעלכע שארפע מיטלען, און אין אַ געוויסען זין האָבען דיעזע סאָציאַליסטען אויך שטארקע אויטאָריטעטען אויף זייער זייט. לעזט וואָס בענדזשאמין פרענקלין האָט געזאָגט וועגען איינענטהום ביי דער קאָנווענשאָן, וואָס איז געהאַלטען געוואָרען אין 1776, וואָס האָט געזאָלט אויסארבייטען אַ נייע קאָנסטיטוציאָן פאַר פּענסילוויניא:

„שטעלט אייך פאָר, אַז איינער פון אונזערע אינדיאַנער נאַציאָנען וואָלט היינטיגען טאָג איינגעווילינט איינצופיהרען אַ בירגערליכע געזעלשאַפט. די גאַנצע איינענטהום, וואָס יעדער איינער אינדיאַנער וואָלט אריינגעבראַכט אין דעם פערמעגען פון דער געזעלשאַפט, וואָלט ניט געווען פיעל מעהר, ווי אַ ביקס מיט אַ קאָלדרע, ווייל דער אינדיאַנער האָט דאָך ניט מעהר. מיר ווייסען, אַז ווען אַן אינדיאַנער וויל זיך האָבען חזירים, קאָן ער דאָס ניט, ווייל די אַנדערע אינדיאַנער דענקען דאָך, אַז זיי האָבען אַ רעכט צו הרג'ענען און פערצעהרען דיעזע חזירים, ווען זיי דאַרפען פלייש. ביי די אינדיאַנער איז דאָך דאָ אַ פּרינציפּ, אַז די יאַגד איז פריי פאַר אַלעמען. די אָנזאַמלונג פון איינענס אין אַזאַ געזעלשאַפט, און די זיכערהייט פון דעם איינענטהימער מיט זיין איינענס אין יעדער געזעלשאַפט,

קאָן זיין נור דער רעזולטאט פון די בעשיצונג, וואָס די געזעל־שאַפט האָט פון איהרע פעראייניגטע קרעפטען ביים דורכפיה־רען פון איהרע געזעצע.

„דאָס פריוואט אייגענטהום איז, אלזאָ, אַן אויפטהו פון דער געזעלשאפט און דאַרף אויך זיין אונטערוואָרפען די אויפ־פאָדערונגען פון דער געזעלשאַפט, ווען די געזעלשאפט נויטיגט זיך אין דעם אייגענטהום. זאָגאר ביז׳ן לעצטען סענט."

ס׳איז אָבער גענוג זיך צו שטיצען אויף דעם געזעץ פון זעלבסט־ערהאלטונג צו דערווייזען, אז ס׳איז רעכט צו קאָנפיס־קירען די טראַסטס, ווען דאָס פאָלק איז נור איבערצייגט, אז זיין גאַנצע עקזיסטענץ הענגט נור אָפּ פון אזא קאָנפיסקאַציאָן. ווען די מענשען ליידען זיך גענוג אָן מיט הונגער און אונגליק, קוקען זיי גאַנץ ווייניג אויף אַלע געזעצע, א חוץ דעם העכסטען געזעץ, וואָס זאָגט, אז יעדער מענש האָט א רעכט צו לעבען.

איך דענק, אז מיט א יאָהר צוואַנציג צוריק זיינען די מייסטע סאָציאליסטען געווען פאר קאָנפיסקאַציאָן, אָבער היינטיגען טאָג זיינען אַלע מעהר געניינט צו בעלאָהנונג. *)

און דאָס איז גראָד ניט דערפאר וואָס סאָציאליסטען האָבען איבערגעביטען זייער מיינונג וועגען גערעכטיגקייט אין דיעזער אנגעלעגענהייט — דאָס ניט. די סאָציאליסטען הויבען אָבער אָן איינצוזעהן, אז מיט בעלאָהנונג איז דער וועג א קירצערער און א לייכטערער. וויקטאָר בערגער, דער ערשטער סאָציאליסטישער קאָנגרעסמאַן, האָט אריינגעבראכט אין דעם האוז אָוו רעפּרעזענ־טייטיווס א געזעץ פּאָרשלאַג געגען די טראַסטס. אין דיעזען פאָר־

---

*) „קאָנפיסקירען" הייסט ווען די רעגיערונג נעהמט צו אָהן שום בעצאָהלט צו דעם פערזאָן פאר די צוגענומענע אייגענטהום. מיט „בע־לאָהנונג" מיינט מען דאָ, אַז די רעגיערונג זאָל יא בעצאָהלען פאר דעם פערמעגען וואָס זי נעהמט צו. — דער איבערזעצער.

שלאָג לעגט ער פאָר, אַז די רעגירונג זאָל אָפּקויפן אַלע אַזוינע טראָסטס, וואָס קאָנטראָלירן מעהר ווי פיערציג פּראָצענט פון די אַלע געשעפטען אין זייער אינדוסטריע; און בעצאָהלען זאָל מען זיי די פולע פּרייז, — ניט אַריינרעכנענדיג, נאַטירליך, „ווינד און וואַסער״ און די אַלע אַנדערע פּאַרטלען פון ספּעקולאַנטסקען פונאַנדערבלאָזען פון פּרייזען.

אין קורצען, די אַלע מיינונגס־פערשיעדענהייטען, וואָס מיר האָבען אין דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, וועגען די פראַגע פון בעלאָהנונג, זיינען ניט פיעל אַנדערש ווי די מיינונגס־פערשיעדענ־הייטען, וועלכע מ׳האָט אַ מאָל געהאַט וועגען דעם, וואָס איז דער בעסטער וועג ווי צו בעפרייען די נעגערס. יאָהרען־לאַנג נאָך פאַר דעם ברודער־קריעג, האָט הענרי קליי פאָרגעשלאַגען, אַז די רעגיע־רונג זאָל אָפּקויפען אַלע ניגראָס און צאָהלען דאָפּעלט, ווי געוועהנ־ליך, און דאַן זיי לאָזען פריי. און ער האָט בעהויפּטעט, אַז דאָס איז דער שנעלסטער און ביליגסטער מיטעל צו מאַכען אַ סוף צו די רייסערייען צווישען די נאָרטה און די סויטה. אָבער די שקלאַפען־האַלטער האָבען דאַרויף ניט געוואָלט איינגעהן, און דער סוף איז געווען, אַז לינקאָלן האָט בעפרייט די שקלאַפען ניט בעצאָהלענדיג פאַר זיי.

ווען סאָציאַליסטען רעדען וועגען קויפען די טראָסטס, רופען זיי דאָך, נאַטירליך, אַרויס די פראַגע, וואו האָפען זיי צו בעקומען די געלד דערצו. די סאָציאַליסטען דענקען, אַז די געלד דערצו וועלען זיי אַרויסקריגען פון די פּראָפיטען פון די טראָסטס אַליין. און אין דיעזען זין האָט אויך רעפּרעזענטייטיוו בערגער אויסגע־אַרבייט זיין געזעץ־פּאָרשלאַג.

יעדער טראָסט צאָהלט דאָך דיווידענדס אויף די אַקציעס און פּראָצענטען פאַר די באָנדס, און דער טראָסט מוז שוין ווירקליך זיין אַ נעבאַכעל, אויב דאָס אַלעס בעטרעפט ניט קיין צעהן פּראָצענט אויפ׳ן גאַנצען פערטהוענעם קאַפּיטאַל. די מייסטע טראָסטס צאָהלען מעהר ווי דאָס; און ביי אייניגע עקספּרעס קאָמפּאַניעס

כאפט דאס א מאל ארויף אזש ביז פופציג און זאגאר גאנצע הונדער פראצענט דיווידענדס.

דער פארשלאג פון די סאציאליסטען בעשטעהט אין דעם, אז די רעגיערונג זאל בעצאהלען די טראסטס מיט באנדס (רעגיערונגס־וועקסלען) אויף צוויי פראצענט און אז יעדען יאהר זאל מען אב־לעגען אין א פאנד גענוג געלד אויסצוצאהלען די וועקסלען ניט שפעטער ווי אין פופציג יאהר. די לאסט פון אויסקויפען די טראסטס וועט, אלזא, פאלען אויף עטוואס מעהר ווי צוויי דורות; די סאציאליסטען זאגען אבער, אז די לאסט וועט נור אויסזעהן א לאסט, ווייל די פרייזען אויף די טראסט־סחורה וועלען קענען בע־דייטענד פערקלענערט ווערען זאגאר אין דער צייט, וואס מ׳וועט נאך האלטען אין צאהלען צו די טראסטס די שולדען; אבער אז אלע וועקסלען וועלען שוין זיין אויסגעצאהלט, וועט די פרייז אויף די סחורות זיין נור אזוי פיעל ווי די קאסט.

מענשען, וואס ווייסען פון סאציאליזמוס נור עטוואס אדער גארניט, מיינען אז די סאציאליסטען האבען אויך מיינונגס־פער־שיעדענהייט אין דער פראגע וועגען די ראטהזאמקייט צו גע־ברויכען געוואלד אום איינצופיהרען דעם סאציאליזמוס. קיין גרעסערען טעות ווי דער, איז נאך ניט געהערט געווארען. פריהער פאר אלץ איז די סאציאליסטישע פארטיי א פארטיי פון פרידען.

אז דייטשלאנד און ענגלאנד האבען אין דעם יאהר 1911 גע־וואלט אייגע די אנדערע אנכאפען פאר׳ן גארגעל, האט די סאציא־ליסטישע פארטיי אין דייטשלאנד א מאל אין א זונטאג ארויס־גערופען 200,000 מאן אין בערלין און האבען ערקלעהרט, אז אויב ס׳וועט קומען צו מלחמה, וועלען די סאציאליסטען אין דייטשלאנד ניט געהן העלפען זיך שלאגען. און אין יענער מינוט האט מען פון איבעראל צוגעגעבען, אז אפצוהאלטען פון מלחמה האט מעהר ווי אלעם געווירקט די שטעלונג פון די דייטשע סאציאליסטען.

די סאציאליסטען זיינען אויך אזוי פריעדליך אין אלע פראגען וועגען די מיטלען, ווי איינצופיהרען דעם סאציאליזמוס. סאצי־

ליסטען זיינען פריהער פון אלץ און אין יעדען פאל פאר פאליטישע אקציאן און טרייד־יוניאניסטישע טהעטיגקייט. וואו עס איז נור דא דאס פרייע שטים־רעכט, זיינען די סאציאליסטען פאר׳ן באלאט, און ניט פאר ביקסען און באמבעס. די סאציאליסטען פערשטעהען שוין גאנץ גוט, אז געווינען קענען זיי נור דורך איבערצייגען דעם פאלק די ריכטיגקייט פון זייערע מיינונגען. און דערפאר הויבען די סאציאליסטען טאקע אן יעדע קאמפיין גלייך אויף מארגען נאך דער קאמפיין. די סאציאליסטען זיינען די גאנצע צייט פערנומען מיט דרוק־מאשינען און פערזאמלונגען. ביי די סאציאליסטען איז גאר ניטא קיין געענדיגטע קאמפיין.

די סאציאליסטען פערשטעהען גאנץ גוט, אז דער סאציאליזמוס קאן אויפגעבויט ווערען נור אויף פערשטענדיגקייט, און דער געברויך פון דינאמיט וועט אפווענדען דאס פאלק פון זיי נאך אויף א הונדערט יאהר. און דער סאציאליסט, וואס פערשטעהט די זאך אנדערש, איז אליין פון דעם זעלבען סארט פאטענציעלען (מעגליכען) פערברעכער, וואס מ׳קאן געפינען אין יעדער פארטיי — און אויך אזוי זעלטען ווי ביי אונז. די רעפובליקאנער פארטיי האט זיך געהאט איהר גיטא און איהר דזשאלגאטש, אבער זי האט דיעזע לייטע ניט געקאנט פערדאמען שנעלער, ווי די סאציאליסטישע פארטיי וואלט פערדאמט איהרען א מיטגליעד, ווען ער וואלט בעגאנגען אזא פערברעכען.

אלס א פארטיי, זיינען סאציאליסטען פאר געוואלד בלויז אין דעם זעלבען זינן, ווי אייבראהאם לינקאלן איז געוועזן פאר געוואלד, ווען די סאציאליסטען וואלטען געווינען ביי די וואהלען פאר נאציאנאלע ערוועהלטע אינ׳ם לאנד, און די קאפיטאליסטען וואלטען זיך ענטזאגט צו אנערקענען די וואהלען און וואלטען געגען אונז ארויסגעשטעלט די רעגולער ארמעע, דאן וואלטען די סאציאליסטען ארויסגעטראטען מיט די גאנצע געוואלד, וואס זיי וואלטען נור געקאנט ארויסשטעלען, אבער כל זמן די סאציאליסטען זיינען אין א מינאריטעט, פאלגען זיי די געזעצע, וואס די קאפיטאליסטען

גיבען אַרויס; אָבער ווען די סאָציאַליסטען וועלען האָבען די מאַיאָ־
ריטעט, וועלען זיי פאָדערען, זאָגאַר מיט ביקסען אין די הענד, אַז
די קאַפּיטאַליסטען זאָלען אויף פאָלגען די געזעצע, וואָס די סאָ־
ציאַליסטען וועלען מאַכען.

דריטער קאפּיטעל.

די פרומע גרעפּטערס און זייערע גרויסע טענות געגען סאָציאַליזמוס.

די וועלט זאָגט אַ ווערטעל, אַז דעם גוטען בוים, אויף וועל־כען עס וואַקסען די בעסטע עפּעל, שפּאַרט מען אונטער מיט אַ סך שטעקענס. און אונטער דעם בוים פון סאָציאַליזמוס איז דאַכט זיך פאַראַן געגוג שטעקענס פיר אַלע קרומע. צווישען דיעזע קרומע זעהען אייניגע ווירקליך אוים ווי עהרליכע מענשען. אייניגע אָבער ניט. די גרויסע גרעפּטערס פון אונזערע צייטען זיינען אָבער אַלע די שטאַרקסטע שונאים פון סאָציאַליזמוס. די גרויסע גרעפּטערס דערצעהלען אַ מעשה, אַז סאָציאַליזמוס איז ניט נור געגען רעלי־גיאָן, זאָנדערן ער וועט פערניכטען די פאַמיליע אויך.. און די גרעפּטערס זאָגען נאָך, אַז סאָציאַליזמוס הייסט פרייע ליעבע.

עס איז קאָמיש, ווען אַ גרעפּטער נעהמט זיך רעדען געגען סאָציאַליזמוס אין דעם נאָמען פון רעליגיאָן. עס איז אויך זעהר לעכערליך צו הערען ווי די לייטע, וואָס האָבען אַליין אַ ניט־זויבערען שם, אַטאַקירען דעם סאָציאַליזמוס דערפאַר, וואָס ער וועט עס געהן איינפיהרען פרייע ליעבע און דערמיט צערשטערען די פאַמיליע. אָבער בלויז מיט'ן לאַכען פון די, וואָס מאַכען אַזעלכע בעשולדיגונגען, קען זייער פאַלשקייט ניט בעוויזען ווערען. עהר־ליכע מענער און פרויען ווילען דאָך וויסען דעם אמת.

דער אמת איז אַז ס'איז ניט אמת, אַז די סאָציאַליסטען זיינען געגען רעליגיאָן, — דער סאָציאַליזמוס איז בלויז אַן עקאָנאָמישע פראַגע. דער סאָציאַליזמוס בעשעפטיגט זיך מיט דער רעליגיאָן פּונקט ווי מיט אַסטראָנאָמיע, און דער סאָציאַליזמוס איז פּונקט אַזאַ געגנער פון רעליגיאָן ווי פון אַסטראָנאָמיע. מענשען וואָס

בעלאנגען צו די פערשיעדענסטע רעליגיעזע איבערצייגונגען, בע־לאנגען אויך צום סאָציאַליזמוס, און צווישען די סאָציאַליסטען זיינען אויך פאראן מענשען, וואָס בעלאנגען צו קיין רעליגיאָן ניט.

און קיין אורזאכע, פאר וואָס דאָס טאָר ניט זיין אזוי, איז אויך ניטאָ. דער אמת׳ער וואורצעל אין הארץ פון די סאָציאַליסטישע בעהויפּטונג איז, אז דאָס פאָלק זאָל דורך זיין רעגיערונג איבער־נעהמען און לאָזען געהן לטובת־הכלל די גרויסע מאשינערי פון פּראָדוקציאָן און אויספּערטהיילונג, וואָס איז אין די הענד און ווערט פערוואלטעט פון די טראָסטס. איינס פון די צוויי — אָדער דיעזע בעהויפּטונג איז א גערעכטע, אָדער ניט. און צי דאָס איז רעכט צי ניט, ווי קומט אהער אריין די פראגע וועגען אימיצענס רעליגיאָן ?

אָבער אין דער זעלבער צייט, וואָס דער סאָציאַליזמוס איז בשום אופן ניט געגען דער רעליגיאָן, איז ער אָבער אין א געוויסען זין פאר רעליגיאָן. די „ענציקלאָפּעדיא בריטאניקא" רעכענט זיך פאר א גוטען אויטאָריטעט. און זי ערקלעהרט, אז „די סאָציאַליס־טישע מאָראל און די קריסטליכע מאָראל איז איינע און דיזעלבע". איינע פון די אויפגאבען פון קריסטענטהום איז, איינצופיהרען גערעכטיגקייט אויף דער וועלט. און די איינציגע אויפגאבע פון סאָציאַליזמוס איז איינצופיהרען גערעכטיגקייט אויף דער וועלט. דער סאָציאַליזמוס וויל ברענגען גערעכטיגקייט אויף דער וועלט דערמיט, וואָס יעדער לעבעדיגער מענש וועט האָבען די געלעגענ־הייט צו ארבייטען ווי אן אנדערער, אָבער קיינער וועט ניט האָבען די מאכט זיך צוצונעהמען א טהייל פון די פּרוכט פון די ארבייט פון א צווייטען, און אין דער סאָציאַליסטישער פּראָגראם איז ניטאָ אפילו איין גוט וואָרט פיר גרעפטערס און לעדיגגעהערס. און די גרעפטערס און די לעדיגגעהערס ווייסען דאָס גאנץ גוט.

און די סאָציאַליסטישע פּראָגראם האָט אויך קיין איין גוט וואָרט ניט פאר די אויסגעלאסענהייט פון געוויסע דזשענטעלליים. די סאָציאַליסטען ערלויבען זיך פראנק און פריי צו צווייפלען אין

די ווערטער פון געוויסע רייכע לייט, וואָס דערצעהלען א מעשה, אז זיי גלויבען אז דער סאָציאַליזמוס וועט צערשטערען די פאַמיליע, איינפיהרענדיג פרייע ליעבע. די סאָציאַליסטען ענטפערען דערויף, אז דער בעסטער בעוויז, אז דיזע הערען הויבען ניט אָן אליין דאָס צו גלויבען איז דאָס וואָס זיי לאָזען זיך ניט פערשרייבען אלס מעמבערס אין דער סאָציאַליסטישער פאַרטיי. דערפאַר אָבער לאָזען זיך זייערע ווייבער זעהר אָפט גט'ען מיט זיי אין קאָורט.

ווענדענדיג זיך, אלזאָ, צו די מיטגליעדער פון דער קאַפּיטאַ־ליסטישער קלאַסע, האַלטען די סאָציאַליסטען אזא רעדע צו זיי: —

„אויב מען דארף זיך פערלאָזען אויף אייך מיט די ריינקייט פון דער פאַמיליע, טאָ זאָל איין גאָט אויף איהר רחמנות האָבען. אויב אויף אייך דארף מען זיך פערלאָזען, אז די פרויען זאָלען זיך בלייבען טריי, טאָ מעג איין גאָט העלפען אונזערע פרויען. ניט אלע קאַפּיטאַליסטען זיינען שלעכט, — אלע קאַפּיטאַליסטען האנדלען אָבער שלעכט. איינינגע פון אייך טהוען שלעכטס, אליין ניט ווי־סענדיג, אז דאָס איז שלעכט; איינינגע פון אייך טהוען שלעכטס, אבוואָהל זיי ווייסען שוין וואָס זיי טהוען. אָבער צי איהר ווייסט עס, צי ניט, — איהר טהוט אלע שלעכטס, ווייל די קאַפּיטאַ־ליסטישע סיסטעם איז א שלעכטע. די סיסטעם אייערע צווינגט אפילו די גוטע צו טהאָן שלעכטס, וואָס זיי וואָלטען אייגענטליך געוואָלט טהאָן גוטס. די קאַפּיטאַליסטישע סיסטעם מאכט אייך פעט פון די ארבייט פון קינדער, ווייל אייערע קאָנקורענטען ווערען אויך פעט פון די ארבייט פון קינדער. איהר ווערט פעט פון דער ארבייט פון פרויען, ווייל אייערע קאָנקורענטען ווערען אויך פעט פון דער ארבייט פון פרויען. און די סיסטעם מאכט אייך פעט פון די ארבייט פון מענער, ווייל אייערע קאָנקורענטען ווערען פעט פון די ארבייט פון מענער. די סיסטעם מאכט אייך צו האַלטען מענער, פרויען און קינדער אין אָרעמקייט, ווייל אנדערש קאָנט איהר גאָר ניט ווערען רייך.

„און איהר זיינט עס די הערען, וואָס שרעקען זיך אזוי, אז

דער סאָציאַליזמוס זאָל חלילה ניט צערשטערען די היים. פאַר וואָס קימערט איהר זיך אָבער ניט כאָטש אביסעל, וואָס די אָרעמקייט, פערזאורזאַכט פון דעם קאַפּיטאַליזמוס, מאַכט א תל פון דער היים? פאַר וואָס ריהרט דאָס אייך אָן אזוי וועניג צו צוזעהן ווי קליינע קינדער ווערען אַוועקגעריסען פון שטוב און סקול צו געהן אַרבייטען פאַר א הונגער־לוין אין די פאַבריקען און די דעפּאַרטמענט־סטאָרס? פאַר וואָס עפּעס קאָנט איהר אזוי גוט איינהאַלטען אייער טרויער, ווען עס ווייזט זיך אַרויס, לויט די רעגיערונגס־בעריכטען, אז פינף־מיליאָן פרויען און מיידלעך זיינען געוואָרען געצוואונגען צו געהן אַרבייטען, וויל זייערע מענער און טאַטעס קריגען אזאַ קליינעם לוין, אז זיי האָבען ניט מיט וואָס מפרנס צו זיין זייערע פאַמיליעס? פאַר וואָס עפּעס קאָנט איהר עס אזוי לייכט פערטראָגען, ווען דער הענדלער מיט ווייסע שקלאַפינס רייסט אַרויס די קליינע מיידלעך פון די דעפּאַרטמענט־סטאָרס?"

און ניט איין־איינציגער פון דיעזע פאַקטען, און ניט די אַלע פאַקטען צוזאַמען, ווי עס זעהט אויס, מאַכען אייך, — די רייכע הערען, וואָס איהר זיינט אזוי געגען סאָציאַליזמוס, — אפילו א טראַכט צו טהון, אז די אומשטענדען, אונטער וועלכע איהר זיינט רייך געוואָרען, האָבען אויך עפּעס א חלק אין דעם צורייסען פון פאַמיליעס און אין דעם איינפיהרען פרייע ליעבע. איהר דער־צעהלט אָבער א מעשה, אז איהר זיינט גאָר איבערראַשט, ווען די סאָציאַליסטען טרעטען אַרויס מיט זייער פּראָגראַם, וואָס האָט אין זיך בלויז איין איינציגען צוועק — ניט צו דערלאָזען אייך, וואָס קיין ניצליכע אַרבייט טהוט איהר ניט, צו ראַבעווען די, וואָס טהוען די גאַנצע אַרבייט. און אויב איהר האָט עפּעס אַנדערע בעווייזע געגען סאָציאַליזמוס, קומט אַרויס מיט זיי. אָבער אין דעם נאָמען פון איינפאַכע אַנשטענדיגקייט, מאַסקירט זיך ניט אַלס די בעשיצער פון פרויען און קינדער. די הענד אייערע זיינען דאָך פערפלעקט."

סאָציאַליסטען בעהויפּטען, אז דער סאָציאַליזמוס וועט פאַר

די ריינִיגונג, בּעשעהנונג און אויפפרישונג פוּן דעם פאַמיליען־לעבען אויפטהון מעהר ווי דער קאַפּיטאַליזמוס האָט ווען עס איז געטהון אָדער קאָן ווען עס איז אויפטהון. דער סאָציאַליסטישער געדאַנק געהט אַזוי:

אויב דער דלות איז נור ניט קיין גליק פאַר דעם פאַמי־ליען־לעבען, איז דער קאַפּיטאַליזמוס אַן אונגליק פיר דעם פאַמיליען־לעבען, ווייל קאַפּיטאַליזמוס הייסט דלות און די מורא פאַר'ן דלות פיר די גרויסע מאַססען — דאָס איז קאַפּי־טאַליזמוס, און אַנדערש קאָן עס ניט זיין. דער קאַפּיטאַליז־מוס קאָן גאָר קיין אַנדער זאַך ניט מיינען, ווייל דער קאַפּי־טאַליזמוס איז פון דער נאַטור אַ פּאַראַזיט. דער קאַפּיטאַליזמוס לעבט און קאָן גאָר אַנדערש ניט לעבען סיידען ער זויגט אויס דעם ארבייטער־קלאַס.

ווען אַלע זאָלען האָבען איבערגעניג, און קיינער זאָל ניט האָבען ניט צו פיעל און ניט צו ווענִיג, — אויב דאָס קאָן ריי־ניגען, און בעשעהנען און אויפלעבען די פאַמיליע, דאַן וועט דער סאָציאַליזמוס ריינִיגען און בעשעהנען און אויפלעבען די פאַמיליע. דער סאָציאַליזמוס וועט די גאַנצע גרויסע מאַשי־נערי פון די מאָדערנע פּראָדוקציאָן איבערגעבען דעם פאָלק אין די הענט, צו געברויכען פריי און געזעצליך נור פיר די נוצען פון דעם גאַנצען פאָלק, און ניט פיר קיין אַנדערען.

געוויס, קאָן דאָס פאַמיליען־לעבען ניט אויסגעבעסערט ווערען, ביז מ'וועט עס ניט איבערמאַכען. און אויף דיעזען קלאָרען פאַקט איז בעגרינדעט דער גאַנצער קאַפּיטאַליסטישער אַנגריף אויפ'ן סאָציאַליזמוס, אַלס דער כלומר'שטדיגער צערשטערער פון דער פאַמיליע. די סאָציאַליסטען דענקען, אַז ווען מ'האָט ניט וואָס מורא צו האָבען פאַר קיין דלות, מוז דאָס האָבען אַ טיעף־געהענדע ווירקונג אויף די בעציהונגען פון די הויז־מענשען. און סאָציאַ־ליסטישע שרייבער האָבען פּראָבירט פאַרצושטעלען די וועלט, ווי זי וועט אַ מאָל אויסזעהן, ווען די אַלע ביטערע יסורים פון אָרימקייט

וועלען שוין צוגענומען ווערען פון דעם קליינינקען שטיקעלע וועל־טעלע, וואס רופט זיך די פאמיליע.

און זיי האבען אונז פארגעשטעלט די פרוי, א זעלבסטשטענ־דיגע, אויף איהרע אייגענע פיס, מיט׳ן באלאט אין איין האנד, און אין די אנדערע האנד האלטענדיג די גנזעצליכע מאכט צו לעבען פון איהר אייגענע ארבייט, — צי דאס איז הויז־ארבייט, צו אן אנדער מין ארבייט, — און לעבען מיט קאמפארט און זעלבסט־אכטונג. אבער קיין סאציאליסטישער שרייבער האט קיין מאל נאך ניט געשילדערט די וועלט אזוי, אז די פרוי וועט ניט טארען ארבייטען אין דער היים, אפילו ווען זי זאל וועלען. אזא מין וועלט האט פאר אונז שוין בעשאפען דער קאפיטאליזמוס פון היינטיגע צייטען.

די סאציאליסטען בעהויפטען נור, אז דער סאציאליזמוס וועט די פרוי מאכען עקאנאמיש זעלבסטשטענדיג, פערזיכערענדיג איהר די פולע ווערטה פון איהר ארבייט. קיין פרוי וועט דאן ניט זיין געצוואונגען חתונה צו האבען, אבי זיך צו ערווערבען א היים, און קיין פרוי, וואס וועט שוין האבען איהר היים, וועט דורך דעם דלות ניט זיין געצוואונגען צו בלייבען אין דער היים, אויב מען בעהאנ־דעלט זי שלעכט. צוליעב איהרע קינדער, קאן זי עס אפילו יא טהון, אויב איהר ווילט זיך אזוי, אבער צווינגען זי דערצו — דאס וועט קיינער ניט קענען. די פרוי וועט איינפאך זיין פריי צו האנדלען ווי איהר פערשטאנד וועט איהר הייסען, צו פראפיטירען פון א גוטען אויסוואהל, אדער צו ליידען פון א שלעכטען.

דאס איז, אין קורצען, דער סאציאליסטישער געשטאלט פון א סאציאליסטישע וועלט פאר פרויען. און קיין סאציאליסט וויל גאר ניט בעהויפטען, אז דאס איז שוין דער מוסטער פון א פאל־קאמענער וועלט. אין א פאלקאמענער וועלט קאנען דאך ניט זיין ניט קיין נארען, און ניט קיין היץ־קעפ און ניט קיין שלעכטע מענשען. די שווערע אומשטענדען פון דער היינטיגער וועלט, און די נאך שווערערע אומשטענדען פון די אמאליגע לאנג פערגאנגענע

צייטען, האָבען בעשאַפען שוין צופיעל נאַרען און היץ־קעפּ און שלעכטע מענשען, אַז מ׳זאָל קאָנען מיט רעכט האָפען, אַז מ׳קאָן דיעזע אַלע פערזאָנען אין איין איילעניש מאַכען פאַר קלוגע איבער־לעגטע און גוטע מענשען. ווי אָפּטימיסטיש די סאָציאַליסטען זיינען ניט, אָבער אַזוי וויט פערקריכען זיי מיט זייער אָפּטימיזמוס ניט. די סאָציאַליסטען האָבען אַבסאָלוט ניט קיין פּראָגראַם אַזאַ, — צי מיט, צי אָהן אַ פּאַטענט, — וואָס זאָל איבערמאַכען מענשען פון שלעכט אויף גוט.

זייער איינציגע בעהויפּטונג איז, אַז זיי האָבען יאַ אַזאַ פּראָגראַם, אונטער וועלכע מענשען וועלען קאָנען זיין גוט, אויב זיי וועלען נור וועלען. די סאָציאַליסטען ווייסען — און שוין צו גוט, — אַז מיט דעם אויפטרעטען פון דעם סאָציאַליזמוס, וועט ניט יעדער איינער מיט אַ מאָל וועלען ווערען גוט און פרום. די סאָציאַליסטען ווייסען, אַז זיי וועט אויסקומען צו האָבען צו טהון מיט שלעכטע מענער און שלעכטע פרויען. זיי ווייסען אָבער, אַז זיי וועט אויסקומען צו האנדלען מיט שלעכטע מענער און פרויען, וועלכע זיינען אָבער געוואָרען שלעכט ניט דורך אָרימקייט און ניט דורך די מורא פאַר אָרימקייט. די סאָציאַליסטען וועט ניט אויס־קומען צו האנדלען מיט פרויען, וועלכע זיינען אריינגעטריבען גע־וואָרען אין דער פּראָסטיטוציאָן, ווייל קיין אנדער וועג האָבען זיי פאַר זיך ניט געזעהן, ווי איינצוהאלטען די נשמה אין קערפּער. און די סאָציאַליסטען זאָגען, אַז אויב אונטער דעם סאָציאַליזמוס וועלען זיי זיין פּראָסטיטוטקעס, וועלען דאָס זיין נור אַזעלכע פרויען, וואָס וועלען זיך אַליין, מיט׳ן אייגענעם ווילען אויסקלייבען די פּראָסטיטוציאָן אַלס זייער בערוף. און פרעגט בעסער די פרויען, ניט די מענער, זאָלען זיי אייך זאָגען, וויפיעל פרויען אַזוינע קאָנען זיך גאַר געפינען אויף דער וועלט.

און אָט דיעזעס בילד פאַר דער עקאָנאָמיש־פרייער פרוי נעהמען עס אָן די רייכע פערלוימדער פון סאָציאַליזמוס אַלס אַ סימן, אַז די סאָציאַליסטען האָבען עס אַ פּלאַן צו צושטערען דעם

פאמיליען־לעבען און אַנשטאַט דעם איינצופיהרען פרייע ליעבע. און די סאָציאַליסטען בעהויפּטען, אַז צו אַזאַ שלום קאָן מען קומען נור אויף אַזאַ מין גרונד־געדאַנק:

אַז פון פרייע ליעבע האַלט די פרויען אָפּ נור דער דלות, און ניט קיין אַנדער זאַך.

און אַז די פרויען וואָלטען חלילה געהאַט די מאַכט זיך אַליין צו ערנעהרען מיט אַנשטענדיגקייט און בעקוועמליכקייט, ניט נור דורך הויז־אַרבייט, וואָלטען זיי גלייך געבאַפּט און אוועקגעוואָרפען זייערע קינדער מיט די מענער און וואָלטען זיך גלייך „צושטערט דאָס פאַמיליען־לעבען.“

די סאָציאַליסטען דענקען אָבער, אַז מען מעג דער פרוי יאָ געטרויען גענוג געלד מיט וואָס צו קענען לעבען. דער וואָרט „געטרויען“, ווי מיר געברויכען איהם דאָ, איז ניט דער ריכטיגער וואָרט. די סאָציאַליסטען דענקען גאָר ניט, אַז ביי זיי דאַרף מען זיך געהן אָנפרעגען צי יאָ געטרויען, צי ניט געטרויען די פרויען. די סאָציאַליסטען דענקען, אַז עקאָנאָמישע אונאַבהענגיגקייט איז אַ רעכט, וואָס די פרוי דאַרף פאָדערען פאַר זיך און דאָס זיך ערוואָרבען, און דאָס איז ניט קיין פּריווילעגיע, וואָס דער מאַן קאָן איהר שענקען אָדער איהר אין דעם ענטזאָגען, ווי איהם געפעלט; וועט די פרוי וויסען, ווי זיך צו בעגעהן מיט עקאָנאָמישע זעלבסטשטענדיגקייט, — איז אדרבה ואדרבה, — גאַנץ גוט אַזוי; און אויב די פרוי וועט דאָס ניט וויסען, איז ווידער אַ מאָל גוט און שעהן. אויב די פרוי האָט זיך ביז יעצט נאָך ניט אויסגעלערענט צו גע־ברויכען עקאָנאָמישע זעלבסטשטענדיגקייט, טאָ זאָל זי זיך עס נעהמען לערנען ווי אַם שנעלסטען, — אָט טאַקע די מינוט, — און אויסלערנען זיך קאָן מען ניט אַנדערש, סיידען מ'טרייעט זיך איין.

יעדענפאַלס, שטעלען זיך די סאָציאַליסטען ניט אַרויס אַלס די אַפּעקונעס איבער די פרויען. זיי גלויבען ניט, אַז אירגענד וועלכער מענש, — צי מאַן, צי פרוי, — האָט אַ רעכט צו צווינגען אַ צווייטען, סיידען ווען דיעזער צווייטער טרעט איבער די רעכטע

פון אימיצען אנדערש. היינטיגע צייטען איז די פרוי אונטער א צוואנג — אונטער דער צוואנג פון אָרימקייט, אונטער דער צוואנג פון דער מורא פאר אָרימקייט, אונטער דער צוואנג פון מענער, וועלכע נעהמען זיך די פרייהייט, ווייל זיי אליין זיינען עקאָנאָמיש זעלבסטשטענדיג און די פרוי איז עקאָנאָמיש אָבהענגיג. און אלס א בעוויז פאר דיעזע מיינונג, ציינען די סאָציאַליסטען אָן אויף די וואקסענדע צאָהל גט׳ען, ווי אויך אויף דעם פאקט, אז אין די מייסטע גט׳ען זיינען עס פרויען די קלעגערינס.

און די וואונדערבארסטע זאך איז ביי אלעם דעם דער פאקט, וואָס, האבענדיג אזעלכע מיינונגען, ווערען די סאָציאַליסטען פער־דאמט פון די רייכע ברעפּטערס און זייערע בעצאָהלטע אנהענגער, אלס די „צושטערער פון דער פאמיליע" און „פרייע־ליעבעניקעס".

און די סאָציליסטען זאָגען דאָ ניט מעהר, ווי הערבערט ספּענ־סער האָט א מאָל געזאָגט וועגען גליקליך מאכען א מענשען מיט געוואלד. די סאָציאַליסטען זאָגען, אז ווען שוואכקייט מוז זיך פערמעסטען מיט שטארקייט און אָבהענגינגקייט מיט זעלבסטשטענ־דינקייט, מוז דערפון ווערען א צוואנג אין דער פאמיליע פון איינ־צעלנע פערזאָנען ניט ווענינער ווי אין א פאמיליע פון נאציאָנען. ווען די פרוי קאָן איבער איהר עקאָנאָמישע אָבהענגינקייט ניט טהון דאָס, וואָס איהר נאַנצער לעבענס־אינסטינקט פאָדערט פון איהר, זי זאָל עס יא טהון — איז אזא פרוי אונטער א צוואנג. אָט וואָס ספּענסער זאָגט אין זיין „סאָציאַלע סטאַטיקע" (זייטע 76): —

„בעפעהלען הייסט אוועק׳הרג׳ענען די ליעבע. די גאנצע שעהנקייט און די גאנצע פּאָעזיע, וואָס עס איז פאראן אין די ליידענשאפט, וואָס פעראייניגט מאן און פרוי, ווערט פער־וועלקט און געטויטעט אין דער סביבה פון אויטאָריטעט. און אָבוואָהל אי ליעבע, אי בעהערשונג זיינען איינגעפלאנצט ביי דעם מענשען אין דער נאטור, — דאך צוזאמען קאָנען זיי ניט בליהען. די ליעבע פיהלט מיט מיט׳ן צווייטען; די בעהערשונג איז רויה־שטרענג. די ליעבע איז זעלבסט־אויפּ־

אפפערענד; די בעהערשונג איז ענגאאיסטיש. טא ווי־זשע קאנען זיי געהן צוזאמען? דער ליעבע'ס אייגענשאפט איז צוצוציהען צו זיך; די צוואנג שטויסט אפ פון זיך. און זייענדיג, אלזא, איינע געגען די אנדערע, שטרעבט א יעדע פון זיי צו צושטערען די אנדערע. און ווען איינער דענקט פארט, אז דיעזע צוויי אייגענשאפטען קאנען יא געהן אין איינעם, טא זאל זיך אזויינער פארשטעלען, אז ער וויל דאס שפיעלען די ראלע פון א הערשער איבער זיין כלה. דענקט ער ווירקליך, אז מ'קאן קאמאנדעווען מיט דער כלה און דאך דערמיט ניט שעדיגען די דעליקאטע בעציהונגען? ווייסט דען אזא מאן ניט, אז פון אזא שטעלונג מעשה אויבערהאר מוז די ווירקונג זיין א שלעכטע אויף די געפיהלען אי פון דעם חתן, אי פון דער כלה? און אנערקענענדיג די ריכטיגקייט דערפון — און דאס ניט אנצוערקענען קאן מען דאך ניט — קאן דען דער מאן זיין אזוי אבערגלויביג אזש צו מיינען, אז בלויז די פאאר ווערטער, וואס מ'זאגט דארטען ביים הייראַ־טהען, וועלען שוין איצט מאכען אונשעדליך דאס קאמאנ־דעווען, אנשטאט וואס פריהער האט דאס אזוי וועה געטהון?"

און קיינער האט דאך ספענסער'ן דערפאר קיין מאל ניט גע־רופען „צושטערער פון דער פאמיליע" און „פרייע ליעבעניק". און דאך, אויב ספענסער'ס ווערטער האבען עפעס א בעדייטונג, טא האט ער צום אלעם ערשטען געמיינט צו זאגען, אז די צוואנג איז אן אונרעכט, ווייל זי נעהמט ביי דעם מענשען אוועק דאס רעכט צו האנדלען לויט זיין אייגענעם פערשטאנד. און די סאציאליסטען בעהויפטען, אז די פרוי האט א רעכט זיך צו לאזען פיהרען פון איהר אייגענעם פערשטאנד, זאגאר ווען זי מאכט אפילו א פעהלער. מענער האבען דאך יא דאס רעכט. און די פרוי רעוואלטירט געגען דעם, וואס מען רויבט איהר אוועק איהר גלייכבערעכטיגונג. און די פרוי רעוואלטירט געגען דעם צוואנג, וואס מ'טהוט אויף איהר אן דערמיט, וואס מ'לאזט איהר זיך ניט פערדיענען אן אנ־

שטענדינען און בעקוועמען לעבען, ניט ארבייטענדיג בלויז ביי הויז־ארבייט. און די סאָציאַליסטען בעהויפּטען, אז דאָס פאַמיליען־לעבען וועט קיין מאָל ניט זיין וואָס עס קאָן זיין, כל זמן דיעזער קאַמפּף וועט נאָך אַלץ אָנגעהן. און זיי זאָגען ווייטער, אז אזוי ווי די שוואַכע צווינגען דאָך די שטאַרקע קיין מאָל ניט, טאָ טאָרען אין דער געזעלשאַפט ניט זיין קיינע עקאָנאָמיש־שוואַכע מיטגליע־דער. מענער און פרויען דאַרפעןביידע גלייך זיין עקאָנאָמיש־אונאבהענגיג. און זיי וועלען זיך אודאי בעסער בעהאַנדלען איינער דעם אַנדערען, אז זיי וועלען זיין עקאָנאָמיש אונאבהענגיג.

פראַנסיס ג. פּיבאָדי, דער פּראָפעסאָר פון קריסטליכע מאָראַל אין האַרוואַרד, האָט אויך דאָס זעלבע גליק, וואָס הערבערט ספּענ־סער, וואָס ער האָט זיך אויך אויסגעדרעהט פון די נעמען „צושטע־רער פון דער פאַמיליע" און „פרייע־ליעבעניק". אין די צייטונגען ווערען דעם פּראָפעסאָר'ס געדאַנקען איבערגעגעבען מיט די פאָל־גענדע ווערטער : —

„איינס איז זיכער : די פאַמיליע ווערט שנעל דיס־אָרגאַניזירט און צושטערט... גט'ען ווערען ארויסגענומען אין אַלץ גרעסערע צאָהלען. ס'לאָזט זיך בערעכענען, אז ווען די יעצטיגע פּראָפּאָרציאָן פון די פערגרעסערונג פון די בעפעל־קערונג און די פערמעהרונג פון שיידונגען זאָל נאָך ווייטער אזוי אָנהאַלטען, טאָ וועט ביים סוף פון דעם צוואַנציגסטען יאָהרהונדערט די צאָהל פון שיידונגען אין דער הייראַטה, ווייל עס איז געשטאָרבען דער מאַן אָדער די ווייב, זיין קלענער פון דער צאָהל שיידונגען איבער גט'ען.

„אַ דאַנק דעם אינדוסטריעלען לעבען, איז די וויכטיגקייט פון דער פאַמיליע שוין היינט געוואָרען זעהר פיעל פערקלע־נערט. ס'איז געווען אַ צייט, ווען אין דער היים האָט מען געטהאָן אַלערליי ארבייטען ; אָבער אַלץ מעהר קומט די גרויס־אינדוסטריע און פערנעהמט דעם פּלאַץ פון דער היימישער

ארבייט, און דערפאר ווערט די עקאָנאָמישע ניצליכקייט פון דער פאַמיליע פאַקטיש פערשוואונדען."

און דאַן פאַרשטעלענדיג אונז די צוקונפט, ווי ער זעהט זי, זאָגט דער פּראָפעסאָר ווייטער: —

„מיט דעם געבורט, אַלזאָ, פון דעם סאָציאַלען שטאַנד, וועט די פאַמיליען־איינהייט דיענען אַ העכערען צוועק. שוין מעהר ניט פערשאַלטען צו זיין צוגעבונדען צו די הויז־ארבייט, וועט דאָס ווייב אויך געניסען דעם תענוג פון עקאָנאָמישע גלייכהייט. אויף די קינדער וועט מען אַכטונג געבען אין דער געזעלשאַפט אונטער געזונדע און פאר אַלע גלייכע בעדינגונגען; און דאַן וועלען מיר האָבען דערגרייכט די גליקליכע צייט, ווי מ'רופט עס, ווען דאָס ווייטערע לעבען פון דער געזעלשאַפט וועט שוין מעהר ניט זיין אַבהענגיג פון די פריוואַטע אויפהאָדעוואונג פון קינדער."

אָבער וואָס פּראָפעסאָר פּיבאָדי זאָגט און וואָס די סאָציאַליסטען זאָגען וועגען די נעקסטע שטופע אין די עוואָלוציאָן פון דער פאַמיליע, איז זיך אַ ביסעלע אַ זייטיגע פראַגע. און מיר שטעלען זיך אויף דעם אָפּ נור דערפאַר, ווייל די פערלוימדער פון סאָציאַליזמוס מאַכען דערפון אַזאַ אַי־אַי־אַי. די פראגע איז דאָך גאָר אָט וואָס: —

צי דאַרף די וועלט, אויב זי קאָן נור, זיך בעפרייען פון דעם דלות, און צו דער סאָציאַליזמוס איז דאָס מיטעל דערצו?

אויב דער סאָציאַליזמוס קאָן בעפרייען די וועלט פון אָרימקייט, דאַרפען מיר דען, פערקעהרט, אָנהאַלטען דעם דלות נור כדי די פרויען זאָלען זיין גוט און פיין? ווער ווייסט דאָס דען, אַז פון עקאָנאָמישע אונאבהענגיגקייט וועלען די פרויען ווערען שלעכט? די גרעפּטערס גיבען אַן אָנצוהערעניש, אַז זיי ווייסען יאָ. ווער גלויבט זיי אָבער, דיעזע גרעפּטערס? די גרעפּטערס זאָגען דאָך אויך, אַז דער יעצטיגער שטאַנד פון דעם פאַמיליען־לעבען איז אַזאַ גוטער, אַז מיר דאַרפען בעסער זיין צופריעדען צו פערבלייבען

מיט'ן דלות, אבי אָנצוהאלטען אזא פאמיליען־צושטאנד. פּראָפּעסאָר פּיבאָדי זאָגט, אַז דער יעצטיגער צושטאנד פון דער פאמיליע איז אזא שלעכטער, אַז זי צופאלט זיך אויף שטיקער. דער פּראָפעסאָר געפינט אין יעדען גט־געריכט די בעווייזע פאר זיין בעהויפּטונג. אָבער די גרעפּטערס האָבען פאר זייערע בעהויפּטונגען קיינע בעווייזע ניט, — ניט אין קיין געריכט און אין ערגעץ ניט.

א חוץ דעם, מעג מען דאָך דאָס וואָס די גרעפּטערס זאָגען, פריהער גוט איבערזיפּען. אַז דער סאָציאַליזמוס וועט א מאָל אָבשאַפען דעם דלות, וועט ער דאָך די גרעפּטערס אויך אָבשאפען. און ווען דער סאָציאַליזמוס וואָלט דעם דלות מיט די גרעפּטערס ניט אָפּגעשאפט און וואָלט נור איינגעפיהרט „פרייע ליעבע", — טאָ ווי מיינט איהר, — וואָלטען די גרעפּטערס עפּעס זיך שטארק געשטעלט געגען דעם? לעגט זיך דען דאָס ניט מעהר אויפ'ן שכל, אַז די גרעפּטערס פערשטעהען אויך, אַז דער סאָציאַליזמוס וועט אָפּשאַפען דעם דלות מיט זיי צוזאמען, און דערפאר ווילען זיי נור שיטען זאמד אין די אויגען אָבצושרעקען דאָס פאָלק מיט זייער געשריי וועגען דער סכנה פון צו צושטערען די פאָמיליע? און אויב זיי מיינען דאָס טאקע ערנסט, טאָ פאר וואָס זעהען די גרעפּטערס ניט עפּעס א מיטעל צו פערהיטען, ווי זיי אליין צושטערען די פאמיליע? איין הונדערט־דאָלארדיגע אסיגנאציע וועט אריינברענגען אין דער פאמיליע פיעל מעהר גליק און פרייד, ווי א גאנצע דרשה געגען סאָציאַליזמוס. טאָ פאר וואָס־זשע ענטזאָגען זיי זיך ניט פון זייערע דיווידענדען, און זאָל דער ארבייטער בעסער האָבען, וואָס ער ארבייט אוים? פאר וואָס טרייבען זיי פּראָפעסאָר פּיבאָדי ניט ארוים פון הארוואָרד אוניווערסיטעט? אויב די סאָציאַליסטען זיינען פרייע־ליעבעניקעס, טאָ פאר וואָס־זשע טרייבען זיי איהם טאקע ניט ארוים? איז דאָס אפשר ניט דערפאר, וואָס קיין סאָציאַליזמוס פּרעדיגט ער אָבער ניט?

„אהא!" — זאָגען אָבער די גרעפּטערס, — „אין זייער פּריוואט־לעבען ווייזען די סאָציאַליסטען גאָר ניט ארוים אזא איבער־

געבענהייט צו דער פאַמיליע. גיט נור אַ קוק אויף די „בעשערטע“, וואָס איינינע פון זיי האָבען זיך געהאַט!“

„גאַנץ ריכטיג!“, — ענטפערען די סאָציאַליסטען, — „אָבער פון איין „בעשערטע“ ווערט נאָך קיין שרפה ניט, און פון צווי ווערט נאָך קיין וואַלד ניט. און אַז איינער אָדער צווי סאָציאַליסטען, מעהר אָדער וועניגער פּראָמינענטע, האָבען ארויסגענומען אַ גט, — טאָ איז וואָס? און ביי דעמאָקראַטען און רעפּובליקאַנער, הייסט עס, ווייסט מען פון קיין „בעשערטע“ ניט, און מ׳גט זיך ניט? איז דער פּראָצענט פון גט׳ען גרעסער ביי סאָציאַליסטען, ווי ביי רעפּובליקאַנער אָדער ביי דעמאָקראַטען אין זייערע פאַמיליעס? וואו זיינען אייערע בעווייזע? וואָס קענט איהר אָנווייזען אויף דעבס׳ען? וואָס קענט איהר אָנווייזען אויף בערגער׳ן? און וואָס קענט איהר אָנווייזען אויף זיידלען, דעם געוועזענעם סאָציאַליסטישען מעיאָר פון מלוואָקי? דיעזע מענער שטעהען דאָך אַלעמען פאַר די אויגען. ווען זיי זאָלען נאָר זיך אַ גליטש טהון אויף דאָס מינדעסטע, וואָלט איהר דאָס צופּויקט. טאָ וואָס קענט איהר זאָגען אויף זיי?

מיט דיעזע ווערטער לאָזט זיך די זאַבלאָגע גאַנץ גוט אויסדריקען אויף אַזוי פיעל, ווי דאָס האָט אַ שייכות צו די בעשולדיגונגען אין פריייע ליעבע און פאַמיליען־צושטערעריי. קיין ווערטה האָבען דיעזע בעשולדיגונגען ניט. די סאָציאַליסטען ווילען בלויז אויסראַמען דעם דלות. אַ י ד אָ ס ט אַ ק ע ש ו י ן. קיין אַנדערע זאָפּאָרטיגע אויפגאַבען האָבען זיי ניט. אויב דערמיט וואָס מ׳זאָל פּטור ווערען פונ׳ם דלות קאָן נאָך די וועלט חלילה אומקומען, וועלען די סאָציאַליסטען אַלץ אָבשאַפען דעם דלות. די סאָציאַליסטען דענקען ניט, אַז אַ זאַך האָט עפּעס אַ ווערטה, ווען זי קאָן זיך האַלטען נור מיט׳ן דלות. דאָס לעבען האָט זיי געלערנט, אַז דער דלות איז שטענדיג און אַלע מאָל בלויז אַ פלוך. און זיי מיינען אויך, אַז קיין אַנדער פלוך איז ניט אַזוי גרויס ווי דער דלות, אויסער נור דער איינער פלוך — די צו גרויסע עשירות.

און איצט לאָמיר בעטראַכטען די טענות געגען סאָציאַליזמוס, וואָס זיינען זאַכליך און עהרליך־געמיינט. די, וואָס פערשטעהען דעם סאָציאַליזמוס ניט, מיינען געוועהנליך, אַז ביי אַ סאָציאַליס־טישע רעגיערונגס־פאָרמע, וועט די רעגיערונג אַליין טהון אַלעס; און דאָס וועט, אַלזאָ, שוין גאָרניט טהון; אַלע מענשען וועט מען אויסגלייכען ווי די סאָלדאַטען אין דער רייהע, און אַזוי ווי קיינעם וועט ניט ערלויבט זיין זיך אַרויפצואַרבייטען, וועט דאָך קיינער ניט האָבען צוליעב וואָס צו אַרבייטען.

דאָ האָבען מיר אַ מוסטער פון הונדערטע אַזעלכע טענות. לאָמיר־זשע זיי פאַנאַנדערגלידערען און זעהן ס'אַ ווערטה זיי האָבען.

לאָמיך צוגעבען, אַז אונטער דעם סאָציאַליזמוס וועט די רעגירונג זיין דער אייגענטהימער און וועט אַליין טרייבען אַלע גרויסע אינדוסטריען. טאָ איז וואָס? דאָס פאָלק וועט דאַן טהון פונקט דאָס זעלבע, וואָס היינט, מיט דעם אונטערשיעד, וואָס דאַן וועט דאָס געטהון ווערען דורך די רעגירונג פאַר דעם פאָלק, אַנ־שטאָט וואָס היינט טהוען מיר דאָס דורך די קאַפּיטאַליסטען פאַר זיך און פאַר די קאַפּיטאַליסטען. דאָס פאָלק איז אויך היינט בעשעפטיגט מיט ניצליכע אַרבייט. אַ קליינע גרופּע פּאַראַזיטען נעהמען צו אַ סך דערפון וואָס דאָס פאָלק פּראָדוצירט. אָבער אונטער דעם סאָציאַליזמוס וועלען די פּאַראַזיטען אויך מוזען געהן צו דער אַרבייט. דאָס פאָלק וועט איינפאַך זיך ווייטער אַרבייטען ווי אַלעמאָל, נור אונטער בעסערע בעדינגונגען און בעקומענדיג פון זייער אַרבייט מעהר ווי יעצט.

און יעצט לאָמיר אקאָרשט אַ בליק טהון, וואָס מיינט עס „האַלטען אַלעמען אויף דער זעלבער מדרגה“, ווי סאָלדאַטען אין דער רייהע? לויט ווי די וועלט איז היינט איינגעאָרדענט, איז דאָך דער הויפּט־אונטערשיעד צווישען מענשען נור זייער פערמעגען, ניט אין פערשטאַנד. ווען אַ מענש איז אָבער ניט אויף „דער זעלבער מדרגה“ מיט אַ צווייטען, איז דער אונטערשיעד אָדער וואָס איינער איז קליגער אָדער נאַרישער ווי דער צווייטער, אָדער

אָרימער אָדער רייכער פון דעם צווייטען, און קיינעם וועט גאָר, נאַטירליך, אויפ׳ן זינן ניט קומען, אַז דער סאָציאַליזמוס אָדער עפּעס אַן אַנדער זאַך קאָן אַוועקשטעלען אַ טעמעני־באָס אויף דער זעלבער מדרגה מיט עדיסאָנ׳ען צוגלייך, הייסט עס, אַז אויב דער סאָציאַליזמוס וועט יא אויסגלייכען אַלע מענשען, וועט דאָס זיין אַ גלייכהייט נור פון עשירות.

און דאָס האָט שוין דער קאַפּיטאַליזמוס כמעט אין גאַנצען אויפגעטהון; — די גרויסע מאַסען זיינען היינט איבער דער גאַנצער וועלט אָרים; מ׳לעבט קוים אַפּ דעם טאָג; מ׳דאגה׳ט איבער די פערגרעסערטע לעבענס־קאָסטען, און מ׳שטאַרבט אַוועק אין די זעלבע אָרימקייט, אין וועלכע מאַיז געבאָרען געוואָרען. און גאַנץ ווייניג מענשען האָבען מעהר געלד ווי אויף דאָס נויטיגסטע, — און אין כלל גענומען זיינען דאָס אַלץ אַזוינע מענשען, וואָס טהוען קיין ניצליכע אַרבייט ניט. דאָ און דאָרט זעהען מיר איינעם, וואָס צו אַ טראָפּען ווירקליך ניצליכע אַרבייט מישט ער צו אַ פּאָס פּידענען ווי צו צונעהמען ביים צווייטען, וואָס יענער האָט פּראָדוצירט. אַזוינער פערמאָגט פיעלייכט גענוג, אַז איהם זאָל זיך ווילען פערמאָרטגיידזשען דאָס הויז זיך צו קויפען אַן אָטאָמאָביל, כדי מענשען זאָלען מיינען, אַז ער איז פערמעגליך. אָבער פינאַנציעל איז ער בלויז אַ בלאָף, און ער ווייסט עס. אָבער די, וואָס זיינען ניט קיין פינאַנציעלע בלאָפס, די זיינען טאַקע ניט קיין אַרבייטער. דאָס מיינט, אָדער די לייטע טהוען קיין אַרבייט ניט, וואָס איז ניצליך פאַר די געזעלשאַפט, אָדער ווען זיי טהוען שוין אַ ביסעל ניצליכע אַרבייט, קומט זיי על פּי יושר בלויז אַ קליינער טהייל פון זייער הכנסה.

צום ביישפּיעל: דער אייגענטהימער פון אַ גרויסער אינדוסטריע גיט אַפּ זיין צייט צו פיהרען דאָס געשעפט. אויף אַזוי ווייט, ווי זיין מענעדזשען האָט אַ שייכות צו דער פּראָדוקציאָן אָדער דער אויספערטהיילונג פון דעם פּראָדוקט, אויף אַזוי פיעל איז דאָס ניצליכע געזעלשאַפטליכע אַרבייט. אָבער אַזוי ווייט, ווי

דאָס מענעדזשען מיינט נור א פּראָפיט צו מאַכען ביי דעם פּראָ־
דוקט, — איז דאָס שוין ניט קיין געזעלשאַפטליך ניצליכע ארבייט.
די ווערטה פון די געזעלשאַפטליך־ניצליכע טהייל פון זיין טהעטיג־
קייט קאָן אונגעפעהר אָפּגעמאָסטען ווערען, פערגלייכענדיג זי מיט
שכירות, וואָס ער וואָלט געצאָהלט א מענשען פאר מענעדזשען די
פּראָדוקציאָן און פאַנאַנדערפיהרונג פון די פּראָדוקטען. און אויף
וויפיעל ער איז א פּאַראַזיט אין דער געזעלשאַפט קאָן מען אונגע־
פעהר אָפּמעסטען מיט דעם אונטערשיעד פון זיין פּראָפיט פון דער
אינדוסטריע און די שכירות, וואָס ער וואָלט איינעם געצאָהלט צו
זיין דער מענעדזשער.

אזא מענעדזשער וואָלט בעקומען אפשר 5,000 דאָלאר א
יאָהר. דער קאַפּיטאַליסט האָט אָבער פון זיין געשעפט 50,000
דאָלאר א יאָהר און א מאָל גאָרניט — דאָס איז דאָך א קאָרטען־
שפּיעל, און ווי אַלע קאָרטען־שפּיעלער מוז ער דאָך אויך ריזיקירען.

און אויב ער בעקומט טאַקע 50,000 דאָלאר א יאָהר, איז 45,000
דאָלאר דערפון זיינס, ווייל צו איהם בעלאַנגען די מאַשינען. ווען
די מאַשינעריע וואָלט ניט געווען זיינע, וואָלט ער געווען געצוואונ־
גען אליין געהן אין דער פרעמד פאר 5,000 דאָלאר א יאָהר. מיט
אנדערע ווערטער, די 45,000 דאָלאר א יאָהר איז די געצאָהלטס
פון די ארבייטער צו דעם קאַפּיטאַליסט, דערפאר וואָס ער לאָזט זיי
ארבייטען מיט זיין מאַשינעריע. און דערפאר בעהויפּטען די סאָ־
ציאַליסטען, אז מיר זיינען שוין אויף דער זעלבער מדרגה פון דלות.
מיט דער אויסנאַהמע פון דעם איינעם פאַקט, וואָס מיר ערלויבען
עטליכע מענשען, וואָס טהוען קיין ניצליכע ארבייט ניט אָדער נור
א ביסעל ניצליכע ארבייט, צו ווערען גרעסער ווי די אַלע מענשען,
וואָס האַלטען אין איין האָרעווען.

די סאָציאַליסטען זיינען פּרינציפּיעל טאַקע ניט געגען עקאָנאָ־
מישע גלייכהייט און גלויבען קוים, אז מקאָן זיין געגען, אויב עס
זאָל זיין ווינשענסווערטה, אז יעדער מענש זאָל פערמאָגען א ביליאָן
דאָלאר, און א דריק טהוענדיג א קנעפּעל, וואָלט יעדער מענש טאַקע

געקענט האָבען דעם ביליאָן דאָלאַר, גלויבען מיר ניט, אַז מ'וואָלט געמאַכט לאַנגע שהיות, זאָנדערן יעדערער וואָלט זיך גלייך געכאַפּט דריקען דאָס קנעפּעל. די סאָציאַליסטען זיינען געגען בלויז איין סאָרט גלייכהייט — די גלייכהייט צו הונגערען. זיי ווילען ארויפ־הויבען דאָס פאָלק אויף דער מדרגה, וואו עס פיהלט זיך אַנגענעהם ניט נור אין מאָגען, זאָנדערן אין הארצען און אין מח אויך.

נון, האָט זשע עס אין זין. די סאָציאַליסטען קומען ניט ארויס מיט א פּאַטענטירטע ווייִדזש־סקייל (ראַטע פון שכירות), וועלכע זיי האָבען בדעה ארויפצוצווינגען אויפ'ן פאָלק. דער סאָציאַליזמוס האַלט זיך זעהר פעסט אָן דעם אויסדרוק פון דעם ווילען פון דעם פאָלק, און דערפאַר, אַז דער סאָציאַליזמוס וועט קומען, וועט דאָס פאָלק אַליין דארפען ענטשיידען, צי דער מענעדזשער פון אַן אייזענבאַהן־ליניע זאָל בעקומען א גרעסערען לוין, ווי א קאָנדוקטאָר אויף דער זעלבער באַהן, צי ניט. איך דענק גאָר ניט, אַז אימיצער וועט מיר רעדען געגען, אַז איך וועל זאָגען, אַז כמעט יעדער סאָציאַליסט גלויבט, אַז פאַר אויסערגעוועהנליכע פעהיגקייט זאָל מען בעקומען אַן אויסערגעוועהנליכע בעלאָהנונג — ניט קיין 10,000 דאָלאַר א מאָנאַט פאַר דעם מענעדזשער פון אַן אייזענבאַהן, וועלכע צאָהלט איהרע קאָנדוקטאָרס בלויז 100 דאָלאַר א מאָנאַט, זאָנדערן אויף אַזוי פיעל מעהר ווי דעם קאָנדוקטאָר, אַז דאָס זאָל קאָנען ווייזען, אַז דעם מענעדזשער'ס לייסטונגען ווערען געשעצט נאָך זייער ווערטה נאָך. דערפאַר ווען סאָציאַליסטען אויך צאָהלען אויסערגעוועהנליכע שכירות צו די וואָס רייניגען דאָס מיסט אין די רינשטאָקס, אויף דעם גרונד, אַז אַזאַ ארבייט איז אונגעהייער ניצליך פאַר יעדען איינעם אָבער זעהר אונאַנגענעהם פאַר די ארבייטער אַליין.

אָבער כדי צופריעדען צו שטעלען די יעניגע, וואָס ווילען, אַז דיעזע טענה זאָל פאַנאַנדערגעגליעדערט ווערען ביז גאָר, לאָמיר אָננעהמען, אַז אַלע וועלען טאַקע בעקומען די זעלבע בעלאָהנונג. וועט דאַן זיין מעהר אונגערעכטיגקייט אויף דער וועלט, ווי היינט?

וועט מען דען דאן אויך אויסגעהן פון הונגער און קעלט? וועלען דען דאן אויך זיין פיעל פערברעכענס צוליעב אָרימקייט? וועלען מיר דען דאן אויך האָבען כּאָטש איין איינציגען מענשען אויף דער גאַנצער וועלט, וואָס זאָל דאַרפען האלטען אין ציטערען, טאָמער וועט ער ניט געפינען קיין ארבייט און וועט ניט האָבען קיין ביסען ברויט?

היינט האָבען מיר דיעזע אַלע צרות. האָט עס די ווערטה, מיר זאָלען וועגען דעם אַ טראַכט טהון? זיינען דיעזע צרות שווער גענוג, אונז צו בערעכטיגען אין אונזער בעמיהונג פון זיי פּטור צו ווערען?

צוגעגעבען, — ווי איך ווילט זיך, אַז פון דיעזע אַלע צרות קאָנען מיר ניט פּטור ווערען, סיידען מיר בעגעהען אַן אונרעכט געגען דעם אייזענבאהן־מענעדזשער, וועלכער וועט קריגען ניט מעהר ווי אַ קאָנדוקטאָר, — איז דען אַלץ ניט בעסער צו בעגעהן אַן אונרעכט געגען אַ פּערזאָן בלויז אַ מאָל, — און דעם פּערזאָן וועט זיך דאָך ניט לעבען ערגער ווי אַלעמען — איידער אַלע זאָלען זיין געצוואונגען אויסצושטעהן די יעצטיגע ליידען? אויב ניט, דאַן איז דאָך אַ טעות צו פאָדערען טובת־הכלל און „מאַדזשאָריטי רול" (די מאַיאָריטעט בעשליעסט) איז דאָך אַ פערברעכען.

און וועט דען אימיצער נעהמען צווייפלען אין די גערעכטיג־קייט אָדער פּראַקטישקייט פון אַזאַ האנדלונג, ווען די לאַגע וואָלט אַ שטייגער געווען פּונקט דאָס געגענטהייל? שטעלט אייך פאָר, אַז די יעצטיגע סיסטעם, אונטער וועלכע בלויז אייניגע פערמאָגען כמעט אַלעס, וואָלט יעדען געמאַכט פאר אַן עושר. און לאָמיר אָננעהמען, אַז דאַן וואָלטען די ניט־רייכע לייט — אַזוי פיעל אַ שטייגער, ווי מיר האָבען היינט דעם צאָהל קאַפּיטאַליסטען — וואָלטען דאַן געקומען און געפאָדערט, אַז די סיסטעם זאָל אַזוי געענדערט ווערען, אַז זיי זאָלען דערפון קאָנען ווערען רייך, מאַ־כענדיג אַלע פאר קבצנים. לאָמיר זאָגאר אָננעהמען, אַז דיעזע אייניגע פּערזאָן וואָלטען גע'טענה'ט, אַז אַבוואָהל די סיסטעם איז

גוט פאַר אַלע, איז זי אָבער אַן אונרעכט געגען זיי. און לאָמיר מאַכען נאָך אַ שריט און אָננעהמען, אַז דאָס הייפּעלע געגנער וואָלטען טאַקע געהאַט אַ גערעכטע טענה; וואָלטען טאַקע די 95 פּראָצענט פון דעם פאָלק, וואָס לעבט זיך פערמעגליך אונטער דיעזער סיסטעם, דאָך פרייוויליג געגומען און די סיסטעם איבער־געקעהרט און זיך געמאַכט פאַר אָרימע לייט נור כדי די 5 פּראָצענט זאָלען קענען ווערען רייך?

און אַ חוץ דעם איז דאָ נאָך אַן אנטוואָרט אויף דער טענה „פון מאַכען אַלע זאָלען שטעהן אויף דער זעלבער מדרגה": — איז דען ניט גוט צו האָבען אַלץ, וואָס מ'דאַרף? ווער פערלאַנגט עס דען מעהר שפּייז, ווי מ'דאַרף? אַ חוץ דעם פּראַנגט, ווער דאַרף דען מעהר קליידער, ווי מ'דאַרף צו געהן אָנגעטהאָן? אַ חוץ דעם וואָס איז געוואָרען צולאָזען פון צופיעל עשירות, און אַ חוץ דעם, וואָס איז פערדאָרבען געוואָרען אוים קנאה, וואָס רייכטהום רופט אַרוים, דאַרף מען דען מעהר, ווי אַ בעקוועם, גראַם און ליכטיג הויז, וואו צו וואָהנען? און אַז מ'האָט שוין יא מעהר, ווי מ'דאַרף האָבען, איז מען דען גליקליך דערפון?

סאָציאַליסטען צווייפלען אין דעם. און ווען זיי וואָלטען אין דעם ניט געצווייפעלט, וואָלטען זיי נאָך אַלץ געוועזען געגען אומ־שטענדען, וואָס גיבען אַזאַ געלעגענהייט בלויז צו די ווענינע, וועלכע זיינען געזעלשאַפטליך אונניצליך און אַלע אַנדערע גיבען זיי אַפילו די געוועהנליכע בעקוועמליכקייט אויך ניט. און דאָ פרעגען די סאָציאַליסטען אויף דיעזע פראַגע — אַז מיר זאָלען שוין אָננעהמען, אַז אַזאַ לוקסוס איז טאַקע אַ גוטע זאַך, צאָהלען מיר אָבער דען ניט שוין אַ צו גרויסען פּרייז, אַז די עטליכע זאָלען דאָס קאָנען האָבען? איז עס טאַקע גוט אַזוי, אַז פיעלע זאָלען קיין הויז ניט האָבען, כדי די ווענינע זאָלען האָבען פיעלע הייזער? און אַז עס מוזען שוין יא זיין פערשיעדענע הייזער, דאַרף דער אונטער־שיעד ניט זיין צו גונסטען פון די, וואָס זיינען די ניצליכסטע פער־

זאָגען, אַנשטאָט דאָס זאָל זיין צו גונסטען פון די, וואָס זיינען די שעדליכסטע?

סאָציאַליסטען בעהויפּטען, אַז אונטער דעם סאָציאַליזמוס וועט ניט נור יעדער איינער קענען האָבען אַרבייט די גאַנצע צייט, זאָנדערן יעדער איינער וועט אויך קאָנען לעבען אַזוי פּערמעגליך, ווי איינער וואָס פּערדיענט היינט 5,000 אַ יאָהר? די סאָציאַליסטען ווייזען אָן אויף דעם פאַקט, אַז ווען איינער פּערלעבט היינטיגע צייטען 5,000 דאָלאַר אַ יאָהר, פּערצעהרט ער דערביי ניט זעהר פיעל פּראָדוקטען פון אַרבייט. אַזוינער האָט זיך אַ בעקוועם הויז, — אָבער ס'איז ניט שווער אויסצובויען בעקוועמע הייזער, גענוגד צו וואָהנען. כמעט אַלע מאַטעריאַלען, וואָס עס געהט דאַרויף, ווערען געמאַכט מיט מאַשינען, און ביליג אויך. און אַ ריכטיג געבויט הויז קאָן געדויערען אויפ'ן גאַנצען לעבען.

דאָס הויז־געזינד, וואָס האָט 5,000 דאָלאַר אַ יאָהר, געברויכט אויך שפּייז. אָבער די מעהל ווערט געמאַכט מיט מאַשינען און קאָסט זעהר ווייניג; און דאָס זעלבע איז אויך מיט פיעלע אַנדערע זאַכען. דער רויהער מאַטעריאַל קומט פון דער ערד דורך מענש־ליכע אַרבייט; אָבער דער פּראָפיט, וואָס די קאַפּיטאַליסטען רייסען אַרויף, שטעלט מיט זיך קיין אַרבייט ניט פאָר.

און דאָס זעלבע איז אויך ריכטיג מיט די מעבעל און קליידער און די אַלע אַנדערע זאַכען, וואָס ווערען געברויכט פון דער פאַ־מיליע מיט די 5,000 דאָלאַר אַ יאָהר. אַלץ ווערט געמאַכט שנעל און ביליג — מיט מאַשינערי.

די אַרבייטער, וואָס מאַכען אַלע זאַכען, קריגען זעהר ווייניג; דער קויפער צאָהלט אָבער אַ סך. און דער אונטערשיעד צווישען די קאָסטען פון דער אַרבייט און דעם פּרייז ביים פערקויפען — אָט דאָס עסט עס אויף אַ גרויסען טהייל פון די 5,000 דאָלאַר. סאָציאַ־ליסטען זאָגען, אַז יעדער איינער וואָלט געקאָנט לעבען אַזוי ווי די פאַמיליע מיט די 5,000 דאָלאַר אַ יאָהר, אַז מ'זאָל נור אָבשאַפען

אַט דעם אונטערשיעד ווי אויך די געצוואונגענע סטאַפּעניש, די געצוואונגענע אַרומגעהן לעדיג.

נאַטירליך איז דאָס אויסגערעכענט נור אונגעפעהר אַזוי.

און איצט קומען מיר צו דער פראַגע פון אַרויפאַרבייטען זיך. אונטער דעם סאָציאַליזמוס, — צי וועט אימיצער האָבען די געלעגענהייט זיך אַרויפצואַרבייטען?

צום אַלעם ערשטען לאָמיר נור אַקאָרשט זעהן, וואָס מיינט עס „אַרויפאַרבייטען זיך". אַ מענש קאָן זיך ערהויבען אָדער צוזאַמען מיט זיינע מיטמענשען אָדער אָהן זיי. און דאָ האָב איך אין זינען נאַטירליך נור געלד. מ'האָט אין אונז אַזוי איינגעקריצט דיעזען געדאַנקען־גאַנג, אַז דאָס שטערט אונז אָפּט צו דענקען וועגען עפּעס אַן אַנדער מין אַרויפאַרבייטען זיך, ווי נור אין געלד־זאַכען. אַז מיר טראַכטען פון אַ פערבעסערונג אין אונזער לאַגע, האָבען מיר אין זינען נור געלד. זעלטען מיינען מיר מיט דעם מעהר פרייע צייט אָדער אַ בעסערע געלעגענהייט צו קאָנען טהון דאָס, וואָס מאַכט דאָס לעבען ווירקליך אַ פערגניגען; און וויסענדיג, אַז די רייכע לייט זיינען געוועהנליך פערשקלאַפּט צו זייער בייטעל, ווילען מיר פון דעסטוועגען אויך זיין שקלאַפען.

דער סאָציאַליזמוס האָט גאָר ניט בדעה מיטצוהעלפען איינעם זיך אַרויפצואַרבייטען פינאַנציעל, איבער אונזערע מיטמענשען; נאָך אַזוינעם בענקט גאָר דער סאָציאַליזמוס ניט. איינציגע חברה וועלען זיך, אָהן צווייפעל, יאָ אַ ביסעל אַרויפאַרבייטען איבער זייערע מיטמענשען אין די ערשטע צייטען פון סאָציאַליזמוס; אָבער אַרויפאַרבייטען וועלען זיי זיך ניט זעהר פיעל און עס וועלען אויך ניט זיין קיין סך אַזוינע. דער סאָציאַליזמוס איז פאַר אַלע־מען, ניט פאַר עטליכע. דער סאָציאַליזמוס גיט זיך אָפּ מיט דער אויפגאַבע אויפצוהויבען דעם פינאַנציעלען שטאַנד פון אַלע די, וואָס טהוען אַ ניצליכע אַרבייט, און אַרונטערצולאָזען דעם פינאַנ־ציעלען שטאַנד פון אַלע די, וואָס טהוען דאָס ניט. סאָציאַליסטען זאָגען, אַז ווען דער סאָציאַליזמוס וואָלט דאָס ניט געטהון, וואָלט

ער געווען ניט בעסער ווי די לאָטעריע, וואָס די קאַפּיטאַליסטישע סיסטעם צווינגט אונז צו שפּיעלען. די סאָציאַליסטען האַלטען ניט פון דעם פּרינציפּ פון שפּיעלען לאָטעריע. סאָציאַליסטען האָבען בעמערקט, אַז די וואָס טרייבען די לאָטעריע געהען אין דימענטען, און ניט די וואָס שפּיעלען לאָטעריע. אַז עס טרעפט זיך אַ מאָל, אַז אַ וואַש־פרוי כאַפּט אריין דעם גרויסען געווינס, ווייסט זי אויך ניט וואָס דערמיט צו טהון, — און ענדערט ניט די מיינונג פון סאָציאַליסטען וועגען לאָטעריע.

בעטראַכט נור, ס'אַ לאָטעריע דאָס איז, וואָס מיר שפּיעלען איצט. די קליינע חדר־אינגלעך לערנען מיר, אַז אונזער מדינה איז פול מיט גלאַררייכע געלעגענהייטען, און אַז מיר נעהמען זיך דערצעהלען די קינדער די אַלע מעגליכע גליקען אונזערע, ווייסען מיר אַליין פון קיין גרעניץ ניט. מיר פערקריכען אַזש ביז צום בוידעם און קוקען נאָך העכער. און אָט דאָרט, וויט־וויט, זעהען מיר דאָס „ווייסע הויז" און טייטלענדיג מיט'ן פינגער, זאָגען מיר צו די אינגלעך: — „אָט דאָרט קאָנט איהר נאָך אויך זיין אַ מאָל.. יעדער איינער פון אייך האָט אַ שאַנס צו ווערען אַ מאָל פּרעזידענט; און אַז ניט פּרעזידענט, האָט איהר אַלץ אַ שאַנס צו זיין אַ ראָקע־פעלער אָדער אַ קאַרנעגיע. קאַרנעגיע איז אַ מאָל געווען אַ לעהרען־אינגעל אין שאָפּ; ראָקפעלער איז אַ מאָל געווען ביי יענעם אין אַ קעראָסין־סטאָר. און אויב איהר וועט זיין עהרליך און פלייסיג, קאָנט איהר אפשר אַליין נאָך אויך דערגרייכען אַזוי הויך."

און, יעצט, וואָס זיינען אָבער די פאַקטען? קיין איין אינגעל האָט ניט קיין גרעסערען שאַנס צו ווערען אַ פּרעזידענט, ווי צו ווערען אַ קאַרוסאָ. און ניט דערפאַר, וואָס זיי זיינען ווערטהלאָזע קינדער, — זיי קאָנען אפשר זיין בעסער ווי אירגענד אַ פּרעזי־דענט, וואָס מיר האָבען געהאַט. אָבער סיידען מיר וועלען פערקלענערען די צייט אויף וועלכע עס ווערט אויסגעקליבען אַ פּרעזי־דענט, — און דאָס פערקלענערען טאָקע אַ היבש ביסעל אויך, —

קענען מיר די געלעגענהייט צו זיין אין „ווייסען-הויז“ געבען נור צו גאנץ וועניג איינגלעך. אין פערלויף פון די נעקסטע אכציג יאהר, — ווען קיין פרעזידענט זאל אפילו ניט אויסדיענען מעהר ווי איין טערמין, — קאנען מיר אלץ ניט האבען מעהר ווי צוואנציג פרעזידענטען. און אין פערלויף פון דער זעלבער צייט, אז מיר זאלען דאך אלץ ווידערהאלען די זעלבע נארישקייטען, וועלען מיר א גאנצען טויזענד מיליאן איינגלעך האלטען אין איין איינרעדען, אז יעדער איינער פון זיי האט א שאנס צו זיין פרעזידענט. אבוואהל דער פאקט איז דאך, אז נור צוואנציג איינגלעך קענען האבען דיעזע געלעגענהייט.

און דאך גיבען מיר קיין מאל ניט א טראכט איבער, ווי לעכערליך מיר מאכען זיך דערמיט! האבען מיר גאר קיין מורא ניט, אז א מאל וועט זיך אויפהויבען א איינגעל מיט א גוטע קעפעל, און אונז פרעגען די פערניכטענדע פראגע: „נו, טאטעלע, זאג, וואס פאר א ווערטה האבען צוואנציג שאנסען צו געווינען אין א טויזענד-מיליאן צעטלעך?“

איך רעד דא וועגען דעם בלויז צו ווייזען, ווי פריה אין לעבען מען נארט שוין אריין אונזערע קינדער מיט פאלשע האפנונגען אויף דער צוקונפט. איך וועל דא אויף זיך ניט נעהמען צו פערענטפערען די פראגע, ווי דאס קומט, אז קיין איינגעל פאלט עס ניט איין צו פרעגען דעם טאטען, פאר וואס איז ער עפעס צופריעדען צו זיין בלויז אן עקספרעסמאן, אז מיר האבען שוין אזא טהייערע מדינה מיט גלאררייכע מעגליכקייטען, — אבער ניט דאס בין איך דא אויסען; די הויפט-זאך איז, אז מיר האלטען אין איין נארען די קינדער ביז זיי ווערען עלטער צו קענען פערשטעהן בעסער. און לאנג זיך עלטערען צו דעם דארפען זיי אויך ניט. דאס לעבען לערענט זיי אויס נאך גאר יונגינקע. און נור דער אויסערגעוועהנליך נארישער יונגער מענש ווייסט צו 25 יאהר נאך אלץ ניט, אז דאס צעטעל צו געווינען אין דער לאטעריע פון ווערען פרעזידענט, ראקעפעלער אדער קארנעגיע האט אונענדליך וועניגער

די ווערטה ווי אַ צעטעל אין די לואיזיאַנאַ לאָטעריע מיט צוויי דורות צוריק. אין פערגלייך דערמיט, איז צו געהן געמבלען ביי די רייסעס שוין אַ זיכערער געווינס. און דאָך האָבען מיר די לואיזיאַנאַ לאָטעריע אויסגעראַמט פון לאַנד דערפאַר, וואָס דאָס איז געווען אַ נאַרעריי, כמעט ווי אַ שווינדעל; און פאַר די זעלבע אורזאַכע געהען מיר איצט אויסראַמען דאָס געמבלען אויף די רייסעס אויך.

סאָציאַליסטען האַלטען זיך ביי דער מיינונג, אַז ס'איז בעסער צו צוזאָגען ווענינגער און אויפצוטהון אַ סך. סאָציאַליסטען דענקען, אַז ס'איז גליכער יעדען אַרבייטסלאָזען מענשען צוצוזאָגען אונגעפעהר דאָס זעלבע לעבען ווי אויף אַ 5,000 דאָלאַר אַ יאָהר און האַלטען וואָרט, איידער איהם צוזאָגען גרויסע פערמעגענס און איהם גאָר דערלאַנגען דעם דלות אָדער די גרויסע קאָפּ־דרעהעניש אוים מורא פאַר'ן דלות.

אפשר האָבען די סאָציאַליסטען דאָך אַ טעות? איז מיט'ן גרעסטען פערגניגען לאָזען זיי אייך די ברירה צו געהן דערוויזען, אַז די וועלט איז אַזוי אויך גוט, ווי זי איז. זאָלען די קאַפּיטאַליסטען אונז געהן דערווייזען, אַז ניט נור די אויסנאַהמע און ניט נור זעלטען געלינגט עס איינעם צו דערלעבען כאָטש אַ ברעקעלע פון די אַלע גרויסע ערוואַרטונגען, וואָס מ'האָט איהם אָנדערצעהלט אין זיין יוגענד. פאַר יעדען איינעם אַזאַ גליקליכען, וואָס די קאַפּיטאַליסטען קענען אונז יאַ אָנווייזען, קענען די סאָציאַליסטען ווייזען צוואַנציג, וואָס לעבען אין אָרימקייט און אין דער מורא פאַר אָרימקייט.

דאָס איז דער סאָציאַליסטישער שטאַנדפּונקט וועגען ערהויבען זיך אין דער וועלט. די איינציגע ערהויבעניש, וואָס די סאָציאַליסטען זעהען ביי אונז יאַ, — איז די אויפהויבעניש פון די גרעסטע צאָהל מענשען גאַנץ פריה אין דעם מאָרגען — אונגעפעהר אַ שטונדע פאַר דעם פייף זיעבען אַ זייגער אין דער פריה.

„פריה געהן שלאָפען און פריה אויפשטעהן" — דאָס איז ניט

געגען די סאָציאַליסטישע קאָנסטיטוציאָן, אָבער די סאָציאַליסטען ווילען אייך פרעגען מיט גרויס רעספּעקט, צי ס'איז דאָ צו וואָס אויפצושטעהן. און זיי בעהויפּטען אויך, אַז אויב מ'מוז שוין דעם פאָלק יא עפּעס צוזאָגען, אַז עס זאָל האָבען צו וואָס אויפצושטעהן, צו וואָס זיך צו ערהויבען, איז שוין סוף כל סוף גלייכער צוצוזאָגען זיי אַ ביסעל נחת און האַלטען וואָרט, איידער צוצוזאָגען בערג און גאָרניט געבען. דער פּלאַן פון צוזאָגען און ניט געבען האָט זיך פערדיענט נור דעם קאָמפּלימענט, אַז געפּראָבירט האָט מען דאָס מיטעל שוין אַ לאַנגע צייט און ביז'ן היינטיגען טאָג ווייזט זיך ארויס, אַז דאָס איז אַ גוטער פּלאַן פאַר די, וואָס האָבען געמאַכט די אַלע פערשפּרעכונגען און האָבען ניט געהאַלטען וואָרט.

פיערטער קאפיטעל

פאר וואס סאציאליסטען פרעדיגען אונצופריעדענהייט

די רייכע לייטע ווארנען די ארימע לייט, אז זיי זאלען זיך היטען פון סאציאליזמוס, ווייל סאציאליסטען פרעדיגען אונצופריעדענהייט. און די רייכע לייט זאגען אויך די ארימע לייט, זיי זאלען זיך היטען פון סאציאליסטען, ווייל די סאציאליסטען פרעדיגען דעם „קלאסען־קאמפף" און ווילען „אויפהויבען איין קלאס געגען צווייטען" אין די וואהלען.

דאס איז אלעס ריכטיג. סאציאליסטען טהוען דאס טאקע. און זיי זאגען דאס ארויס פראנק און פריי. און זיי זאגען, אז זיי וואלטען זיך געדארפט שעהמען ווען זיי וואלטען דאס ניט געטהאן. און ווען די סאציאליסטען וואלטען געהאט טויזענד מאל מעהר קרעפטען, וואלטען זיי טויזענד מאל מעהר אלץ געטהון דאס אייגענע.. און אזוי שנעל ווי זיי קריגען נור אריין עפעס מעהר מאכט, געברויכען זיי זי גלייך אלץ אויף דעם זעלבען ארט.

טא וואס איז דאס אזוינס, וואס זיי טהוען דא אויף? לאמיר אקארשט זעהן.

די סאציאליסטען פרעדיגען אונצופריעדענהייט. אונצופריעדענהייט מיט וואס? די אונצופריעדענהייט מיט עלטערען? מיט קינדער? אונצופריעדענהייט מיט פריינד? אונופריעדענהייט מיט עהרליכע ארבייט? מיט שטרעבען? אדער מיט דעם גאנצען לעבען?

ס'הויבט זיך גאר ניט אן.

סאציאליסטען פרעדיגען אונצופריעדענהייט נור מיט די ארימקייט, וואס די רויבער מאכען אן, און מיט די אומגליקען, וואס קומען דערפון ארויס.

האנאַרייבל טשאַרלס ראַססעל, פון ענגלאַנד, האָט אין 1912 ערקלעהרט, אַז פון די 45 מיליאָן איינוואוינער, וואָס ענגלאַנד האָט, געהען 12 מיליאָן אוים פון הונגער, — זאָלען מיר מיט דעם זיין צופריעדען?

דאָ ניט לאַנג צוריק איז אין דייטשלאַנד געמאַכט געוואָרען אַן אונטערזוכונג, פאַר וואָס עס שטאַרבען אַזוי פיעל*) קליינע קינדער, און עס האָט זיך אַרויסגעוויזען, אַז „די קינדער פון דלות" הונגערען שוין נאָך איידער זיי ווערען געבאָרען. זיי קומען אויף דער וועלט ניט גוט ענטוויקעלט און שוואַכער, ווי די קינדער ביי פערמעגליכע עלטערען, און זיינען אַזוי ווייניג בכח אויסצושטעהן אַ קראַנקהייט, אַז זיי פאַלען אַוועק ווי אין דער כאָלעריע", — זאָלען מיר דערמיט אויך זיין צופריעדען?

און ביי אונז, אין די פעראייניגטע שטאַאַטען, געהען מיליאָנען מענשען ארום אָהן ארבייט, און מיליאָנען מענער, פרויען און קינדער מוזען געבען ארבייטען פאַר אַ הונגער־לוין, — זאָלען מיר אַלץ זיין צופריעדען דערמיט?

די רעגיערונגס־בעריכטען ווייזען, אַז די מייסטע מענשען פערמאָגען אפילו ניט דעם דאַך, אונטער וועלכען זיי וואוינען, און פערמאָגען בלויז דאָס ביסעל קליידער אין וועלכע זיי געהען און דאָס ביסעל מעבעל, — זאָלען מיר דערמיט אַלץ זיין צופריעדען?

מיר בעשאַפען רייכטהום זעהר שנעל; אָבער אַלץ וואָס מיר ארבייטען אוים קאָנצענטרירט זיך ביי אַזאַ ביסעל מענשען, אַז דיעזע היפעלע מענשען האָבען אונז אַלעמען ביי זיך אין די הענד, און זיי האָבען עס די דעה צי מיר זאָלען געהן צו דער ארבייט, און אויב יאָ זיך שטעלען צו דער אַרבייט, פאַר וויפיעל ווײדזשעס, און זיי זאָגען אונז אויך וויפיעל מיר זאָלען צאָהלען פאַר פלייש, צוקער,

*) „די פּראָלעטאַרישע קינדער", פון אַלבערט לאַנגאָן, ארויסגעגעבען אין בערלין.

געהילץ, קליידער, זאלץ און שטאהל. — זאלען מיר זיין צופריעדען מיט דעם?

און אין די צייטען, ווען עס קומט אן די סלעק, זיינען פאראן ביז פינף מיליאן מענשען, וואס ווילען ארבייטען און מען לאזט זיי ניט, ווייל די עטליכע פערזאן, וואס קאנטראלירען אלץ, זעהען פאר זיך ניט קיין פראפיט צו ערלויבען דיעזע פינף מיליאן מענשען געהן ארבייטען און זיך ערנעהרען. — זאלען מיר זיין צופריעדען מיט דעם?

די לעבענס־קאסטען ווערען אלץ העכער און העכער, און אלץ מעהר און מעהר ניט־ארגאניזירטע ארבייטער ווערען ארונטערגע־דריקט אין דעם טיעפסטען אבגרונד, וואו מענער, פרויען און קינ־דער ליידען ווי אין גיהנום. זאלען מיר דערמיט אויך זיין צו־פריעדען?

מיסטער מארגאן, מיט דער גאנצער געוואלדיגער געלד־מאכט, וואס שטעהט אהינטער איהם, איז ביי אונז אין לאנד א גרעסערע מאכט ווי דער פרעזידענט פון די פעראייניגטע שטאאטען אדער דער קאנגרעס פון די פעראייניגטע שטאאטען. זאלען מיר מיט דעם זיין צופריעדען?

עס זיינען פאראן גוטע הערען, וואס זיינען מיט אלע זאכען גאנץ צופריעדען, אבער ניט די סאציאליסטען. די סאציאליסטען פרעדיגען אונצופריעדענהייט. און וואלטען מיר דען ניט פערדיענט אייער פעראכטונג און שפאט, ווען מיר וואלטען ניט געפרעדיגט אונצופריעדענהייט? אויב דיעזע אונצופריעדענהייט איז אן אונ־גערעכטע, טא מוז דאך זיין רעכט צו זיין צופריעדען מיט אלע פאקטען, געגען וועלכע סאציאליסטען פראטעסטירען. טא ווער־זשע האט עס דעם מוטה און די אפענהערציגקייט צו זאגען, אז ס'איז רעכט צו זיין צופריעדען מיט דיעזע פאקטען? זאלען מיר אויך זיין צופריעדען מיט די אייגענטהימער פון די וואל־וועבערייען פון ניו־ענגלאנד, וואס ווערען אליין פעט פון דעם רעפובליקאנישען הויכען טאריף און פון די מענער, פרויען און קינדער, וואס ארביי־

טען פֿאַר זיי פֿאַר אַ הונגער־לוין? און זאָלען מיר אפֿשר זיין צו־פֿריעדען מיט די קאַטאַן־וועבערייען אין די סויטה, וועלכע זיינען בעשיצט פֿון די דעמאָקראַטישע אַדמיניסטראַציאָן פֿון די שטאַאַ־טען און פֿאַקען די וועבערייען און די סעמעטערים אָן מיט קליינע קינדער? זאָלען מיר זיין צופֿריעדען מיט אונזער וועלט, וואו בלויז עטליכע פּערזאָן פֿערמאָגען אַלץ און טהון — טהוען אַנדערע, — אַ וועלט, וואו דער אַרבייטער קאָן זיך גאָר ניט אויסדרעהען פֿון אַ פֿינסטערען סוף, ווייל ניט דער דזשאָב איז זיינער, און ניט די הויז, אין וועלכע ער וואוינט, איז זיינע?

יאָהרהונדערטע שוין ווי עס הערט זיך דער געשריי פֿון דעם שלעכט־בעהאַנדעלטען אַרבייטער; אָבער ווי היינט, איז נאָך זיין לעבען קיינמאָל ניט געווען אַזוי אונזיכער.

„יעדער בעשעפֿעניס האָט אַ היים

אָבער דו, אָה אַרבייטס־מאַן, דו האָסט ניט —

אַזוי האָט געזונגען שעללי, נאָך איידער מ'האָט געוואוסט פֿון די היינטיגע מאַשינען, און ווי וואהר דאָס איז — ווי וואהר דאָס איז נאָך עד היום! און ס'אַ רחמנות דאָס איז! און אין אונזערע צייטען איז דאָך קיין ענטשולדיגונג דאַרויף ניטאָ! און דאָך, אַז עס קומען די סאָציאַליסטען און פּראָטעסטירען געגען דעם, — ווען מיר בעמיהען זיך אויפֿצוּוועקען דעם אַרבייטער ער זאָל זעהן, אַז אַ נייע וועלט איז געבאָרען אין דעם זעלבען טאָג מיט דער דאַמפּף־מאַשין און אַז דיעזע נייע וועלט קאָן זיין און דאַרף זיין זיינע, — ווערען די קאַפּיטאַליסטען בייז, וואָס מיר „פּרעדיגען אונצופֿריע־דענהייט".

געוויס פּרעדיגען מיר אונצופֿריעדענהייט. און מיר ווילען דאָס גאָר ניט אויפֿהערען צו פּרעדיגען; כל זמן די יעצטיגע אומ־שטענדען בלייבען ווי געווען, אַזוי לאַנג ווילען מיר דאָס פּרעדיגען ביז'ן לעצטען טראָפּען כח. מיט'ן גרעסטען רעספּעקט מעלדען מיר, אַז ביי די קאַפּיטאַליסטען, אַלס קאַפּיטאַליסטען, ווילען מיר זיך ניט געהן אָנפֿרעגען, וואָס צו פּרעדיגען און וואָס ניט. מיר

פֿרעדיגען וואָס מיר ווילען אָהן זייער ערלויבניס. זיי פֿרעדיגען דאָך, וואָס זיי ווילען, אָהן אונזער ערלויבניס. און צייטענווייז פרע־דיגען זיי נאָך אַ היבש ביסעל רעליגיאָן אין אייניגע פון די זשורנאַ־לען. די „מענש־און רעליגיאָן־ פּאָרוועדטס־בעוועגונג“ ווערט גע־שטיצט פון גרויס־קאַפּיטאַל; און אַנדערע אַזעלכע בעוועגונגען אויך. דיעזע הערדען, וואָס לעבען אין לוקסוס פון אונזער אַרבייט, דער־צעהלען אונז, אַז מיר זאָלען זיך לערנען רעליגיאָן פון זייערע זשור־נאַלען און זיין צופריעדען, אַז „גאָט וועט אמאָל וועלען“ וועלען מיר בעקומען וואָס אונז קומט; אָבער זיי וואַרטען ניט אויף אמאָל. די סאָציאַליסטען זיינען צופריעדען צו האָבען זייער חלק עולם־הבא, אם ירצה השם; אָבער דערווייל זיינען זיי ענטשלאָסען אָנצופיהרען אַ טיכטינגען קאַמפּף פאַר אַ גוט שטיקעל צייט דאָ, אויף דער וועלט. די סאָציאַליסטען דענקען, אַז ביי היינטיגע צייטען איז אָרימקייט איינפאַך אַ סקאַנדאַל. איידער מ'האָט נאָך געוואוסט פון מאַשי־נערי, איז נאָך געוועזן אַ שטיקעל ענטשולדיגונג פאַר אַ טהייל אָרימ־קייט, אָבער היינטיגע צייטען איז שוין קיין ענטשולדיגונג אויף דעם ניטאָ. מיר קאָנען אויסאַרבייטען אַלץ, וואָס מיר דאַרפען, און ס'זאָל נאָך בלייבען איבעריגע. מיר קאָנען אונזער אַרבייטס־טאָג פער־קירצען אויף העלפט, און נאָך אַלץ צייט האָבען צו מאַכען אַלץ וואָס מיר דאַרפען. און דאָך בייסט דער דלות היינט די וועלט נאָך ערגער, ווי די ערגסטע מלחמות פון אמאָל. אין דייטשלאַנד, ענגלאַנד און די פעראייניגטע שטאַאטען — וואו דער קאַפּיטאַליזמוס האָט זיך שטאַרק ענטוויקעלט — ווערען מענער, פרויען און קינדער אַריינגעטריבען אין דר'ערד אַריין, און אַלץ איבער'ן דלות אָדער די שרעק פאַר'ן דלות.

אייניגע הערען דענקען זיך, אַז ס'איז רעכט אַזוי. זיי דענקען אַז אַזוי ווי ס'איז, דאַרף טאַקע צו זיין. מיט דיעזע הערען ערוואַר־טען די סאָציאַליסטען ניט זיך צוזאַמענצורעדען. זיי געהערען צו דער רייכער קלאַסע, וואָס זויגט־אויס די אַרבייטער־קלאַסע, פון זיי ערוואַרטען די סאָציאַליסטען ניט קיין מיטלייד; און שאַנעווען זיי

װעלען די סאָציאַליסטען אויך ניט; דער קאַמפּף מוז אויסגעפאָכטען װערען ביז'ן סוף. די סאָציאַליסטען װעלען זיך ניט אונטערגעבען. די סאָציאַליסטען װעלען זיך קיינמאָל ניט אויסמישען אָדער צו־נויפשמעלצען מיט אירגענד װעלכע פּאַרטיי פון דיזע הערען. און אויב די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי װאָלט ניט געװאַקסען, װי זי װאַקסט, זאָנדערן זי װאָלט גאָר געשטאַנען אויף איין פּלאַץ, װאָלט זי בעסער דאָך געשטאַנען איינע אַליין טויזענד יאָהר איידער צו מאַ־כען מיט די קאַפּיטאַליסטען אפילו איין טריט.

געדענקט־זשע דאָס. דאָס איז אַלעס דער ריינער אמת. ס'איז געװען אמאָל אַ גריענבעק־פּאַרטיי, איז זי פערדאַרט געװאָרען און איז פערשװאונדען געװאָרען. די פּאָפּוליסטישע פּאַרטיי איז איינ־געשלונגען געװאָרען פון דער דעמאָקראַטישער פּאַרטיי. אָבער די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי װעט ניט אויסגעצעהרט װערען און קיי־נער װעט זי ניט איינשלינגען. די מיטגליעדער פון דער סאָציאַליס־טישער פּאַרטיי זיינען ניט בעשאַפען געװאָרען פון אַזאַ מאַטעריאַל, װאָס װערט אויסגעדאַרט אָדער צונויפגעשמאָלצען. צי זיי האָבען אַ טעות, צי ניט, — אָבער זייערע הערצער שטרעבען צו דעם העכ־סטען אידעאַל, װאָס קאָן נור ריהרען די מענשליכע הארץ — דער אידעאַל פון מענשליכע גערעכטיגקייט. און זיי געהען זיך דירעקט מיט דעם װעג פון זייער אידעאַל, ניט פרעגענדיג װי לאַנג דער װעג איז און ס'אַ שטערונגען זיי קאָנען האָבען אויפ'ן װעג. און אז אַ מענש האָט נור איין מאָל דערזעהן דעם סאָציאַליזמוס, װעט ער שוין דערנאָך דעם גאַנצען לעבען זיינעם ניט קאָנען פערטהיידיגען דעם קאַפּיטאַליזמוס, — אויב — נאַטירליך, אויב ער איז אַן עהר־ליכער מענש. און עס טרעפען צװישען אונז אַזעלכע, אַז צװיי אָדער דריי פון אַ מיליאָן זיינען אונעהרליך, און אַזעלכע פערזאָנען װערען ניט זעלטען געדונגען פון די קאַפּיטאַליסטען „אויסצוזאָגען" אויפ'ן סאָציאַליזמוס.

אָבער אין דער זעלבער צייט, װאָס סאָציאַליסטען ערװאַרטען ניט צו האָבען אַן ערפאָלג ביי די רייכע, האָפען זיי אָבער יאָ צו

מאכען פארטשריט מיט דער ארבייטער־קלאסע. און איך מוז ווידער אמאל ערקלעהרען, אז די סאציאליסטען רעכענען ניט אריין אין די ארבייטער קלאסע נור אזעלכע ארבייטער, וואס נעהען דוקא אין אווערא׳לס: ביי סאציאליסטען איז אלס ארבייטער־קלאס פערעכענט אלע די, וואס טהוען עפעס א ניצליכע ארבייט. ס׳איז קיין אונטערשיעד ניט צי אזא ארבייט ווערט געטהאן פון דעם, וואס גראבט א רינשטאק, צי פון דעם, וואס מענעדזשט אן אייזענבאהן ליניע. ביי סאציאליסטען געהערען צו דער ארבייטער קלאס אלע, וואס טהוען עפעס א ניצליכע ארבייט. ארבייטער בעשאפען עשירות, און די בעשעפער פון עשירות אונטערשיידען זיך פון די קאפיטאליסטען אט מיט וואס: — די ארבייטער מאכען; די קאפיטאליסטען נעהמען צו.*) . די קאפיטאליסטען יאגען זיך נאך פראפיט, א פראפיט נעהמט זיך אראב דער קליינער הענדלער, אבער דאס איז ניט דער מין פראפיט, וואס דער גרויסער קאפיטאליסט נעהמט. דעם קליינעם הענדלער׳ס פראפיט שטעלט מיט זיך פאר נור זיין ארבייט, און דערפאר איז דאס, אין דער ווירקליכקייט, בלויז ווייזשעס. אבער דעם גרויסען קאפיטאליסט׳ס פראפיט שטעלט מיט זיך פאר קיין שום ארבייט. דאס איז פון יענעם סארט פראפיטען, וואס מאכט אן די מלחמה צווישען די קאפיטאליסטען און די ארבייטער, ווייל דיעזע פראפיטען רייסט מען דאך אב פון דעם ארבייטער. דיעזע מלחמה רופען די סאציאליסטען אן „דער קלאסען־קאמפף“.

די סאציאליסטען זיינען געגען דעם, אז די קלאסען זאלען זיך רייסען. די סאציאליסטען גלויבען, אז עס טארען ניט זיין קיין קלאסען. און קיין קלאסען וואלטען טאקע ניט געווען, ווען יעדער איינער וואלט געטהאן עפעס א ניצליכע ארבייט און וואלט ניט פערנעהמען מעהר פאר זיך ווי עס קומט איהם. אבער ווען איניגע ווילען ניט ארבייטען ביי א ניצליכע זאך און אנשטאט דעם ווילען זיי

*)....workers make; capitalists take.

גאַר בעסער געהן ארויסרייסען ביים ארבייטער, טאַ וועמעס שולד איז עס? געוויס ניט די שולד פון די ארבייטער. זיי זוכען דאָך ניט צו פערכאַפּען, וואָס געהערט צו אַ צווייטען. דערווייל האָבען נאָך די ארבייטער קיין מאָל ניט געקענט איינהאַלטען ביי זיך זייער אייגענס.

סאָציאַליסטען זעהען דיעזע פאַקטען, און זיי זאָגען, אַז עס קומט ביי אונז פאַר אַ קלאַסען־קאַמפף. און יעדער איינער וואָס לייקענט דאָס, מוז דאָך גאַר ניט וויסען אַז עס זיינען דאָ טראַסטס, יוניאָנס, קאָורטס, לאַבבים, שופטען־געזעצגעבער, מיליאָנערען, בעט־לער, ארבייטער, וואָס ארבייטען איבער די כחות, און ארבייטער וואָס קאָנען קיין בעשעפטיגונג ניט קריגען. און יעדער איינער, וואָס זעהט דיעזע אַלע פאַקטען, קאָן אויך ניט לייקענען, אַז ביי אונז זיינען פאַראַן קלאַסען און אויך דער קאַמפף צווישען זיי. אויף יעדען אינדוסטריעלען שלאַכטפעלד ליעגען די קרבנות פון דיעזער מלחמה, און איבער די גרויזאַמע יאַגעניש נאָך פּראָפיטען ווערען ארבייטער גע׳הרג׳עט, ווייל ביי די מאַשינען פעהלען די אַלע זאַכען, וואָס קאָנען פערהיטען די מענשען ביי דער ארבייט; און אין יעדער פון אָרימקייט געטראָפענע שטוב ליעגען די פערוואונדעטע.

דיעזע אַלע בעהויפּטונגען זיינען אָדער וואהר אָדער ניט. אויב זיי זיינען וואהר, טאַ וואָס איז בעסער: אַנצוערקענען די וואהרהייט, אָדער, ווי דער שטראוס, נעהמען און ארייגשטעקען דעם קאָפּ אין זאמד און לייקענען, אַז עס זיינען פאַראַן קלאַסען און אַ קלאַסען־קאַמפף? סאָציאַליסטען דענקען, אַז ס׳איז בעסער אַנצוערקענען דיעזע אַלע פאַקטען. זיי אַליין בעדויערען וואָס ס׳איז גאַר דאָ אַ קלאַסען־קאַמפף, אָבער אַז מיר זאָלען פערמאַכען די אויגען, קאָן דאָס אונז ברענגען בלויז שאַדען. אויב די סאָציאַליסטישע בעהויפּ־טונג איז ריכטיג, ווערט דאָך די גרויסע ארבייטער־קלאַסע בעראַ־בעוועט פון אַ קליינע צאָהל קאַפּיטאַליסטען. און אויב די ארביי־טער־קלאַסע וויים דאָס נאָך ניט, דאַרף זי דאָס אויסגעפינען ווי אַם שנעלסטען. און ווי אַם שנעלסטען דאַרף די ארבייטער־קלאַסע זיך

קלאסע אויף טויזענדער דאלאר פאר יעדע עטליכע סענט, וואס א גנב נעהמט אמאל צו, — טא פאר וואס זאלען די ארבייטער זיך ניט שטעלען פאליטיש געגען די קאפיטאליסטען און מיט נאך מעהר שטייפקייט, ווי געגען די גנבים?

יעדענפאלס, איינציגווייז, אדער פיעלע צוזאמען, ווי אין די יוניאנס, שטעהען דאך שוין די ארבייטער געגען די קאפיטאליסטען, — אזוי ווייט, ווי מ'האלט זיך אין רייסען איבער מעהר ווייגעס. און שוין גאר אהן די הילף פון סאציאליסטען האבען מיר דאך דא איין קלאס געגען דעם צווייטען. די סאציאליסטען זאגען נור, אז מ'דארף דעם קאמפף אויסברייטען, אזש ביז צום באלאט־באקס. סאציאליסטען זאגען נור דעם ארבייטער, ער זאל ניט פערגעסען ביים שטימען און ביים סטרייקען, אז ער געהערט צו דעם ארבייטער קלאס. די סאציאליסטען ווייזען איהם, אז ער ווערט געראבעוועט אונטער די יעצטיגע געזעצע און אז דיעזע רויבעריי קאן מען ניט אבשטעלען ביז מ'שטעלט פריהער ניט אב די ווירקונג פון די קאפיטאליסטישע געזעצע. און די קאפיטאליסטישע געזעצע וועלען אנדערש ניט אויפהערען צו זיין א מאכט, סיידען די ארבייטער אליין וועלען מאכען דערפון א סוף. און א סוף קאנען זיי מאכען דערפון נור ווען זיי וועלען זיך פעראייניגען ביים שטים־קאסטען און אויך נעהמען לערנען צו פערשטעהן די מעטהאדען, ווי אזוי זי ווערט בערויבט.

און ווייל די סאציאליסטען פרעדיגען דיעזע אידעען, קומען די רייכע מיט די בעשולדיגונג, אז די סאציאליסטען ווילען „אויפהעצען" איין קלאס געגען דעם אנדערען. אבער ווען איין קלאס ווערט בעראבעוועט פון א צווייטען, דארף דען דער בערויבטער קלאס זיך ניט שטעלען פאליטיש געגען די רויבער? רייצען מיר דען ניט אן אלע די, ביי וועמען מ'ברעכט אויף די שלעסער? איז דען די עקזיסטענץ פון דער פאליציי ניט קיין בעווייז, אז מיר שטעלען זיך אלע געגען אזעלכע רויבער? און אז די קאפיטאליסטען גיבען ארויס זייערע געזעצע און מיט דיעזע געזעצע בעראבעווען זיי די ארבייטער־

ארויסרייסען פון דער קאפיטאליסטישער קלאסע די אויבערמאכט איבער די רעגיערונג.

און נור אויף דיזען וועג זוכען די סאציאליסטען „צו שטעלען איין קלאס געגען דעם אנדערען". זיי רייצען ניט אויף מענשען געגען מענשען, זיי זוכען ניט ארויסצורופען האס געגען מיסטער ראקעפעלער, מיסטער מארגאן, אדער געגען עפעס אן אנדער גרויסען קאפיטאליסט; די סאציאליסטען זיינען ניט געגען דעם עושר אינדיווידועל. מיר זעהען אין אלע קאפיטאליסטען דעם נאטירליכען און אונפערמיידליכען רעזולטאט פון דער קאפיטאליסטישער סיסטעם. און אז די גרויסע קאפיטאליסטען זיינען צייטענווייז שלעכט, קומט דאס דערפון, וואס די קאפיטאליסטישע סיסטעם מאכט זיי שלעכט. און ווען די שלעכטע קאפיטאליסטען וואלטען גאר ניט געבארען געווארען, וואלט דאך די קאפיטאליסטישע סיסטעם געצוואונגען אנדערע קאפיטאליסטען צו טהאן דיזעלבע שלעכטע טהאטען. און דערפאר זיינען די סאציאליסטען אייגענטליך געגען דער סיסטעם, וואס מאכט מענשען שלעכט, מעהר ווי געגען די מענשען, וואס די סיסטעם האט זיי שלעכט געמאכט. ווען אלע קאפיטאליסטען פון דער גאנצער וועלט וואלטען דערטרונקען געווארען מיט דער שיף „טיטאניק", וואלטען די סאציאליסטען דערפון אבסאלוט ניט ערווארטעט קיין שום פערבעסערונג אין דער אלגעמיינער לאגע, ווייל די קאפיטאליסטישע סיסטעם וואלט נאך אלץ עקזיסטירט. אנדערע מענשען וואלטען פערנומען דעם פלאץ, און די אונגערעכטיגקייט וואלט אנגעגאנגען ווי פריהער. און דערפאר לאזען די סאציאליסטען דאס טאקע איבער צו די דעמאקראטישע און רעפובליקאנישע פאליטישענס, זיי זאלען טייטלען מיט די פינגער אויף די „שלעכטע מענשען" און שרייען, אז ווען מען וואלט דעם און דעם אדער יענעם און יענעם אריינגעזעצט אין געפענגניס, וואלט שוין מעהר קיין רויבעריי ניט געווען. אבער פון דעם ערשטען בליק קאן מען שוין זעהן, ווי פאלש דאס איז. וואו זיינען עס די אלע „שלעכטע מענשען" פון די לעצטע צוויי דורות? וואו איז

וויליאם ה. וואנדערבילט, דזש. גולד, ה. הארימאן און די איבעריגע? ניט נור זיצען זיי שוין אלע אין געפענגנים, — זיי ליגען שוין אלע זאגאר אין קבר. אבער וואו האט מען עס בעמערקט די מינדעסטע פערקלענערונג פון רויבעריי נאך זייער טויט? און וואו וועט עס זיך לאזען מערקען די מינדעסטע פערבעסערונג אין דער יעצטיגער לאגע, ווען אונזערע „שלעכטע מענשען" וועלען אויסלעבען זייערע יאהרען? טא ווי לעבערליך איז עס, אלזא, וואס מ'זאגט, אז ווען מיסטער מארגאן אדער מיסטער ראקעפעלער און נאך עטליכע וואלטען געזעסען אין געפענגנים, וואלט קיין רויבעריי אויף דער וועלט ניט געווען.

אזוי לאנג, ווי מיר האבען א סיסטעם, וועלכע מאכט מענשען שלעכט, וועלען מיר האבען די שלעכטע מענשען.

און איצט לאמיר א פרעג טהאן, וואס אייגענטליך איז עס דא אזוינס אין דער קאפיטאליסטישער סיסטעם, וואס מאכט מענשען שלעכט. ווייט וועלען מיר דא ניט דארפען געהן זוכען. דאס איז די פריוואט אייגענטהום און די קאנטראלע איבער אלע לעבענס־מיטעל, כדי צו האבען פריוואט־פראפיט. דענקט נור ווי ריעזיג גרויס עס איז דיעזע מאכט! אונזער שפייז, קליידונג און הייזער ווערען געמאכט מיט מאשינערי. און בלויז אייניגע פערזאן האבען די מאשינערי, קיינער קען ניט נוצען די מאשינען אהן ערלויבניס, און אז מ'האט שוין יא די ערלויבניס, טא קאן דאס נור זיין אויף די בעדינגונגען, וועלכע די אייגענטהימער שטעלען אונז. און דיעזע בעדינגונגען זיינען שטענדיג די נידעריגסטע וויידזשעס, פאר וועל־כע מען קאן נור אימיצען דינגען צו דער ארבייט.

איז דען עפעס א וואונדער, אז די יעניגע וואס קאנטראלירען די מאשינערי, פערלירען פשוט די קעפ אין זייער וואונש אנצו־זאמלען רייכטהימער? איז עס דען א וואונדער, אז זיי נוצען אויס דיעזע, פיר זייער גוטע לאגע ביז גאר? זיינט איהר זיכער, אז איהר וואלט געהאנדעלט בעסער, ווען איהר וואלט געהאט דיזעלבע מעג־ליכקייט? איך בין ניט זיכער, אז איך וואלט געווען בעסער. פער־

קעהרט, איך בין גאר זיכער, אז איך וואלט געטהאן דאס זעלבע און אפשר נאך מעהר, ווען איך וואלט נור געקענט. און איך זאג עס דערפאר, וואס איך האב אין זינען די געוואלדיגע מאכט פון געוועהנ־הייט און אומשטענדען.

אז מ'איז ארומגערינגעלט מיט געלד, געוועהנט מען זיך איין צו פערגעסען דעם מענשען. די „טיטאניק" האט זיך געיאגט דורך די אייזבערג צו איהר אונגליק, ווייל די אייגענטהימער זיינען געווען גלייכגילטיג צום פערלוסט פון מענשליכע לעבענס. די „טיטאניק" האט זיך געיאגט צו איהר אונגליק דערפאר, וואס די אייגענטהימער האבען זיך פ ע ר ג ע ס ע ן אן די מענשליכע לעבענס. בשעת מעשה האבען זיי געהאט אין זינען נור דאס געלד, וואס וועט זיי ברענגען די אדווערטייזמענט פון א שנעלע רייזע איבער'ן אטלאנ־טישען אקעאן. ווען דיעזער געדאנק וואלט זיי ניט פערדרעהט די קעפ, וואלטען זיי דאך אין זינען געהאט, אם ווענינגסטען, די שיף אליין, וואס האט זיי אבגעקאסט ביז אכט מיליאן דאלאר. אבער אין די פערריקטקייט פון זייער געלדזוכט, האבען זיי פערגעסען ניט נור די פאסאזשירען, זאנדערן די שיף אויך. אבער ווען דער מענעדזשער פון דער קאמפאניע וואלט ארויסגעשיקט די שיף בלויז פיר דער רעגיערונג, ניט האבענדיג אין זינען קיין שום פראפיט, וואלט ער ניט פערגעסען ניט די פאסאזשירען און ניט די מאטראזען, און ניט די שיף מיט די אייז־בערג. און ווען די טראסטס וואלטען בעלאנגט צו דער רעגיערונג, וואלטען די אנפיהרער פון די טראסטס בייטער, און ביים אויסארבייטען די פרייזען פון די פראדוקטען וואלטען זיי אין זינען געהאט דעם קויפער.

טא וואו־זשע קוממט אהין דער ארגומענט, אז דער סאציאליזמוס איז ניט פראקטיש, ווייל איידער מ'פיהרט איהם איין מוז מען פריי־הער „איבערמאכען דעם מענשענ'ס נאטור". אייניגע מענשען דענ־קען, אז מיר מוזען אייביג האלטען אין איין כאפען, כאפען, און די אנדערע זאלען האלטען אין איין הונגערען, הונגערען און הונגערען. די מענשליכע „נאטור" וועט זיך ענדערען אזוי שנעל, ווי די אומ־

שטענדען וועלען זיך ענדערען. אז מ'זיצט אויף א הייסען אויווען איז עס אין דער „נאטור" פון מענשען אראבצושפרינגען, אז דער אויווען זאל אבער אבגעקיהלט ווערען, טא דארף מען פון איהם ניט אראבשפרינגען, סיידען עס זיינען חוץ דער היץ דא נאך אנדערע אורזאכען דאס יא צו טהאן. און דאך איז אין די ביידע פעלע די מענשליכע נאטור דיזעלבע, גאר נישט אנדערש געווארען, אנדערש איז דא געווארען נור דער אויווען. און פונקט אזוי וועלען זיך אויך ענדערען די האנדלונגען פון מענשען, ווען די רעגיערונג וועט זיך נעהמען צו דער פראדוקציאן פון דאס נויטיגע צום לעבען און וועט דערמיט בעווייזען אלעמען, אז קיינער דארף זיך ניט זארגען וועגען פרנסה. טאקע דערפאר אליין, וואס מענשען וועלען וויסען, אז זיי זיינען זיכער מיט'ן מאגען — אז מיט די פרייע געלעגענהייט צו ארבייטען, איז יעדער אזוי זיכער צו האבען אלע מאטעריעלע נויטיגקייטען און בעקוועמליכקייטען פון לעבען, ווי מ'איז זיכער מיט פרייע לופט, — דאס אליין וועט שוין אבשאפען די ווילדע יאגעניש אנצוזאמלען מעהר פערמעגען, ווי מ'דארף. אפילו די רייכסטע לייט פערצעהרען היינט בלויז א קליינעם טהיילכעל דער־פון וואס זיי פערמעגען, און דאך טרייבט עס זיי צו זוכען נאך מעהר רייכטהום, — און דאס איז אלץ בלויז דערפאר, וואס ביז ערשט ניט לאנג צוריק, האט די גאנצע מענשהייט זיך נאך געדארפט רייסען איבער די לעבענסמיטעל; און דערפאר פיהלט זיך נאך עד־היום די געלד־משוגעת.

אבער ניט תמיד וועט די לופט זיין פול מיט די געלד־משוגעת. די מענשליכע נאטור קאן זיך וואונדערבאר גוט צופאסען. אזוי גיך ווי די ארבייטער נעהמען איבער די קאנטראלע פון דער רעגיע־רונג צו זיך אין די הענד פאר זייער אייגענעם קלאס וועגען, און דערווייזען דערביי ווי פאלקאמען לייכט דאס איז אויסצוארבייטען אזוי פיעל רייכטהום, אז יעדער איינער זאל קאנען לעבען ווי מ'לעבט היינט אויף פינף טויזענד דאלאר א יאהר, — אזוי שנעל הערט אויף באלד אויף די רייסעניש נאך געלד — ס'וועט ניט

אויפהערען אין איין אויגענבליק. אָבער אויפהערען וועט דאָס. אייניגע פערזאָנען וועלען אפשר זיין שטארק ברוגז, וואָס די רעגיערונג קויפט ביי זיי אָפּ און נעהמט פון זיי צו זייערע אינדוסטריען, אָבער ביים ברוגז וועלען זיי בלייבען. מ'וועט זיי זאָגאר ניט צווינגען צו געהן ארבייטען, אויב זיי וועלען נור ניט וועלען. פון דעם פערקויף פון זייערע פאבריקען וועלען זיי האָבען ארויסגעקריגען גענוג געלד, דאָס עס זאָל זיי סטייען אויפ'ן גאנצען לעבען. אָבער פון זייערע קינדער וועט שוין קיינער ניט קאָנען לעבען אָהן ארבייט, ווייל דאַן וועט קיין געלעגענהייט ניט זיין אריינצוכאַפּען די פּראָדוקטען פון א פרעמדען'ס ארבייט. די פּראָדוקטען וועלען געמאַכט ווערען און פערקויפט ווערען פון דער רעגיערונג אויף קאָסט־פּרייז. צווישען דעם פּראָדוצירער און דעם, וואָס געברויכט דעם פּראָדוקט, וועט דאַן ניט שטעהן קיין קאַפּיטאַליסט. דאָס פאָלק וועט זיך זיין זיין אייגענער קאַפּיטאַליסט, ווייל עס וועט אליין האָבען אלס אייגענס דעם גאנצען אינדוסטריעלען מעכאַניזם. און די רעגיערונג וועט דאָס פאַר איהם פערוואלטען. 1)

די געגנער פון סאָציאַליזמוס פרעגען אונז מיט וואָס זיינען מיר עס אזוי זיכער, אז אונטער דעם סאָציאַליזמוס וועט דאָס פאָלק קאָנען אליין פיהרען די רעגיערונג. אנדערע ווידער פרעגען, פאַר וואָס וועלען מיר עפּעס ניט האָבען קיין גרעפּטערס צווישען די

---

1) ס'איז לייכט צו זעהן, אַז דער פּערפאסער געברויכט דאָ דאָס וואָרט „קאַפּיטאליסט" אין אַ פּאָפּולערען, אָבער ניט פּינקטליכען זינן. אַ קאַפּיטאַליסט איז מען נאָך ניט נור דערפאר וואָס מ'האָט ארבייטס־מיטעל. אַ קאַפּיטאליסט ווערט מען נור דורך אַזא געזעלשאַפטליכע אָרדנונג, וועלכע דערלאָזט, אז אַרבייטס־מיטעל זאָלען אויך ווערען דאָס מיטעל ווי צו עקספּלואַטירען דעם „פרייען" אַרבייטער. אָהן דעם פּראָלעטאַריער צום עקספּלואַטירען איז אונמעגליך צו זיין אַ קאַפּיטאַליסט, פּונקט ווי ס'איז אונמעגליך צו זיין מחותנים אָהן אויסגעגעבענע קינדער. — איבערזעצער.

אָנגעשטעלטע אין אַ סאָציאַליסטישע רעגיערונג, ווי מיר האָבען זיי היינט ביי אַ דעמאָקראַטישע און רעפּובליקאַנער רעגיערונג? אַנדערע וויעדער מיינען, אַז אַ סאָציאַליסטישע רעגירונג מוז נויט־ווענדיגערווייזע ווערען טיראַניש און דעספּאָטיש און וועט פערניכטען יעדע פּערזענליכע פרייהייט און וועט סוף כל סוף מאַכען אַ תל פון דער ציוויליזאַציאָן.

לאָמיר אויף דיעזע אַלע טענות ענטפערן איינע נאָך די אַנדערע. און לאָמיר אָקערשט אַ זוך טהון, פאַר וואָס איז דאָס פאָלק עפּעס היינט ניט אימשטאַנד צו פיהרען און קאָנטראָלירען אַן אייגענע רעגיערונג.

צום אַלעם ערשטען, האָבען מיר אַזאַ רעגירונגס־פאָרמע, אַז דאָס ערלויבט גאָר דעם פאָלק ניט צו קאָנטראָלירען די רעגירונג. די רייכע לייט, וועלכע האָבען פערפאַסט אונזער קאָנסטיטוציאָן, — און אין יענע צייטען זיינען זיי דאָך געווען רייכע לייט; צווישען זיי איז דאָך ניט געווען איין ארבייטער, — האָבען אבזיכטליך געמאַכט אַזאַ קאָנסטיטוציאָן, אַז עס זאָל אויסקומען אַזוי אַז ווען די רייכע זיינען געגען עפּעס, זאָל מען דאָס ניט קאָנען דורכפיהרען. און אַט דערצו האָט מען עס דאָך געמאַכט דעם סענאַט פון די פעראייניגטע שטאַאַטען. אויף דעם צוזאַמענפאָהר צו פערפאַסען די קאָנסטיטוציאָן איז אָפען ערקלעהרט געוואָרען, אַז מיט דעם סענאַט מיינט מען פאָרשטעהער פון די רייכע. די הויז אָוו רעפּרע־זענטעטיווס זאָל זיין פיר דעם פאָלק; אָבער דער סענאַט איז דער פאָרשטעהער פון עשירות; און די הויז אָוו רעפּרעזענטעטיווס קאָן קיין געזעץ ניט דורכפיהרען אָהן די איינוויליגונג פון דעם סענאַט. אַ חוץ דעם איז דאָ דער סופרים קאָרט פון די יונייטעד סטייטס, — וואָס איבער איהם האָט דאָס פאָלק אבסאָלוט קיין דעה ניט, — אויסצוטייטשען די געזעצע, וואָס דער קאָנגרעס מאַכט.

דאָס איז די ערשטע אורזאַכע, פאַר וואָס דאָס פאָלק קאָנ־טראָלירט היינט ניט די רעגירונג, — די פערפאַסער פון דער קאָנ־סטיטוציאָן האָבען גאָר אין זינען ניט געהאַט, אַז דאָס פאָלק זאָל

ווען עס איז האָבען די קאָנטראָלע; און די רייכע לייט נוצען נאָך עד־היום אוים זייער מעגליכקייט צו קאָנטראָלירען די רעגירונג.

און די צווייטע אורזאכע איז די קאַפּיטאַליסטישע סיסטעם אליין; בעגרינדעט אויף פּריוואַט פּראָפיטען, ברענגט זי זעהר פיעל אריין די קאַפּיטאַליסטען דערמיט, וואָס זיי קאָנטראָלירען די רעגירונג. די רויבערייען פון די קאַפּיטאַליסטען ווערען דורכגעפיהרט דורך די געזעצע, און אום צו קריגען די נויטיגע געזעצע דערצו און זיי אויך צו קאָנען אויפהאַלטען פאָדערט זיך צו האָבען די רעגירונג אין די אייגענע הענד.

די סאָציאַליסטען ווילען אָפּשאַפען דעם סענאַט, און די גאַנצע געזעץ־געבענדע מאכט וועט דאַן זיין אין די הענד פון די הויז אָוו רעפּרעזענטעטיווס אליין. ביים פּרעזידענט וועט מען צונעהמען דאָס רעכט אָנצושטעלען די ריכטער פון דעם סופּרים קאָרט, און דאָס פאָלק וועט זיך איבערנעהמען דאָס רעכט אויסצואוועהלען אלע ריכטער. און ביים סופּרים קאָרט פון די יונייטעד סטייטס וועט מען אויך צונעהמען דאָס רעכט, וואָס ער האָט זיך אליין גענומען, צו ערקלעהרען די געזעצע פון קאָנגרעס פאַר ניט־קאָנסטיטוציאָנעל, און נור דאָס פאָלק אליין זאָל האָבען דאָס רעכט צו ערקלעהרען וועלכע געזעצע מ'דאַרף אויסמעקען. די קאָנסטיטוציאָן אליין וועט מען דאַן אויך קאָנען אַמענדירען (אויסבעסערען) בלויז מיט אַ מאַיאָריטעט שטימען, און יעדער בעאַמטער פון לאַנד, אָנהויבענדיג פון דעם פּרעזידענט אליין, וועט אויך צו יעדער מינוט מוזען גלייך אראָפּ פון בענקעל, ווען נור אַ מאַיאָריטעט פון פאָלק וועט דאָס ווען.

איבער דיעזע אלע אורזאכען, מעלדען די סאָציאַליסטען מיט גרוים רעספּעקט, אַז אונטער דעם סאָציאַליזמוס וועט דאָס פאָלק יאָ האָבען די קאָנטראָלע איבער דער רעגירונג. און נאָך אַן אורזאכע האָבען מיר: אונטער'ן סאָציאַליזמוס וועט ניט זיין קיין טראָסט־סענאַטאָרס און טראָסט־רעפּרעזענטעטיווס, ווי אויך קיינע פאַרשטעהער פון די גרויסע באַנקיר־געשעפטען אָדער אזעלכע אָנגע־

זאמעלטע בערג פּריוואַט קאַפּיטאַל, ווייל דאַן וועט אַזאַ פּריוואַט־קאַפּיטאַל גאָרניט עקזיסטירען.

און ס'איז קלאָר צו זעהן, פאַר וואָס אונטער'ן סאָציאַליזמוס וועלען מיר שוין ניט זיין אַזוי זיכער אַריינצוקריגען סאָציאַליסטישע גרעפטערס צווישען די בעאַמטע, ווי מיר זיינען דאָס היינט זיכער צו האָבען דעמאָקראַטישע און רעפּובליקאַנער גרעפטערס, — אָבער אַלץ ניט דערפאַר, וואָס סאָציאַליסטען האַלטען זיך פאַר מעהר עהרליך, ווי די גאַנצע וועלט. די סאָציאַליסטען רעדען זיך דאָס ניט איין. די סאָציאַליסטען ווייזען אייך דאָ איינפאַך אָן אויף דעם פאַקט, אַז די גאַנצע היינטיגע גרעפטעריי איז דאָך בלויז צוליעב פּריוואַט־פּראָפיט. אָבער ווען מיר שאַפען אָפּ די סיסטעם פון מאַכען פּראָפיט, און זאַכען ווערען געמאַכט צום געברויכען, ניט צום פערקויפען, וועט דאָך שוין מעהר ניט זיין צו וואָס צו גנבען גרעפטען. די קהל'שע אָנגעשטעלטע וועלען נאָך אַלץ קאָנען גנב'ענען, נאַטירליך; זיי וועלען נאָך אַלץ קאָנען מאַכען שווינדלען אין דער ליסטע פון וויידזשעס און וועלען מסתמא אויף אַנדערע אופנים אויך קאָנען ראַבעווען דאָס פאָלק. אָבער, ערשטענס, איז אפילו היינט שוין אויך ניט ווערטה פאַר די אָנגעשטעלטע זיך צו שמירען מיט אַזעלכע אומגעלומפּערטע גנבה'לעך, און, צווייטענס, וועט מען אונטער דעם סאָציאַליזמוס פּונקט אויך אַזוי בעשטראָפען דעם גרעפטער ווי היינט, — בלויז מיט נאָך מעהר שטרענגקייט. אַ חוץ דעם, גלויבען גאָר די סאָציאַליסטען ניט, אַז עס וועט דאַן זיין פיעלע אַזעלכע גנבות, אָדער אַז מ'וועט נאָך לאַנג גנב'ענען. און וואָס אָנבעטרעפט די גרעפט אליין, איז מיט דער אָבשאַפונג פון דער היינטיגער סיסטעם, וואָס מאַכט מעגליך צו גרעפטען, וועט צוזאַמען מיט איהר אָבגעשאַפען ווערען דאָס גרעפטען אליין אויך.

און יעצט לאָמיר בעטראַכטען די בעשולדיגונג, אַז די סאָציאַ־ליסטישע רעגירונג וועט ווערען טיראַניש און דעספּאָטיש און וועט פערניכטען די פּערזענליכע פרייהייט און די גאַנצע ציוויליזאַציאָן אויך.

ווען די גאַנצע געזעץ־געבענדע מאַכט וועט ליגען אין די הויז אָוו רעפּרעזענטעטיווס, וואָס ווערט ערוועהלט פון דעם פאָלק, און אַלע ריכטער וועלען אויך ערוועהלט ווערען פון דעם פאָלק, און ביים סופּרים קאָרט פון די יונייטעד סטייטס וועט מען צונעהמען די מאַכט צו ערקלעהרען די געזעצע פאַר ניט־קאָנסטיטוציאָנעל, — איז שווער צו זעהן, ווי אַזוי קאָן דאָס די רעגירונג דאַן ווערען אַ טיראַניי. און נאָך שווערער קומט דאָס פאַר זיך פאָרצושטעלען, ווען מ'בערעכענט נור, אַז אונטער אַ סאָציאַליסטישער רעגירונג וועט דאָס פאָלק נאָך האָבען אַלס צוגאָב די פאָלגענדע רעכטע אויך:

דאָס רעכט צו יעדער מינוט צוריקצורופען אַ בעאַמטען פון זיין אַמט.

דאָס רעכט אַליין אַרויסצוגעבען, מיט אַ דירעקטע אָבשטימונג, אירגענד וועלכען געזעץ, וואָס די געזעץ־געבער ענטזאָגען זיך אָנצונעהמען.

דאָס רעכט, מיט אַ דירעקטע אָבשטימונג, אָבצושאַפען אירגענד עפּעס אַ געזעץ, וואָס די געזעץ־געבער האָבען יאָ אַרויסגעגעבען.

ווי אויך דאָס רעכט, מיט דירעקטע אָבשטימונג, צו פערבעסערען די קאָנסטיטוציאָן, ווען מ'וועט נור וועלען, סיי אין אַן איינציגען שטאַאַט, סיי פון דער גאַנצער נאַציאָן.

אויב אונטער אַזאַ פאָרמע פון רעגירונג קאָן נאָך אַלץ זיין טיראַניי און דעספּאָטיע, טאָ זאָלען די, וואָס גלויבען אַזוינס, זיך דערמיט קוויקען.

פיעלע גוטע מענשען גלויבען אָבער אַלץ, אַז ווען דער סאָציאַליזמוס זאָל מקוים ווערען, וועט נאָך יעדע פּערזענליכע פרייהייט פערלאָרען געהן. דיעזע גוטע מענשען פעהלט נעבאָך אויס ניט נור אַ ביסעלע קענטניסע אין סאָציאַליזמוס, זאָנדערן דער קאָמוניזם־געפיהל אויך. היינט, זעהט איהר, מיינען די גוטע מענשען, האָבען מיר פּערזענליכע פרייהייט יאָ. די הערען בעמערקען עס, דאַכט זיך, גאָר ניט, אַז אין די היינטיגע געזעלשאַפט ווערט יעדער אינגעל,

אין די געוועהנליכע אומשטענדען, אריינגעשליידערט צו דער ארבייט, וואָס ער קאָן נור קריגען, גלייך ווי ער ווערט נור אַלט גענוג צו געהן צו דער ארבייט — די נויט כאַפּט דאָך דאָס איהם אָן ביים גאָרגעל און בויגט איהם אראָפּ צו דער ארבייט. אפשר וויל גאָר דער אינגעל געהן צו אַן אַנדער ארבייט; אפשר טויג ער גאָר בעסער פאַר עפּעס אַנדערש. אָבער די נויט — זי צווינגט דאָס איהם צו געהן צו דער ארבייט און ניט איבערקלייבען. און ער וואַלגערט זיך אַרום אַ קורצע צייט פון איין סאָרט ארבייט צו אַ צווייטען, אַ דריטען, ביז ענדליך געפינט ער זיך אַ מלאָכה ביז׳ן טויט אַריין. אָבער דיעזע אַלע בעשעפטיגונגען, פונקט ווי גאָר די ערשטע, האָט ער זיך אַליין ניט אָפּגעקליבען. ער נעהמט זיך צו יעדער איינער ארבייט פּשוט דערפאַר, ווייל ער מוז האָבען אויף ברויט.

אויב דער סאָציאַליזמוס זאָל דעם פאַמיליען־פאָטער געבען די מעגליכקייט צו פערדיענען גענוג צו לעבען ווי מען לעבט היינט אויף 5,000 דאָלאַר אַ יאָהר, וועט ער ניט זיין געצוואונגען צו שיקען קינדער געהן אַרבייטען ביז זיי האָבען ניט געענדיגט, אַם ווענינ־סטענס, כאָטש אַ הויי־סקוהל (אַ גימנאַזיע). און ווען די אינגלעך וואָלטען ניט געווען געצוואונגען צו געהן אַרבייטען אַזוי יונג, איז דען דאָס ניט קלאָר, אַז אַ ביסעל שפּעטער וואָלטען זיי וואהר־שיינליך בעסער פערשטאַנען וואָס פאַר אַ בעשעפטיגונג זיך אויס־צוקלייבען, וואָס וואָלט זיך אפשר בעסער געפּאַסט אי פיר זייער געשמאַק, אי פיר זייערע פעהיגקייטען. און אַז מיר זאָלען פער־ניכטען די מאַכט פון אָרימקייט צו טרייבען די אינגלעך זיך צו כאַפּען צו יעדער בעשעפטיגונג, וואָס קומט נור צו דער האַנד, וואָלט אונז דען דערפאַר געקומען די בעשולדיגונג, אַז מיר שעדיגען אָדער פערניכטען די אינדיווידועלע פרייהייט פון די יונגע מענשען?

לייטע, וואָס האָבען וועגען סאָציאַליזמוס געהערט נור פון קאַפּיטאַליסטישע מיילער, האָבען עפּעס אַזעלכע מאָדנע און אַ מאָל זאָגאַר שווידערליכע אידעען וועגען דעם, וואָס די סאָציאַליסטען

ווילען מאַכען פון דער וועלט. מ׳דערצעהלט זיי, — און פיעלע פון זיי גלויבען עס אויך טאַקע, — אַז אונטער דעם סאָציאַליזמוס וועט די פּערזאָן זיין ניט מעהר, ווי אַ פּשוט׳ער גולם אין די הענד פון דער רעגירונג, וואָס וועט ניט אויפשטעהן אין דער פריה, ביז עס וועט זיך ניט דערלאַנגען דער קלאַפּ פון דעם רעגירונגס וועק־זייגער, און דעם גאַנצען טאָג וועט דער גולם אַרומלויפען און טהאָן וואָס דער רעגירונגס־באָס וועט הייסען, און מען וועט זיך לעגען שלאָפען ווען דער באָס וועט הייסען.

ווייסט איהר וואָס: לאָמיר נאָר אַ גוטען טרייסעל טהון אָט דיעזען אַלטען זעקעל שטרוי!

טאָ ווער־זשע וועט דאָס דאַן זיין דער טיראַן איבער׳ן פאָלק? זאָגט מען: „די סאָציאַליסטען“. אָבער ווער וועט צו יענער צייט זיין די סאָציאַליסטען? זיי ווילען דאָך מוזען זיין אַם ווענינ־סטען די מאַיאָריטעט, — ניין אפשר? די סאָציאַליסטען ווילען דאָך קיין מאָל ניט אַריינקריגען די קאָנטראָלע איבער דער רעגירונג, סיידען זיי ווילען האָבען די מאַכט, — מ׳קאָן זיך שוין גוט פער־לאָזען אויף די קאַפּיטאַליסטען, אַז זיי זאָלען זיך, ווי אין מילוואָקי, פעראייניגען געגען די סאָציאַליסטען. הייסט עס, אַלזאָ, אַז מען וויל אייך איינרעדען, אַז די מאַיאָריטעט פונ׳ם פאָלק וועט נעהמען און געהן מיט אָפענע אויגען איינפיהרען און דערנאָך אונטער־שטיצען אַזאַ רעגירונגס־פאָרמע און אַזאַ אַרט אַרבייטען, אונטער וועלכע די מאַיאָריטעט ווי אויך די מינאָריטעט ווילען דאַרפען זיין שקלאַפען.

געדענקט אָט וואָס: דער סאָציאַליזמוס וועט קיין מאָל ניט טהון דאָס מינדעסטע, סיידען די מאַיאָריטעט פון פאָלק וועט דאָס ווילען. דאָס איז ניט נור אַ פערשפּרעכען, — דאָס איז אַ זיכערהייט. די סאָציאַליסטישע אַדמיניסטראַציאָן וועט ניט קאָנען טהון דאָס מינדעסטע, וואָס די מאַיאָריטעט פון פאָלק וועט ניט גוטהייסען. ווען דער אַדמיניסטראַציאָן זאָל זיך דאַן נור פער־ווילען טהון עפּעס אַזאַ זאַך, וואָלט די מאַיאָריטעט פון פאָלק

זאַפּאָרט צוריקגערופען די גאַנצע אַדמיניסטראַציאָן, און וואָלט אָבגעמעקט די אַלע געזעצע איהרע, און וואָלט געטהון וואָס נור די מאַיאָריטעט אַליין וויל.

און דאָס טאָרט איהר אויך ניט פערגעסען: ווען ביי די נעקסטע וואהלען וואָלטען אין יעדער רעגירונגס-אָבטהיילונג אריינגעקומען די סאָציאַליסטען, וואָלט דערפון קיין מישמאַש ניט געווארען, קיין אינדוסטריע וואָלט ניט פּאַראַליזירט געוואָרען, יעדער איינער וואָלט זיך יענעם טאָג געגאַנגען צו דער ארבייט, ווי אַלע מאָל. די אויפגאַבען צו סאָציאַליזירען די אינדוסטריע וואָלט זיך אויסגעפיהרט געוואָרען מיט איבערלעגונג און אין אָרדנינג. מען וואָלט זיך צו די אינדוסטריען גענומען נאָך דער רייהע, איינע נאָך די אנדערע.

אפשר וואָלט מען זיך צוערשט גענומען צו די אייזענבאַהנען. עס וואָלט זיך דערביי אפשר געפּאָדערט אַ גאַנץ יאָהר, איידער מ'וועט איינאָרדנען די אייזענבאַהנען. אָבער אין דער גאַנצער צייט וואָס עס וואָלט זיך פּאָדערען איבערצומאַכען די אייזענבאַהן-סיסטעם, וועט אפילו איין רעדעלע זיך ניט דארפען אָפּשטעלען.

די ערדען, וואָס טענה'ן וועגען אָפּשאַפען אינדיווידועלע פרייהייט אונטער דער סאָציאַליסטישער אָרדנונג, האָבען אָט אַזאַ טעות: ביי זיי קומט אויס, אַז אונטער דעם סאָציאַליזמוס וועט די רעגירונג קאָנטראָלירט ווערען פון אַ מינאָריטעט, אָט פונקט ווי די רעגירונג ווערט היינט קאָנטראָלירט פון אַ מינאָריטעט. און פון דעם ערשטען טעות געהען זיי גלייך צום צווייטען, נעמליך, אַז ווען די סאָציאַליסטען וואָלטען איינגעפיהרט אַזאַ משונענע רעגירונג, וואָלטען זיי אַליין דערפון ניט געליטען מיט אַלעמען צוגלייך און וואָלטען, אַלזאָ, אויך אויפגעהאַלטען אַזאַ רעגירונג געגען דעם ווילען פון דעם גאַנצען פאָלק.

עס איז אבסאָלוט קיין ברעקעל גרונד ניטאָ אין דיעזער בעשולדיגונג, אַז דער סאָציאַליזמוס וועט זיין געגען אינדיווידועלע פרייהייט. אַ רעגירונג, וואָס ווערט קאָנטראָלירט פאר דעם פאָלק

אליין, קאָן גאָר ניט ווערען דער טיראַן איבער׳ן פאָלק; און דאָס אָפּשאַפען פון דעם דלות אין אַ דעמאָקראַטיע קאָן ניט קירצען די אינדיווידועלע פרייהייט. היינטיגען טאָג ווער האָט די גרעסטע פערזענליכע פרייהייט, — דער וואָס האָט דעם דלות, צי דער וואָס ווייסט פון איהם ניט?

די סאָציאַליסטען קומען אָבער ניט מיט דעם אָנשטעל, אַז זיי געהען עס אַזוי איבערמאַכען די וועלט, אַז יעדער איינער זאָל זיך קאָנען צוטרעטען צו דער רעגירונג מיט דער פאָדערונג, אַז ער מוז דוקא געהן שפּיעלען אויף דער גיטאַרע. דער אַרבייטער וועט זיך אַזאַ פאָדערונג יאַ קאָנען שטעלען, אָבער אַזאַ דזשאַב וועט ער ניט קריגען, סיידען מ׳וועט ערגעץ וואו פערלאַנגען אַ גיטאַרע־שפּיעלער. מיט אַנדערע ווערטער, די סאָציאַליסטען האָפען צו נעברויכען געזונטע לאָגיק אין דער פערוואַלטונג פון דער אינ־דוסטריע. גערעדט אין כלל, וועט דער יעניגער וואָס קאָן טהון אַם בעסטען אַ געוויסע אַרבייט, געשיקט ווערען צו דיעזער אַרבייט. און עס וואָלט איינפאַך געווען אידיאָטיש צו וועלען דאָס מאַכען אַנדערש אָדער צו פערשפּרעכען עפּעס אַנדערש. און אין דער זעלבער צייט וועט דאָס אָפּשאַפען פון אָרימקייט און די פערגרעסערונג פון דער מאַסע פּראָדוצירטע זאַכען, וואָס וועט קומען נאָך די בעפרידיגונג פון דעם פאָלק׳ס ערשטע בעדערפענישען, שענקען דעם אַרבייטער פיעל מעהר פרייהייט זיך צו קאָנען אויס־קלייבען אַ פאַסענדע בעשעפטיגונג.

און דאָ, ביי דיעזען פונקט, געפינט זיך שוין אימיצער, וואָס האָט חשק צו שטעלען די פראַגע: „ווער־זשע וועט דאַן געהן טהון די שמוציגע אַרבייט?“

די סאָציאַליסטען ענטוואָרטען גאָרניט, אַז זיי וועט זיך ווען עס איז איינגעבען אַז עס זאָל ווערען אַזוי געשמאַק צו רייניגען די גאַסען, ווי אַרומצוגעהן ביי ראָזען. זיי ענטוואָרטען אָבער יאָ צו זיין אימשטאַנד צו בעצאָהלען אַזאַ אויסערגעוועהנליך הויכען געהאַלט פאַר דיעזער אויסערגעוועהנליך אונאַנגענעהמער אַרבייט,

אז די רינשטאָקס וועלען דאָך זיין ריין. פאַר וואָס זאָל מען עפּעס מיינען, אז אזא פּלאַן וועט ניט אויסהאַלטען, אין דער צייט, וואָס פאַר היינטיגע שכירות ווערען די גאַסען דאָך גערייניגט. היינטיגע צייטען צאָהלען מיר דאָך זעהר בידנע ווייזשעס פאַר דיעזער אונאַנגענעהמער אַרבייט, און דאָך בלייבען די קאַנאַוועס ניט אומ־גערייניגט. טאָ ווי־זשע קאָן מען עס דענקען, אַז די זעלבע מענ־שען, וואָס טהוען היינטיגע צייטען דיעזע שמוציגע אַרבייט פאַר נידריגע ווייזשעס, וועלען פאַר העכערע ווייזשעס דאָס ניט וועלען טהון? און דאָס איז שוין גאַנץ זיכער, אַז די רעגירונג וועט זיין געצוואונגען צו געבען העכערע ווייזשעס, אז עס זאָלען זיך גע־פינען בעלנים אויף דיעזע שמוציגע, דאָך זעהר נויטיגע אַרבייט.

היינטיגע צייטען נעהמט זיך דער מענש צו שמוציגע אַרבייט פאַר קלענליכע ווייזשעס, ווייל ס'איז קיין אַרבייט ניטאָ. אָבער אונטער דעם סאָציאַליזמוס וועט דאָך זיין אַרבייט גענוג, ווייל דאָס פאָלק וועט האָבען די גאַנצע אינדוסטריעלע מאַשינערי ביי זיך אין די הענד און וועט אויך האָבען די פרייהייט זיך צו בענוצען דערמיט. און אַ חוץ דעם, ווערט דאָך שוין היינט גע־טהון אַ גרויסער טהייל פון דער שמוציגער אַרבייט דורך מאַשינערי, און מיט דער צייט וועלען די מאַשינען טהון נאָך מעהר.

אָפט פרעגט מען די סאָציאַליסטען, וואָס וועט מען טהון מיט איינעם, וואָס וויל אין גאַנצען ניט אַרבייטען. אַלס אַ וויץ קען מען דאַרויף ענטפערען, אַז וואָס מען זאָל מיט אזא מאַן ניט טהון, פאַר קיין מיליאָנער וועט מען איהם ניט מאַכען. אָבער שפּאַס אָן אַ זייט, די פראַגע איז אַ נאַרישע. וואָס, דענקען זיך די געג־נער פון סאָציאַליזמוס, וועט טאַקע די סאָציאַליסטישע רעגירונג טהון מיט איינעם, וואָס וועט ניט וועלען אַרבייטען? דענקען זיי, אַז איינעם אַזוינעם וועט מען קרוינען מיט אַ מעדאַל, אָדער מ'וועט איהם געבען אַ לעבענס־פּענסיאָן? וואָס זאָל מען דען געהן טהון מיט אזא חברה־מאַן? מ'וועט איהם לאָזען הונגערן! איך מיין

נור אזוינעם, וואָס האָט אי די פעהיגקייט צו אַרבייטען, אי די אַרבייט צו טהון, און זאָגט זיך אָבער דאָך אָפּ דערפון.

אָבער, — א חוץ ביי די קרימינאַלניקעס, — זיינען אזוינע מענשען גאָר ניטאָ, און וועלען ניט זיין. די סאָציאַליסטען וועלען בעשטראָפען די גנבים, פּונקט ווי קאַפּיטאַליסטען בעשטראָפען זיי; בלויז איינס: ביי סאָציאַליסטען וועלען די גרעסערע גנבים ניט האָבען קיין געלד. בקיצור, אָפּצו'פּטר'ען די גאַנצע פראַגע מיט איין זאַץ: — די סאָציאַליסטען פערלאָזען זיך, אז די בעדירפנים צו האָבען שפּייז, קליידער און וואָהנונג ווערט זיין גענוג צו האַלטען די מייסטע מענשען ביי דער אַרבייט; און אז עס וועט זיך א מאָל דאָך מאַכען איינער, וואָס וועט בעסער וועלען גנב'ענען, וועט מען זיך מיט איהם בעגעהן ווי געוועהנליך, — מ'וועט איהם איינזעצען אין געפענגנים. *)

די זעלבע פראַגע — „וואָס וועט מען טהון מיט איינעם, וואָס וויל אין גאַנצען ניט אַרבייטען?“ האָט נאָך אַן אַנדער בעדייטונג אויך. זי ווייזט אונז אָן א געוויסען מאָדנעם גלויבען, וואָס מענשען האָבען, ווען זיי פערשטעהען ניט גרינדליך דאָס ווירקליכע לעבען. איך האָב אַן אַלטע מומע — זעהר א בעליעבטע; און זי גלויבט עהרליך פון איהר טיעפסטען האַרצען, אז די מאַסע אַרבייטסלאָזע זיינען אַלע אָדער לויפערס אָדער שכורים. אז

---

*) ווען די סאָציאַליסטישע געזעלשאַפט וועט שוין האָבען אָפּגעלעבט א צעהן־צוואַנציג דורות נאָך דער פערגעסענער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשפט, וועלען אין איהר די אַסטראָגען מיט די שטראָפעס שוין אויך פערגעסען ווערען פון לאַנג. די יונגינקע סאָציליסטישע געזעלשאַפט, אין וועלכער עס וועלען נאָך לעבען מענשען, וואָס זיי אַליין אָדער זייערע עלטערן געדענקען נאָך דעם קאַפּיטאַליזמוס, — אזאַ געזעלשאַפט וועט נאָך אויך מוזען האָבען די אַסטראָגען מיט די שטראָפעס זיך צו קענען בעשיצען געגען די איבערגעבליבענע קאַפּיטאַליסטישע פערדאָרבענהייט.— דער איבערזעצער.

מ׳רעדט מיט די הערערן, וואָס ווייסען פון קיין דלות ניט, ווענען די אַרבייטסלאָזע, הערט מען באַלד פון זיי דעם געשריי: טאָ פאַר וואָס זאָלען די חברה ניט אַרויסגעהן אויפ׳ן לאַנד, וואו די פאַרמערס בעטען זיך מ׳זאָל צו זיי געהן אַרבייטען, אָבער קיינער קומט ניט.״

איך אַליין האָב זיך אויפגעהאָדעוועט אויף אַ פאַרמע, און איך געדענק נאָך היינט, אַז אין ווינטער איז אויף דער פאַרמע ניטאָ פיעל אַרבייט. די גרויסע פאָדערונג פאַר עקסטראַ אַרבייטער קומט געוועהנליך אין מיטען זומער, ווען מ׳נעהמט זיך שניידען די תבואה. אין פערלויף פון פינף ביז זעקס וואָכען פאָדערט זיך אויף די פאַרמעס מעהר הענד, ווי מ׳קאָן קריגען. אָבער וועלכער ברויט־געבער, וואָס האָט אַ פאַמיליע אין אַ טענעמענט־הויז אין ניו יאָרק אָדער שיקאַגאָ, האָט עס אויף אַ טיקעט צו פאָהרען קיין אייאָוואַ, נעבראַסקאַ, אָדער זאָגאַר אָהייאָ צו בעקומען דיעזע אַרבייט אויף זעקס וואָכען?

ראשית, איז טאַקע קיין געלט ניטאָ, מיט וואָס צו פאָהרען אַהין. אין שטאָדט האָט מען קוים צום לעבען, און מ׳איז איבער׳ן קאָפּ אין חובות, און אַז מ׳קריגט שבת בעצאָהלט פאַר דער וואָך געהט דאָס אַוועק אויף די חובות פון דער גאַנצער וואָך. און אויב די פאַרמערס, וואָס דאַרפען „הענט“, וואָלטען זיי געגעבען געלט פאַראויס צו האָבען מיט וואָס צו פאָהרען, וואָלט זיי נאָך די זעקס וואָכען וועניג וואָס געבליבען, און דערווייל וואָלטען זייערע פאַ־מיליעס אין שטאָדט אויסגעגאַנגען פון הונגער. און אַ חוץ דעם איז די אַרבייט אויף דער פאַרמע אַזאַ, וואָס שטאָדט־מענשען פערשטעהען אין דעם גאַנץ וועניג. נאַטירליך, קאָן מען זיך אויס־לערנען צו זיין אַ פאַרמער, אָבער ניט אין זעקס וואָכען. און יעדענפאַלס, איז אין צייט פון אַ פּאַניקע ביי אונז איבער׳ן לאַנד פאַראַן ביז 5,000,000 מענשען אָהן אַרבייט, און מ׳קאָן זיך גאָר ניט פאָרשטעלען אַזעלכע אומשטענדען, אַז אפילו אין די זעקס וואָכען

אין יאָהר זאָל אַ גרויסער טהייל פון דיעזער מאַסע זיך קאָנען געפינען ארבייט.

דער אמת איז, אז די בעדינגונגען פון דעם מאָדערנעם אינ־דוסטריעלען לעבען זיינען אזוינע שווערע, אז אַלץ אַ גרעסערע צאָהל ניט־אָרגאַניזירטע ארבייטער קאָן זיך קוים־קוים פערדיענען צום לעבען, זאָגאר ווען ס׳איז שוין יא דאָ ארבייט. די שטענדיג־וואַקסענדע לעבענס־קאָסטען, וואָס די טראַסטס מאַכען אָן, ווייל זיי קאָנטראָלירען די מארקען מיט די פרייזען, בעראַבעווען דיעזע מענשען ביז גאָר, און קיין יוניאָנס, וואָס זאָלען זיי העלפען פער־גרעסערען די ווייזדשעס, האָבען זיי אויך ניט. און דאָך ענטזאָגען זיי זיך ניט צו ארבייטען אפילו פאר דאס קלעגליכע טרוקען שטי־קעל ברויט. פערקעהרט, זיי זיינען נאָך גערן צו געהן צו דער ארבייט. און אויך די גרויסע מאַסע ארבייטסלאָזע זוכט נעבאָך אויך ארבייט פאר׳ן ביסען ברויט.

און אויב מענשען געהען גערן ארבייטען אונטער אזעלכע שוידערליכע אומשטענדען, טאָ וואָס איז עס פאר אַ שכל צו מיינען, אז אַ גרויסע צאָהל מענשען וועלען אונטער אַ סאָציאַליסטישער אָרדנונג ניט וועלען ארבייטען פאר אזוינע שכירות, וואָס וועט זיי געבען די מעגליכקייט צו לעבען, ווי איינער וואָס פערלעבט היינ־טיגען טאָג ביז 5,000 דאָלאר אַ יאָהר? און די ערערען, וואָס ווילען דאָך זיין פערזאָרגט איבער אזוינע זאכען, מעגען זיך זאָרגען, ווי פיעל זיי ווילען אַליין. די סאָציאַליסטען קימערען זיך ווענען אזעלכע זאכען ניט. און אויב אונטער דעם סאָציאַליזמוס וועלען זיך דאָך בעווייזען עטליכע פערקאָרעניעטע לויפערס, וועט מען שוין וויסען, ווי זיך מיט זיי צו בעגעהן. סאָציאַליסטען ווילען זיך ניט ענטזאָגען פון זייערע בעמיהונגען צו בעפרייען די וועלט פון דעם דלות נור דערפאר, וואָס ס׳איז דאָ עפּעס אַ מעגליכקייט, אז ביי אונז זאָל זיך אויך אַ מאָל טרעפען אַ פוילענצער.

פינפטער קאפיטעל

ווי אזוי דאס פאלק קען איבערנעהמען די טראסטס.

די מייסטע מענשען זיינען ניט פעראינטערעסירט אין פריוואט פראפיט, ווייל זיי מאכען קיין פראפיט ניט. פראפיטען מאכען נור קאפיטאליסטען, און די צאהל קאפיטאליסטען איז א גאנץ קליינע אין פערגלייך מיט דער גאנצער מאסע בעפעלקערונג. די מייסטע מענשען ארבייטען פאר ווייחדזשעס, ביי אלערליי בעשעפטיגונגען; אדער מ'איז פארמערס. און דאך לעבען מיר אין א סיסטעם, דער פונדאמענט פון וועלכער האלט זיך אויף פריוואט־פראפיט. אויב מ'מאכט א גוטען פראפיט, הייסט עס, אז די געשעפטען זיינען גוט. ווען די פראפיטען זיינען אזוי־זיך, ניט שלעכט, הייסט עס, אז די צייטען זיינען בלויז ניט שלעכט; און טאמער מאכט מען ווייניג פראפיט, הייסט עס, אז די געשעפטען געהען שלעכט. און אז די געשעפטען געהען שלעכט, ליידעט דאס גאנצע לאנד, אבוואהל מיר האבען גענוג מענשען און גענוג מאשינען אין לאנד, אז די געשעפטען זאלען געהן גוט.

די סאציאליסטען פערגלייכען די יעצטיגע געשעפטס־סיסטעם צו אן איבערגעקעהרטע פיראמידע (אדער א קלויסטער), וואס שטעהט מיט'ן קאפ אראפ, אויפ'ן שפיץ דאך, — אויף פריוואט פראפיט. די סאציאליסטען ווייסען שוין, אז א הויז זאל זיך קאנען האלטען, דארף עס ניט שטעהן מיט'ן דאך אראפ. און סאציאליסטען זיינען דער מיינונג, אז די עגיפטישע פיראמידעס וואלטען ניט געשטאנען אזוי לאנג, ווען מ'וואלט זיי געשטעלט מיט'ן קאפ אראפ. און דערפאר פאדערן אויך די סאציאליסטען, אז די געשעפטס־פיראמידע זאל מען אויך אויפשטעלען מיט'ן קאפ ארויף. סאציאליסטען דענקען, אז די צייטען וואלטען זיכער

נעווען שטענדיג בעסער, ווען מיר וואָלטען געשטאַנען אויף דעם ברייטען פונדאַמענט פון דעם פּאָלק'ס נויטען, ווי זיי זיינען היינט אויף דעם יסוד פון פּריוואַט פּראָפיט.

דאָס איז אייגענטליך אַלץ, וואָס די סאָציאַליסטען מיינען מיט דעם „רעוואָלוציאָנערען" כאַראַקטער פון זייער פילאָזאָפיע. זיי ווילען מאַכען אַ „רעוואָלוציאָנערע" ענדערונג אין דעם גרונד פון די געשעפטען. זיי ווילען, אַז זאַכען זאָל מען מאַכען נור מיט דעם איינעם צוועק צו בעפרידיגען דעם פּאָלקס־בעדירפניס און זאַכען צום געברויך. און ניט מיט דעם צוועק צו בעפריעדיגען אַ מענשען'ס זשעדנעקייט צו מאַכען פּראָפיט. כאָציאַליסטען זעהען ניט איין, ווי אַזוי מ'קאָן עס אַזוי דעוואָלוציאָנירען דעם גאַנג פון די געשעפטען, כל זמן בלויז איינינע פּערזאָן פּערמאָגען די גאַנצע מאַסע גרויסע מאַשינערי, מיט וועלכע די זאַכען ווערען געמאַכט. דערפאַר זאָגען די סאָציאַליסטען, אַז מ'דאַרף, אַז דאָס גאַנצע פּאָלק זאָל האָבען די גאַנצע גרויסע פּראָדוקציאָנס־מאַשין ביי זיך אין די הענט, — מ'זאָל דאָס אין גאַנצען אָפּקויפען, — און אויף אַזאַ'ן אופן זאָל דאָס איבערגעהן פון די ווענינע צו אַלעמען.

די מענשען, וואָס זיינען געגען אַזאַ פּלאַן, קאָנען איינגעטהיילט ווערען אין צוויי קלאַסען. איין סאָרט געגנער ווילען אָנהאַלטען די סיסטעם פון פּריוואַט פּראָפיטען און זיי זיינען פּרינציפּיעל געגען דער סאָציאַליסטישער פּראָגראַם. און דער צווייטער סאָרט געגנער, וועלכע זיינען טאַקע אפשר זעהר ווילענד פּטור צו ווערען פון די יעצטיגע אומשטענדען, גלויבען אָבער ניט, אַז דער סאָציאַליסטישער פּלאַן איז פּראַקטיש. און די אורזאַכע, פּאַר וואָס אַזוי פּיעל מענשען גלויבען, אַז דער פּלאַן פון די סאָציאַליסטען איז ניט פּראַקטיש, איז פּשוט דאָס, וואָס זעהר פּיעלע מענשען ווייסען אייגענטליך ניט, אין וואָס דער סאָציאַליסטישער פּלאַן בעשטעהט.

די צייטונגען בעלאַנגען דאָך צו די קאַפּיטאַליסטען, נעמען זיי זיך ניט די מיה צו געהן דערצעהלען דעם פּאָלק וועגען די סאָציאַ־

ליסטישע פלענער. זאגאר אזא גרויסער טראסט-לאיער, ווי סעמועל אונטערמייער פון ניו יארק, האט אויך, ווי עס זעהט אויס, וועניג וואס געוואוסט פון די פלענער פון סאציאליסטען, ביז וואנעט ס'איז איהם אמאל אויסגעקומען צו דעבאטירען מיט מאררים הילקוויט, אין קארנעגיע האלל, וועגען סאציאליזמוס. אין זיינע ערעפענונגס־ווערטער האט מר. אונטערמייער געמאכט א קאלאסאלען פעהלער ערקלערענדיג, אז די סאציאליסטען האבען קיין בעשטימטען פלאן ניט, ווי איבערצוגעבען די אינדוסטריען פון לאנד פון פריוואט־הענט צום גאנצען פאלק; און אז קיינער ווייסט ניט, צו די סאציאליסטען האבען בדעה איבערצונעהמען אלע אינדוסטריען, אדער זיי מיינען איבערצונעהמען נור די טראסטס אליין, און דערנאך לאזען די קליינינקע געשעפטען, וואס בעקעמפפען היינט די טראסטס, געהען קאנקורירען מיט דער רעגירונג. אין קורצען, מיסטער אונטערמייער האט איבערגעלאזט דעם איינדרוק, אז וואס אנגעהערט דער פראגע ווי דורכצופיהרען די פראגראם אין דער פראקטיקע, דרעהען זיך די סאציאליסטען אליין ארום ווי אין א טומאן.

טא לאמיר זעהן, ווער דרעהט זיך עס ארום ווי אין א טומאן.

וויקטאר ל. בערגער, דער סאציאליסטישער קאנגרעסמען פון מילוואקי, האט אין דעם הויז און רעפרעזענטעטיווס אריינגעבראכט א געזעץ־פארשלאג, וואס ענטהאלט אין זיך די פאלגענדע פונקטען:

די רעגירונג זאל זאפארט אנפאנגען איבערצונעהמען די אייגענטהום פון אלע טראסטס, וואס קאנטראלירען מעהר ווי פיערציג פראצענט פון די געשעפטען פון דעם פאך.

און די פרייז, ווי צו בעצאהלען פאר דיזע אינדוסטריען, זאל אויסגערעכענט ווערען פון א קאמיסיאן פון פונפצעהן עקספערטען, וועלכע זאלען זיין פארפליכטעט אויסצוגעפינען דעם ריכטיגען ריינעם געלד־ווערטה פון דעם פיזישען ווערטה פון די געשעפטען.*)

---

*) דאס מיינט פשוט בלויז די ווערטה פון די חייזער, לאנד,

און די געצאָהלט זאָל געמאַכט ווערען מיט באָנדס (רעגי־רונגס־וועקסלען) אויף צוויי פּראָצענט, וואָס די רעגירונג זאָל אַרויסגעבען אויף 50 יאָהר, און מ'זאָל אויך באַלד איינשטאָלירען אַ פאָנד צו סלק'ן די וועקסלען, ווען זיי ווערען צייטיג.

ווען אָבער די אייגענטהימער פון אַ טראָסט זאָלען ניט ווע־לען פערקויפען צו דער רעגירונג זייער אייגענטהום פאַר דעם פּרייז, וואָס די קאָמיסיאָן פון עקספּערטען האָט בעשטימט, איז דער פּרעזידענט פון די פעראייניגטע שטאַאטען בעפאָלמעכטיגט צו געברויכען די מיטלען, וואָס וועלען זיין נויטיג אום צו בעקומען און איינצוהאַלטען דיעזע אייגענטהום.

דערמיט ווערט אויך בעשאַפען אַ ביוראָ פון אינדוסטריען, וואָס זאָל זיין אַ טהייל פון דעם דעפּאַרטמענט פון האַנדעל און אַרבייט און זאָל פיהרען די אינדוסטריען, וואָס בעלאַנגען צו דער רעגירונג.

מערקט אייך, אַז דאָס איז בלויז אין קורצען דער זין פון בער־גער'ס געזעץ־פאָרשלאַג. דיעזער געזעץ־פאָרשלאַג מעג אייך אפשר ניט געפעלען. אָבער ניט דאָס איז דאָ וויכטיג. סעמועל אונטער־מייער, דער גרויסער טראָסט־לאָיער און מסתמא אויך אַ בעלעזענער מאַן, האָט געזאָגט, אַז די סאָציאַליסטען האָבען ניט קיין בע־שטימטען פּלאַן, ווי איבערצונעהמען די אינדוסטריען פון לאַנד. דיעזע בעהויפּטונג האָט ער געמאַכט אין קאַרנעגיע האָל פאַר טויזענדער אַנוועזענדע מענשען, און אין דיעזער בעהויפּטונג זיינער איז ניטאָ אַ וואָהר וואָרט. און ווען ער וואָלט זיך גענומען די מינדעסטע מיה אָנצופרעגען זיך, וואָלט ער לייכט אויסגעפונען, אַז די סאָציאַליסטען האָבען שוין גאָר אַ בעשטימטען פּלאַן, ווי

מאַשינען, מאַטעריאַלען און סחורות, וואָס ליגען ווירקליך **אין דעם** געשעפט, אָבער ניט קיין אָפּטריט־געלט און אַנדערע אַזעלכע **קאָמיסיעס.** — דער איבערזעצער.

איבערצונעהמען דאָס אייגענטהום פון די אינדוסטריען פון דער מדינה.

אָבער מיסטער אונטערמייער האָט זיך ניט גענומען די מיה עס אויסצוגעפינען. אונוויסענד אין דער סאָציאַליסטישער פּראָגראַם ווי אַן עסקימאָס, איז ער זיך געקומען אין קארנעגיע האָל און האָט סתם גערעדט. וואָס ער האָט ניט געוואוסט, האָט ער זיך גע־פּרופט טרעפען, און אז ער האָט געטראָפען ניט ריכטיג, האָט איהר ביי איהם אַן עולה. און געטראָפען האָט ער כמעט אין גאַנצען וואו מ׳דארף ניט. און מיסטער הילקוויט האָט פון איהם געמאַכט אש, דער מאַן איז געווען לעכערליך. ער איז געווען מעהר ווי לעכערליך. ס׳איז אויף איהם געווען אַ פּשוט׳ער רחמנות. אַ גרויסער לאָיער, מיט אַ גרויסען נאָמען, געהמט און דעבאַטירט וועגען אַ פראַגע, מיט וועלכער ער איז קוים־קוים וואָס בעקאַנט!

מיסטער הילקוויט האָט איהם נאַטירליך צוקלאַפּט, אָבער ניט פיעל צוקלאַפּט, וואָרים סאָציאַליסטיש גערעדט, איז אין מיסטער אונטערמייער׳ן ניט געווען פיעל וואָס צו צוקלאַפּען. אָבער, אונגליקליכער ווייזע, האָבען נור די פינף אָדער זעקס טויזענד, וואָס זיינען געווען ביי דער דעבאַטע, געוואוסט, אַז מיסטער אונטערמייער איז צוקלאַפּט. מיליאָנען ניו יאָרקער, וואָס האָבען געלעזען די קאַפּיטאַליסטישע צייטונגען אויף מאָרגען נאָך דער דעבאַטע, האָבען גאָר געהאַט דעם איינדרוק פון די גרויסע קעפּלאַך איבער די נייעס, אַז אונטערמייער האָט צוקלאַפּט ניט נור הילקוויט׳ן, זאָנדערן דעם סאָציאַליזמוס אַליין אויך. „סאָציאַ־ליסטען האָבען ניט קיין בעשטימטען פּלאַן, ווי צו טהאָן דאָס, וואָס זיי האָבען בדעה צו טהון״, האָבען די צייטונגען נאָכגעזאָגט ווי פּאָפּוגאַיען. דיעזע בעהויפּטונג איז ניט אמת, אָבער דאָס פּוב־ליקום האָט דאָך ניט געוואוסט, אַז ס׳איז ניט אמת. די קאַפּיטאַ־ליסטישע צייטונגען האָבען ניט דערלאָזט מ׳זאָל דאָס וויסען, און די צייטונגען האָבען געהאַט גוטע אורזאַכען ניט צו לאָזען מ׳זאָל דאָס וויסען. די צייטונגען בעלאַנגען אָדער זיי זיינען אונטער־

שטיצט פון מיליאָנערען, און די מיליאָנערען זיינען דאָך פּער־אינטערעסירט אין די אויפהאַלטונג פון די יעצטיגע בעדינגונגען, און דער סאָציאַליזמוס וואָלט דאָך געשטערט דיעזע מיליאָנערען פון די צייטונגען, פּונקט ווי ער וואָלט געשטערט אַלע אַנדערע מיליאָנערען. און דאָך אָט פון אַזעלכע קוועלען נעהמט עס דאָס פּובליקום איהר גאַנצע בעקאַנטשאַפט מיט דעם סאָציאַליזמוס. און טאַקע דערפון נעהמט זיך דאָס, וואָס דאָס פּובליקום ווייסט אַלץ פון סאָציאַליזמוס, וואָס איז גאָר קיין סאָציאַליזמוס ניט.

ס'איז פּאָזיטיוו ניט אמת, אַז די סאָציאַליסטען האָבען ניט קיין בעשטימטען פּלאַן, ווי איבערצונעהמען די קאָנטראָלע און די פערוואַלטונג פון די אינדוסטריען פון דער מדינה. זיי ווייסען שוין גאָר גוט וואָס זיי האָבען בדעה צו טהאָן און ווי זיי וועלען דאָס טהון. די סאָציאַליסטען האָבען טאַקע נאָך ניט אויסגעאַר־בייט יעדען איינעם געזעץ, וואָס עס וועט זיך פּאָדערען אין אַ סאָציאַליסטישע רעפּובליק פאַר די נעקסטע 500 יאָהר; אָבער געוויסע אַלגעמיינע פּרינציפּען האָבען זיי זיך יאָ אויסגעאַרבייט. אַז מען וועט דיעזע פּרינציפּען נור איין מאָל איינפיהרען אין לעבען, וועלען זיי שוין אויסהאַלטען יאָהרהונדערטע.

איך וועל זיך דאָ בעמיהען דיעזע פּרינציפּען קלאָר צו מאַכען. די סאָציאַליסטען ווילען מאַכען אַ סוף פון'ם קלאַסען־קאַמפּף, זיי ווילען ניט דערלאָזען, אַז איין קלאַס זאָל ראַבעווען דעם צווייטען. די סאָציאַליסטען זעהען ניט איין, ווי ס'איז מעגליך צו מאַכען אַ סוף פון דעם קריעג צווישען די קלאַסען, כל זמן איין קלייגער קלאַס האָט די קאָנטראָלע איבער די לעבענס־מיטעל פון דעם צווייטען קלאַס. די מיטעל צום לעבען זיינען די מאַטעריאַלען און די מאַשינען, מיט וואָס מענשען אַרבייטען. און דערפאַר זאָגען די סאָציאַליסטען, אַז די לעבענס־מיטעל דאַרפען בעלאַנגען צום גאַנ־צען פּאָלק, דורך דער רעגירונג.

אַז מ'זאָל דיעזע פּראָגראַם דורכפיהרען מוז מען דאָך ערגעץ־וואו מאַכען אַן אָנפאַנג. די סאָציאַליסטען שלאָגען פאָר,

אַז אָנפאַנגען זאָל מען מיט די טראָסטס, און זיי שלאָגען פאַר, אַז דעריבער זאָל מען אָנפאַנגען מיט די טראָסטס, ווייל די טראָסטס זיינען אַוועק אַם ווייטסטען אויף דעם וועג פון עוואָלוציאָן. די טראָסטס האָבען שוין אַוועקגע׳פּטר׳ט די מייסטע אוראַלטע, קאָנ־קורירענדע געשעפטלעך. די טראָסטס זיינען קאָנצענטרירט, און נור די קלענסטע שטיקעלע ענדערונג פאָדערט זיך נאָך אַ קאַ־פּעטשקעלע מעהר צו קאָנצענטרירען די פערוואַלטונג און דאָס אי־בערצוגעבען צו דער רעגירונג. און אַ חוץ דעם קאָנטראָלירען דאָך די טראָסטס דעם גרעסטען טהייל פון דער פּראָדוקציאָן פון די גרויסע נויטיגקייטען צום לעבען. נעהמט איבער די טראָסטס, און מיר וועלען האָבען אַ נייע לעבען. מיר וועלען האָבען שפּייז, מיר וועלען האָבען קליידער, מיר וועלען האָבען הייזער. די אַלע זאַכען וועלען מיר האָבען, ווייל מיר וועלען האָבען די מאַשינערי, מיט וועלכע מיר מאַכען דיעזע אַלע זאַכען.

און פיעל פריהער פאַר דעם, ווי דעם קאָנגרעסמאַן בערגער׳ס געזעץ־פאָרשלאַג איז פערפאַסט געוואָרען, האָבען שוין די סאָציאַ־ליסטען געשריען: — זאָל די נאַציאָן איבערנעהמען די טראָסטס! און ביי די סאָציאַליסטען איז דיעזער אויפרוף געוועזן פּונקט אַזוי אַלגעמיין און אַזוי דרינגענד, פּונקט ווי עס איז ביי די האַננאַה־רעפּובליקאַנער, אין די יאָהרען 1896 און 1900, געוועזן אַלגעמיין און דרינגענד דער געשריי: „לאָמיר נור איינער דעם אַנדערן ניט אויסגעבען!“

און דיעזער רוף פון די סאָציאַליסטען האָט קלאָר געוויזען, וואו די סאָציאַליסטען ווילען מאַכען דעם אָנפאַנג. קאָנגרעסמאַן בערגער׳ס געזעץ־פאָרשלאַג איז געוועזן בלויז אַ וויעדער־קול פון דעם זעלבען געשריי־ בלויז מיט מעהר בעשטימטהייט. די סאָ־ציאַליסטען האָבען געפאָדערט: „זאָל די נאַציאָן איבערנעהמען די טראָסטס!“ קאָנגרעסמאַן בערגער׳ס געזעץ־פאָרשלאַג האָט בלויז אויסגעטייטשט, וואָס מ׳מיינט מיט דעם וואָרט „טראָסט“ לויט נאָך די פאָדערונגען פון סאָציאַליסטען, און ווי אַזוי זיי צו קריגען.

בערגער'ס געזעץ־פּאָרשלאַג זאָגט בלויז, אַז אַ טראַסט מיינט אַזאַ אינדוסטריע אָדער קאָמבינאַציאָן פון אינדוסטריען, וואָס קאָנטראָלירען 40 פּראָצענט אָדער מעהר פון דער גאַנצער פּראָדוקציאָן פון אַ געוויסען פאַך. און בערגער'ס געזעץ־פּאָרשלאַג שטעלט אויף אַוועק דעם פּרינציפּ, אַז דער לייכטעסטער וועג ווי איבערצונעהמען די טראַסטס, איז זיי צו קויפען. און אַ חוץ דעם בעזאָרגט אויך זיין געזעץ־פּאָרשלאַג די רעגירונגס מיטלען אין געלד, מיט וואָס זיי צו קויפען.

און ניט דאָס איז דאָ וויכטיג, צי איז בערגער'ס געזעץ־פּאָרשלאַג געווען קלוג צי נאַריש. און אויך ניט דאָס איז ביי אונז וויכטיג, צי איז די סאָציאַליסטישע פּראָגראַם אַ קלוגע צו אַ נאַרישע. עס איז אונז נור וויכטיג די בעשולדיגונג, אַז די סאָציאַליסטען האָבען ניט קיין בעשטימטע פּראָגראַם. און דאָס אייגענטליך האָט דאָך געזאָגט מיסטער אונטערמייער, און טויזענדער אַנדערע זאָגען דאָך דאָס אויך. איז עס דען איצט ניט קלאָר, אַז זיי האָבען אַלע אַ טעות? ווער קאָן דען צווייפלען, אַז ווען בערגער'ס פּאָרשלאַג וואָלט געוואָרען אַ געזעץ, וואָלט מען געקענט איבערנעהמען די טראַסטס און מען וואָלט זיי טאַקע אויך איבערגענומען? בערגער'ס געזעץ־פּאָרשלאַג איז דאָך קלאָרער ווי אירגענד וועלכער טאַריף־געזעץ, וואָס איז ווען געשריבען געוואָרען. יעדער מענש, וואָס איז נור ביים שכל, קאָן דאָך דאָס פערשטעהן, אָבער אַ טאַריף־געזעץ קאָן קיינער ניט פערשטעהן. און דאָך ווערען דאָך די טאַריף־געזעצע יאָ אָנגעווענדעט. דיעזע געזעצע זיינען קלאָר אויף אַזוי פיעל, אַז מ'זאָל מיט זיי קאָנען אויספיהרען וואָס די פאַבריקען ווילען טאַקע ס'זאָל אויסגעפיהרט ווערען. און אפילו די, וואָס זיינען געגען אַ הויכען טאַריף בעהויפּטען ניט, אַז די געזעצע מוזען צוריקגערופען ווערען, ווייל זיי זיינען ניט דייטליך גענוג.

דער פּשוט'ער פאַקט איז, אַז די סאָציאַליסטען ווילען איבערנעהמען צוערשט די טראַסטס, ווייל זיי זיינען די וויכטיגסטע אינ־

דוסטריען און זיינען אם בעסטען צוגעפּאסט פאר די זאפּאָרטיגע איבערנעהמונג פון פאָלק. אַ קורצע צייט וואָלטען נאָך די קליינע קאָנקורירענדע פאבריקאַנטלעך געמוזט דערוויילן נאָך קאָנקורירען מיט דער רעגיערונג. אויב די סאָציאַליסטישע טהעאָריע וועגען פּראָדוקציאָן איז אַ טעות, קאָן דאָס דאָך בעוויזען ווערען פון די קליינע קאָנקורירענדע פאַבריקאַנטען דערמיט, וואָס זיי וועלען זייערע ארבייטער געבען בעסערע בעדינגונגען און וועלען די פּראָדוקטען פרקויפען צו ביליגערע פּרייזען ווי די רעגירונג. און דאַן, אין אזא פאַל, וועט דאָך דער סאָציאַליזמוס פאַלען פון זיך אַליין און די נאַציאָן וועט ווידער איינפיהרען דאָס וואָס מיר האָבען יעצט.

אויב די סאָציאַליסטישע פּראָדוקציאָנס-טהעאָריע איז אָבער ניט קיין טעות, וועלען די קליינע קאָנקורירענדע פאַבריקאַנטען ארויסגעטריבען ווערען פון מארק און זיי וועלען פערקויפען זייערע פאַבריקען צו דער רעגירונג פאר אַ גאַנץ מעסיגען פּרייז. און ארויסגעטריבען פון מארק וועלען זיי מוזען ווערען, ווייל זיי קאָנען דאָך ניט פערקויפען זייערע סחורות אָהן אַ פּראָפיט. און קיין פּראָפיט קאָנען זיי דאָך ניט מאַכען, סיידען צונעהמענדיג ביי די ארבייטער אַ טהייל פונ׳ם פּראָדוקט; און אז זיי נעהמען זיך צו אַ טהייל פון דעם פּראָדוקט פון די ארבייטער, וועלען די ארבייטער זיך איבעררוקען צו די נאַציאָנאַלע אינדוסטריען, וואו קיינער נעהמט קיינע פּראָדוקטען ביי זיי ניט צו.

אין קורצען, אז די נאַציאָנאַלע אייגענטהום איבער די טראָסטס וואָלט זיך ארויסגעוויזען אלס אַן ערפאָלג, וואָלט דאָך דער קאָנקורירענדער פאַבריקאַנט זיך ניט לאַנג געקענט האַלטען. ער וואָלט דאָך ניט געקאָנט איינשטעהען אין געשעפט, ווען זיין קאָנקורענט דאַרף ניט מאַכען קיין פּראָפיט. און אַזוי וועט דאָס טאַקע זיין, זאָגען די סאָציאַליסטען. זיי דענקען, אז די נאַציאָנאַלע אייגענטהום אויף די טראָסטס וועט אין אַ קורצע צייט מיט זיך מיטברענגען, אז צו דער נאַציאָן זאָל בעלאַנגען יעדע אינדוסטריע, וואָס

איז היינטיגען טאָג דאָס אייגענס פון פערזאָנען, וואָס זוכען זיך אראָפּצונעהמען א פּראָפיט פון אַנדערען׳ס ארבייט.

דערמיט מיינט מען אָבער ניט, אַז די רעגירונג וועט אויך איבערנעהמען די פינאַט־סטענדס. דאָס הייסט נאָך אויך ניט, אַז די רעגירונג מוז דוקא איבערנעהמען די פארמס אויך. די סאָציאַליסטען זיינען ניט קיין פאנאַטיקער אַבי דורכצופיהרען דעם פּרינציפּ פון נאַציאָנאַלע אייגענטהום. זיי ווענדען אָן דיעזען פּרינציפּ בלויז כדי צו דערגרייכען אַ געוויסען ציעל. און דיעזער ציעל איז צוצונעהמען ביי די ווייניגע פּערזאָנען די מאַכט צו ראַבעווען. און וואו ס׳איז ניט פאראַן מעהר קיין רויבעריי, איז ניטאָ מעהר די נויטיגקייט אַנצואווענדען דיעזען פּרינציפּ. אַז איינער שטעהט מיט אַ וועגעלע אין גאַס, האָט ער דערפון נאָך ניט די מאַכט צו ראַבעווען מענשען, דער מאַן וואָס בעאַרבייט זיין אייגענע פארמע, ראַבעוועט נאָך קיינעם ניט. און ניט דער פינאַט־סטענד און ניט די פארם גיט נאָך דעם אייגענטהימער ניט די מאַכט צו ראַבעווען מענשען, ווייל ניט דער ערשטער און ניט דער צווייטער אייגענטהימער נעהמט זיך ניט אראָפּ אַ פּראָפיט פון זיין „מענשען“, זיין ארבייטער.

אָבער אַז ביי אונז זאָל זיך שטארק פערשפּרייטען די קרענק פון „ארענדע־פארמערס“, — און די קרענק האַלט זיך אין איין פערשפּרייטען, — וועלען די סאָציאַליסטען, אויב זיי וועלען נור האָבען די מאַכט, אויך איבערנעהמען אַלע דיעזע „ארענדע־פארמס“, און איבערנעהמען וועלען זיי דיעזע „ארענדע־פארמס“ פאר דער זעלבער אורזאַכע פאר וואָס זיי ווילען היינט איבערנעהמען די טראַסטס — ווייל די לאַנד־בעזיצער געברויכען דאָ זייער אייגענטהומס־מאַכט אום זיך צו צונעהמען אַ טהייל פון די פּראָדוקטען פון יענעם׳ס ארבייט.

דאָס וועט דערווייל זיין גענוג פאר די קריטיקער, וואָס דערצעהלען, אַז די סאָציאַליסטען האָבען ניט קיין בעשטימטע פּראָגראַם, ווי איבערצונעהמען דאָס אייגענטהום און די נאַציאָנאַלע אינ־

דוסטריען. ס׳איז פאראן נאך איין מין קריטיקער, וואס בעהויפּ־טען, אז אויב די סאציאליסטען וועלען שוין א מאל יא איבער־נעהמען די אינדוסטריען, וועלען זיי ניט וויסען, ווי זיי צו מענעדזשען. דיעזע בעהויפּטונג, אז דער איבערגאנג פון די איי־גענטהום פון פּריוואט־הענד צו קהל וועט אנמאכען א מישעניגע, און די רעגירונג, אלס מענעדזשער פון די אינדוסטריען, וועט מוזען פאלען, און די רויטע רעוואלוציאן וועט פערכאפּען די גאנצע וועלט, און די ציוויליזאציאן וועט שוין מסתמא אויך אומקומען אין דעם קראך.

איך וויל זיך דא בלויז אפּשטעלען אויף א מאמענט אנצוא־ווייזען ווי דיעזע העררען האבען א פּנים קיין געשמאק ניט פאר הומאר. זיי מיינען דאך טאקע, אז זיי זאגען עפּעס. אז מ׳זאל דיעזע העררען צורופען צו א הונט, וועמען די פליגען האלטען אין בייסען, וואלטען זיי מסתמא דעם הונט געגעבען די עצה ער זאל אפּהיטען די פליגען ווי דאס אויג אין קאפּ.

„ריהר ניט דיעזע פליגען, ליעבער הונט“, — הער איך זיי טענה׳ן, — „דו פערשטעהסט דאס אפשר ניט, אבער די פליגען טהוען דיר א טובה. יעדעס מאל וואס די פליג גיט דיר א ביס, נעהמסטו דיך אלץ שטארקער יאגען אין דער יאגד. ווען די פליגען וואלטען דיך די גאנצע צייט ניט געהאלטען אין איין בייסען, וואלסטו נאך חלילה זיך געקענט פיהלען אזוי בעקוועם, אז דו וואלסט גענומען און זיך צולעגט אויף דער זון, און וואלסט גאר אנטשלאפען געווארען, און דו וואלסט נאך חלילה אן עסען פער־געסען, און וואלסט אזוי אויסגעגאנגען פון הונגער. געדענק־זשע: די בייסעניש איז פאר דיר א טובה!

געוויס זיינען די גרויסע קאפּיטאליסטען, וואס בעקעמפּפען אזוי דעם סאציאליזמוס ניט מיט פליגען גלייך, בלויז ווי נור אין דעם איינעם פּונקט וואס זיי זיינען אויך פלינק און בייסען גוט. אבער אין דער צייט, ווען די נאציאן טרויערט איבער די הויכע לעבענס־קאסטען, איז אפשר טאקע ניט זעהר שעהן פון זיי, וואס

זיי צווינגען אונז צו לאַכען פון זייערע טענות, אַז אָהן זיי וואָלטען מיר חלילה ניט געלעבט אויף דער וועלט? מיר אַליין, הייסט עס, וואָס טהוען טאַקע די אַרבייט — מיר אַליין קאָנען זיך ניט ראַטעווען; ראַטעווען קאָנען אונז נור די, וואָס לעבען פון אונזער אַרבייט!

לאָמיר אָבער זיך נעהמען צו די קאַלטע פאַקטען. ווען די סאָציאַליסטען זאָלען מאָרגענדיגען טאָג קריגען די קאָנטראָלע איבער דער רעגירונג, וואָלטען זיי אַלס דעם ערשטען שריט דורכצופיהרען זייער פּראָגראַם מסתמא צונויפגערופען אַ נאַציאָנאַלע קאָנווענציאָן אויסצואַרבייטען אַ קאָנסטיטוציאָן פאַר דעם צוואַנציגסטען יאָהר־הונדערט, אַנשטאָט אונזער יעצטיגע קאָנסטיטוציאָן פון דעם אַכטצעהנטען יאָהרהונדערט. און דיעזע קאָנווענציאָן וואָלט אָבגעשאַפט דעם סענאַט און וואָלט די גאַנצע געזעץ־געבענדע מאַכט איבערגעגעבען צו די האָוז אָוו רעפּרעזענטעטיווס. זי וואָלט אויך אָפּגעשאַפט דעם יונייטעד סטייטס סופּרים־קאָורט, וואָס ער האָט זיך אַליין גענומען דאָס רעכט צו ערקלעהרען איינינע געזעצע פון קאָנגרעס פאַר ניט־קאָנסטיטוציאָנעל; אַלע דזשאַדזשעס וואָלטען אויך געמוזט ווערען ערוועהלט דירעקט פון פאָלק; עס וואָלט אויך איינגעפיהרט געוואָרען די איניציאַטיוו 1), דער רעפערענדום 2) און די ריקאָל 3). סאָציאַליסטען וועלען ניט געהן איינפיהרען דעם סאָציאַליזמוס איידער זיי וועלען צוערשט אָפּרייניגען

---

1) אַז דאָס פאָלק אַליין זאָל האָבען דאָס רעכט פון זיך פאָרצושלאָגען און איינצופיהרען נייע געזעצע; 2) אַז דאָס פאָלק זאָל האָבען דאָס רעכט צו ענטשיידען, צי אַ געוויסער געזעץ, וואָס איז אַרויסגעגעבען געוואָרען פונ׳ם קאָנגרעס, זאָלל זיין גילטיג, צי ניט; און 3) ווען אַן אויסערוועהלטער געפעלט ניט מיט זיין טהעטיגקייט די וועהלער, זאָלען זיי האָבען דאָס רעכט איהם צוריקצוציהען נאָך איידער ער איז אָפּגעוועזען זיין צייט. — איבערזעצער.

דעם באַדען, אזוי, אַז דאָס פאָלק זאָל צוערשט קאָנען פאָלקאָמען קאָנטראָלירען די רעגירונג.

און אַז דאָס פאָלק וועט גוטהייסען די האַנדלונג פון דער קאָנווענציאָן, וועט מען איבערנעהמען דעם ערשטען טראָסט — און דאָס וועט וואהרשיינליך זיין דער אייזענבאהן־טראָסט. דאָס וועט זיין אַזאַ שטיקעל ארבייט, אַז צו קיין צווייטען דזשאבבעל אַזעלכען וועט מען זיך ניט נעהמען ביז מ'וועט די אייזענבאהן האָבען גוט אין די הענד, — און דאָס קאָן נאָך נעהמען אַ יאָהר און אפשר צוויי. איך דערמאָן דאָס אַלעס נור צו ווייזען, אַז די סאָציאַליסטישע אַדמיניסטראַציאָן האָט גאָר ניט בדעה איבערצואַקערען די גאַנצע מדינה פון איין ברעג ים ביז'ן צווייטען אין איינע פיער און צוואַנציג שעה. און, ווירקליך, ווילען מיר דאָ גאָר ניט געהן און אָנמאַכען אַזאַ רעש און געפילדער, ווי איך וועל עס דאָ אייך גלייך בעווייזען. אַלעס וועט געטהאָן ווערען אין אַ געשטעלטען, נעזעצליכען וועג.

איך בעהויפּטע, אַז עס וועלען קיינע שטערונגען און געפּילדער ניט פּאָרקומען, ווייל עס וועלען זיך קיינע אינדוסטריען ניט אָפּשטעלען. לאָמיר אָננעהמען, צום ביישפּיעל, אַז דאָס אייגענטהום און די קאָנטראָלע פון די אייזענבאהנען איז אריבער צו דער רעגירונג. טאָ וואָס וועט דאָ זיין? אבסאָלוט ניט די מינדעסטע שטערונג. וואָס פּאַסירט דען היינט, אַז אַן אייזענבאהן געהט איבער פון איין קאָמפּאַניע קאַפּיטאַליסטען צו אַ צווייטע? נאַטירליך, גאָרניט. די נייע אייגענטהימער זאָגען אָן דעם מענעדזשער, אַז ער זאָל דערוייל לאָזען די טריינס לויפען ווי געוועז, אָדער מ'שטעלט אָן אַ נייעם מענעדזשער און מ'הייסט איהם לאָזען לויפען די טריינס. און ווען די אייזענבאהן־ארבייטער און בעשעפּטיגטע וואָלטען די צייטונגען ניט געלעזען, וואָלטען זיי גאָרניט געוואוסט, אַז די באהן איז איבערגעגאַנגען צו אַן אַנדער אייגענטהימער.

און דער איבערגאַנג פון די אייזענבאהן־אייגענטהום פון פּריי־

וואַט־הענט צו קהל, וועט אויך פּאַרקומען פּונקט אַזוי גלאַט. די איינצעלנע ענדערונג וועט דאָ זיין בלויז אין דעם בעפעהל, וואָס די סאָציאַליסטישע אדמיניסטראַציאָן וועט געבען דעם עלטסטען איבער אַלע אייזענבאהן־ליניעס. דיעזער בעפעהל וועט, אין תוך גענומען, זיין אַט וואָס: „בעמיה זיך ניט צו מאַכען קיין פּראָפּיט פון די אייזענבאהנען. נעהם נור אַרוים וואָס עס קאָסט זיך אליין. זאָלען די אַרבייטער האָבען מעהר וויידזשעס, קירצערע שטונדען; זאָל דאָס פּובליקום האָבען די מעגליכסט בעסטע בעדינגונגען פאַר די מעגליכסט קלענסטע פּרייזען און מיט די מעגליכסט קלענסטע ריזיקע פאַר מענשליכע לעבענס.“

אויב איהר קאָנט פון אַזוינע פּונקטען אַנמאַכען אַ קאָך אָדער אַ בונט — געהט און מאַכט. אויב איהר קאָנט פון די אַלע פּונקטען מאַכען דעם רעכנונג, אַז דאָס וועט צערשמעטערען די ציוויליזאַציאָן, — זייט אַזוי גוט און מאַכט זיך דאָס אייך.

דאָ האָט איהר אָפּענע דבורים; איהר ווייסט וואָס די סאָ־ציאַליסטען ווילען טהון.

וואו איז די געפאַהר?

„אָה“, — ענטפערען די הערען קאַפּיטאַליסטען, — „איהר סאָציאַליסטען זיינט דאָך אָבער ניט קיין ביזנעס־לייט. און דער־פאַר וועט אַ סאָציאַליסטישע רעגירונג מוזען אונטערגעהן. מייאָר גיינאָר האָט אויסגעדריקט טאַקע כמעט דעם זעלבען געדאַנק אין זיינע אַן ערקלעהרונג וועגען סאָציאַליזמוס, וואָס ער האָט איבער־געגעבען צו די „ניו יאָרק טיימז“. מיסטער גיינאָר האַלט זיך צום סאָציאַליזמוס טאָלעראַנט, כמעט מיט סימפּאַטיע, און דאָך פרעגט ער:

„ווער וועט עס פיהרען אייער סאָציאַליסטישע רעגירונג? וואו וועט איהר עס נעהמען עהרליכע און פעהיגע מענשען? וועט דען דער מענשליכער פערשטאַנד און פעהיגקייט זיין דאַן גרעסער ווי היינט?“

און איבעראַל, וואו מען דיסקוטירט נור איבער סאָציאַליזמוס,

שטעלט מען די זעלבע פראגען. ווי עס זעהט אויס, רעכענט מען, אז דאס זיינען עס די גרעסטע שטערונגען צום סאציאליזמוס, וואס מ׳קאן זיי גארניט בייקומען. אין אמת׳ן אבער, ווייזען די אלע פראגען בלויז, ווי וועניג די פראגע־שטעלערס פערשטעהען עס דעם סאציאליזמוס.

די סאציאליסטען האבען גארניט בדעה איינצושטאלירען א ספעציעלע געטליכע פאבריק, וואו מ׳זאל בעשאפען א נייעם מין אויבער־מענשען, וואס זיי זאלען עס פיהרען די רעגירונג און מענערזשען די אינדוסטריען. סאציאליסטען ווילען זיך בעסער פערלאזען אויף דעם געוועהנליכען סארט קינדער פון דער מענש־ליכער ראסע, אז זיי זאלען אין לעבען דורכפיהרען אונזערע אידעען.

בלויז איינס: די סאציאליסטען נעהמען זיך צו די אויפגאבען פון רעגירונג און אינדוסטריע גאר פון אן אנדער זייט. דעם קאפיטאליסט׳ס בעגריף וועגען א פעהיגע און עהרליכע רעגירונג איז אזא מין סארט רעגידונג, וואס וועט בעשיצען איהם אין דעם גענוס פון זיינע אונפערדיענט־בעסערע שאנסען וואס ער האט נעגען אלע אנדערע מענשען. דעם קאפיטאליסט׳ס אידעע פון א פעהיגע און עהרליכע געשעפטס־פיהרונג איז אזא מין סארט גע־שעפטס־פיהרונג, וואס וועט איהם איינברענגען דעם גרעסטען פרא־פיט אויף דעם קלענסטען קאפיטאל. אבער די סאציאליסטישע אידעע, וואס פאר א רעגירונג איז די בעסטע, איז: אזא רעגירונג וואס גיט איין איינציגען מענשען ניט קיין בעסערע געלעגענ־הייט ווי דעם צווייטען, און גיט יעדען איינעם פערזאן די בעסטע געלעגענהייט צו ענטוויקלען זיינע פעהיגקייטען, ווי אויך דעם גרעסטען גראד פערזענליכע פרייהייט, וואס קאן ניט שאדען די פערזענליכע פרייהייט פון אלע אנדערע. און די סאציאליסטישע אידעע פון א פעהיגע און עהרליכע געשעפטס־פיהרונג איז אזא מין געשעפטס־פיהרונג, וואס פראדוצירט די מייסטע פראדוקטען אונטער די בעסטע ארבייטס־בעדינגונגען אויף די קלענסטע קאס־טען און לאזט דעם פאלק האבען די פראדוקטען אהן שום פראפיט.

ענטפערענדיג, אלזא, מיסטער גיינאר'ן און אנדערע, זאגען דערפאר די סאציאליסטען פאלגענדעס:

די קאפיטאליסטען זיינען הייטע אימשטאנד צו קריגען עהרליכע מענשען, וואס זיינען פעהיג צו פיהרען די רעגירונג צו גוטען פון דעם קאפיטאליסטישען קלאס, טא פאר וואס זאלט איהר עפעס גאר צווייפלען, אז די סאציאליסטען וועלען אויך קענען קריגען עהרליכע מענשען, וואס זאלען קאנען פיהרען די רעגירונג צום גוטען פון דעם ארבייטער קלאס? איןביידע פעלע איז דאך דאס ניט מעהר, ווי קאנען אויספיהרען דעם בעפעהל פון דעם בעל־הבית. די אנגעשטעלטע פון דעם קאפיטאליזמוס פאלגען, וואס ער הייסט. די אנגעשטעלטע פון דעם סאציאליזמוס וועלען, — און אויך איבער דער זעלבער אורזאכע, — פאלגען, וואס דער סאציאליזמוס הייסט. איהר זאגט אייערע אנגעשטעלטע, אז זיי זאלען אויפהאלטען די בעסערע שאנסען וואס די וועניגע פערזאנען האבען געגעבען די פיעלע, — און אייערע אנגעשטעלטע פאלגען אייך. און מיר וועלען אנזייגען אונזערע אנגעשטעלטע, אז זיי זאלען צושטערען די בעסערע שאנסען, וואס די וועניגע האבען איבער די פיעלע, — און מיר דענקען, אז זיי וועלען אונז אויך פאלגען, און אויב זיי וועלען אונז ניט פאלגען, וועלען מיר זיי צוריקרופען פון זייערע פאסטענס. און דאס, זעהט איהר, קאנט איהר שוין הייגט ניט טהון.

מייאר גיינאר און אנדערע מיט איהם פרעגען אויך, צי וועט „דער מענשליכער פערשטאנד און פעהיגקייט" זיין אונטער דעם סאציאליזמוס גרעסער ווי הייגט. געווים ניט. *) אבער מיר בעטען אכטונגספאל די ערלויבנים דא צו בעמערקען, אז מיר האלטען דא

---

*) פאר וואס ניט? וועט דען דער מענש פון היינט אן ביז'ן סאציאליזמוס זיך אפשטעלען אין זיין ענטוויקלונג? אבער וואס דער שרייבער האט יא רעכט, איז אז דאס איז דא ניט יעצט די פראגע. — דער איבערזעצער.

גאָרניט ביי דער פראַגע פון פערשטעהן און קאָנען. דאָ האַנדעלט זיך עס וועגען דעם צוועק און ציעל. מענשען „פערשטעהען" שוין, וואָס מ'הייסט זיי פערשטעהן. ווען מ'הייסט איינעם פערשטעהן די אויפגאַבע, ווי אַרונטערצודריקען מענשליכע נפשות, כדי דער־מיט אַרויפצוטרייבען די דיווידענדען, הייסט דיעזער מענש זיין קאָפּ אַרבייטען נור צו דיעזען צוועק, און ניט צו קיין אַנדערען. אָבער אַז מ'זאָל אָט דעם זעלבען מענשען הייסען אַרונטערדריקען די דיווידענדען אַזוי, אַז עס זאָל פון זיי קיין שפּור ניט בלייבען און די מענשליכע נפשות זאָל ער ערהויבען הויך גענוג, אַז דער דלות זאָל צו זיי קיין צוטריט ניט האָבען, וועט ער דאָס אַ שטייגער אויך פערשטעהן. און וואָס אַנבעלאַנגט צו אונזער פעהיגקייט, האָבען מיר שוין הײנט אויך די פעהיגקייט פאַר גרויסע פּראָדוק־ציאָנס־אויפגאַבען. אָבער מ'לאָזט איינפאַך דיעזע פעהיגקייט ניט אַרבייטען וויפיעל עס פאָדערט זיך, אַז מיר זאָלען קאָנען האָבען אַ בעקוועמען לעבען. דער סאָציאַליזמוס וועט ניט פערגרעסערען די פעהיגקייט פון דעם מענשליכען פערשטאַנד; ער וועט אָבער דער נאַציאָן געבען די געלעגענהייט צו געברויכען איהר גאַנצע פעהיגקייט, וואָס זי האָט שוין הײנט.

און אויסצודריקען די גאַנצע געשיכטע מיט אַ פּאָאַר ווערטער: דער סאָציאַליזמוס וועט זיך בעמיהען איבערצוגעבען די רעגירונג און די אינדוסטריע אין די הענד פון מענשען, וואָס זאָלען יעדע אויפגאַבע און יעדע געלעגענהייט בעטראַכטען פון דעם שטאַנד־פּונקט פון דעם אַרבייטער־קלאַס. די גאַנצע סאָציאַליסטישע טענה איז דאָך אייגענטליך וואָס הײנט איז דאָס פּונקט פערקעהרט. די קאַפּיטאַליסטען מוזען דאָך טראַכטען פון די אַרבייטער אַלס די לעצטע, ווייל זיי טראַכטען דאָך וועגען זיך די ערשטע. די אינטער־רעסען פון דעם אַרבייטער־קלאַס און דעם קאַפּיטאַליסטישען קלאַס זיינען גאָרניט „אידענטיש" (פּונקט דאָס זעלבע איינע מיט די אַנ־דערע), זאָנדערן זיך געגענזייטיג פיינדליך. דער קאַפּיטאַליסטישער קלאַס זוכט וואָס מעהר פּראָדוקטען פאַר וואָס וועניגער ווייזשעס,

און דער אַרבייטער־קלאַס זוכט וואָס מעהר וויידזשעס פאַר וואָס וועניגער אַרבייט. און דיביידע קלאַסען קעמפּפען איינער מיט׳ן אַנדערען, ווער עס זאָל האָבען די ווערטהען, וואָס דער אַרבייטער־קלאַס בעשאַפט.

און אַזוי ווי די קאַפּיטאַליסטען קאָנטראָלירען אי די רעגיע־רונג, אי די אינדוסטריע, איז ניט מעהר ווי נאַטירליך, אַז מ׳זאָל היינט פון די אינטערעסען פון די קאַפּיטאַליסטען טראַכטען צו־ערשט און פון די אינטערעסען פון די אַרבייטער צולעצט.

און עס איז אויך לייכט, ביי דער קלענסטער איבערלעגונג, אָפּצושאַקלען זיך פון דער מורא, אַז אַ סאָציאַליסטישע רעגיערונג וועט ניט טויגען, ווייל די סאָציאַליסטען זיינען ניט קיין געשעפטס־לייט, און צו פערוואַלטען די אינדוסטריען פאָדערט זיך ביזנעסלייט. לאָמיר צוערשט אַ פרעג טהון: וואָס הייסט עס אַ „געשעפטס־מאַן״? הייסט דאָס דען ניט, פריהער פאַר אַלץ אויף דער וועלט, אַ מאַן, וואָס איז אַ גרויסער בריה ארויסצוקוועטשען פּראָפיטען? געוויס, דארויף איז ער דאָך אַ ביזנעס־מאַן. און אויב ער קאָן ארויסדריקען גענוג פּראָפיט צו בעפריעדיגען זיינע סטאָק־האָלדערס (אַקציאָנערען) ברויכט ער שוין ניט אפילו אַ טראַכט צו טהון וועגען די אַרבייטער אין דעם געשעפט. און כל זמן ביזנעס ווערט געפיהרט אויף דעם גרונד פון פּריוואַט־פּראָפיט איז לייכט צו זעהן, אַז דער מענעדזשער דערפון מוז זיין אַ „געשעפטס־מאַן״, — דאָס הייסט, אַ מאַן, וואָס פערשטעהט אַ געשעפט, ווי ארויסצודריקען אַ פּראָפיט.

אָבער ווען די געשעפטען זאָלען געשטעלט ווערען אויף דעם פונדאַמענט פון עפענטליכע ניצליכקייט, און גאָר אָהן אַן אידעע וועגען פּריוואַט־פּראָפיט, — טאָ אויף וועלכע נוצען וועט מען דאַן דאַרפען אַזאַ געשעפטס־מאַן? זיין פעהיגקייט צו אָרגאַניזירען דאָס געשעפט און אויסצופיהרען אַ פּלאַן וועט נאָך אַלץ זיין זעהר און זעהר ניצליך, אָבער זיין פעהיגקייט בלויז ארייננצוכאַפּען אַ פּראָפיט וועט קיין ווערטה ניט האָבען.

אַלס אַ ביישפּיעל, לאָמיר בעטראַכטען דזשאָרזש גערי, דעם

הויפּט־אָנגעשטעלטען פון די יונייטעד סטייטס סטיל קאָרפּאָריי־שאָן. דזשאָדזש גערי האָט וואהרשיינליך פּונקט אזוי פיעל קענט־ניס ווי מ׳מאכט שטאָל, ווי איהר ווייסט ווי מ׳מאכט די בעריהמטע סטראדיוואריוס־פידלען. ער איז ערצויגען געוואָרען א לאָיער, איז געווען א לאָיער און האָט געהאַט זיין „אַטעסטאַט צום געריכט". אז א גאָז־רעהר איז ניט קיין שטאָלענע ראָד — דאָס ווייסט ער יא. אָבער ווי מ׳מאכט זיי — כאָטש פיהרט איהם ביי דער נאָז. ער איז א לאָיער און — עפּעס נאָך. און דער עפּעס נאָך איז זיין ביזנעס־אינסטינקט צו וועלען נאָך און נאָך פּראָפיט. ער איז א לאָיער מיט דעם געשעפטס־מאָן׳ס אינסטינקט צו אָרגאַניזירען און באַלעבאַטעווען.

און הינטער די פּלייצעס פון דזשאָדזש גערי זיצט זיך אין וואָל סטריט א מיניסטערסטווא פון דירעקטאָרען, און זיי זאָגען עס איהם, אין אַלגעמיין גערעדט, וואָס צו טהון. אָבער אויך ווי דזשאָדזש גערי אַליין, ווייסען דיזע וואָל סטריט־דירעקטאָרען א הארעלע אויך ניט ווי מ׳מאכט שטאָל. גרויסע בריות זיינען זיי נור אויף צו מאכען פּראָפיטען.

נון, איז וואָלט אפילו איינער, וואָס איז נור וואָס אראָפּגעפאלען פון הימעל, אויך גלייך געקאָנט פערשטעהן אז אזעלכע העררען קאָנען בשום אופן ניט מענעדזשען אזא גרויס געשעפט, ווי דער שטאָל־טראָסט. זאָגאר אזא גרינער וואָלט אויך לייכט געקענט איינזעהן, אז אונטער דער פיהרערשאַפט פון אזעלכע העררען וואָלט מען אין די פאַבריקען פון דעם שטאָל־טראָסט געמעגט מאכען וואורשט אָדער שטרוי־זעק, ניט שטאָל. און דאָך ווייסען מיר אלס א פאקט, אז דער שטאָל־טראָסט, אונטער דעם מענעדזשמענט פון דיזע הערען, גיט ארויס דוקא שטאָל. פאר וואָס־זשע? איינפאך דערפאר, וואָס אונטער דיזע מענעדזשערס ארבייטען טויזענדער זעהר גרויסע קענער און הונדערטער טויזענדער לוין־שקלאַפען און — אלע אין איינעם — ווייסען זיי שוין יעדעס פיצעלע וואָס מ׳דארף וויסען צו קענען מאכען שטאָל.

דאָ קומען מיר, אַלזאָ, צו אַזאַ ענטשיידענדער פראַגע. אַז די סאָציאַליסטען זאָלען אַריינקריגען די מאַכט פון דער רעגיערונג און זאָלען טאַקע פאַר דער רעגיערונג אָפּקויפען דעם שטאָל־טראַסט, טאָ וואָס קאָן דען אָפּהאַלטען דעם סאָציאַליסטישען פּרעזידענט אָנצוּ־שרייבען דעם הויפּט־מענעדזשער פון דעם טראַסט, אַ שטייגער, אַזאַ מין בריוועלע:

„ליעבער דזשאָרדזש גערי: דערווייל ביז איך וועל אייך לאָזען וויסען, בלייבט איהר אויף אייער יעצטיגען פּאָסטען. און אַ הער וועט ווייטער האַנדלען ווי איהר האָט געהאַנדעלט, אַ חוץ אין דיעזע פאָלגענדע אייגצעלהייטען:

„אַנשטאָט זיך אָנצופרעגען ביי דזש. פּירפּאָנט מאָרגאַן און אייער מיניסטעריום אין וואָל סטריט, וועט איהר זיך בעסער אָנ־פרעגען ביי מיר און מיין מיניסטעריום. און אַנשטאָט צו מאַכען שטאָל אויף פּראָפיט, מאַכט עס בעסער בלויז צום געברויכען. מ'וועט פון אייך ניט פאָדערען איהר זאָלט מאַכען שטאָלענע קאָליעס פאַר אייזענבאהנען, וואָס ברעכען זיך, כדי צו פערהיטען, אַז די פּרייז פון די שטאָל־אַקציעס זאָלען חלילה ניט געבראָכען ווערען אויף דער בירזשע. מאַכט יעדעס פּיצעלע ווי איהר קענט נור אַם בעסטען, און אַלץ וואָס איהר מאַכט, פערקויפט אויף קאָסט־פּרייז, פערגרעסערט די ווידזשעס פון די ארבייטער און פערקלענערט זייער ארבייטס־צייט. הקיצור, טהוט אַלעס מעגליכעס, אַבי די לאַגע פון די שטאָל־ארבייטער זאָל זיין ווי אַם בעקוועמליכסטען."

וועט אַזאַ בריוועלע אפשר אַרויסרופען אַ בונט? וועט אפשר דזשאָרדזש גערי אויפגעבען זיין שטעלע מיט געדעכטען כעס און וועלען זיך אפשר די ארבייטער צולויפען?

וועט די פּראָדוקציאָן פון שטאָל זיך אפשר אָפּשטעלען אויף איין מינוט?

און דאָך ווילען די סאָציאַליסטען קיין גרעסערע געוואַלד, ווי מיר האָבען דאָ בעשריעבען, ניט אָנווענדען ביים איבערנעהמען די אייגענטהום און קאָנטראָלע איבער אירגענד וועלכע אינדוסטריע.

די לייטע, וואָס אַרבייטען יעצט דערביי, וועלען דאָן אויך בלייבען אויף זייערע שטעלעס, — אַם וועניגסטען, ביז עס וועלען זיך גע־פינען בעסערע קענער פון זיי. מן הסתם וועט מען דאָך דאַרפען ערגעץ וואו אַנשטעלען אַן אַנדערען אויף אַ געוויסען פּאָסטען. ניט יעדער איינער וואָס טויג צום אויסקוועטשען פּראָפיט, טויג צו נאָך עפּעס. אָבער די לייטע, וואָס וועלען זיין אימשטאַנד אַרויס־צושלאָגען זיך פון׳ם קאָפּ פּראָפיט־מאַכעריי, און וועלען זאָגסט יאָ זיין ניצליך, — די לייטע, וואָס וועלען פערשטעהן זייער אויפגאַבע בלויז און נור לטובת־הכלל, — דיעזע אַלע לייטע וועלען בלייבען אויף זייערע שטעלעס. און ניט נור וועט מען זיי ניט טשעפּען, זאָנדערן מען וועט זיי נאָך געבען מעהר מעגליכקייט ווי הייגט צו ווייזען וואָס זיי קענען.

אין אמת׳ען זין פון וואָרט, איז די פּראָפיט־מאַכעריי אייגענט־ליך אַ שטערונג צו ריכטיגער אַרבייט. די שטאָלענע אייזענבאַהן־קאָליעס, וואָס ברעכען זיך און הרג׳ענען אַוועק פּאַסאַזשירען, ווערען ניט געמאַכט אַזוי שלעכט ווייל די שטאָל־בעאַמטע ווייסען ניט, ווי זיי צו מאַכען בעסער. שלעכט ווערען זיי געמאַכט דערפאַר, וואָס אַז מ׳זאָל זיי מאַכען בעסער, וועלען די פּראָפיטען ווערען ערגער. יעדער פערשטענדליכער מענעדזשער פון אַן אינדוסטריע ווייסט שוין גוט געגונג, ווי אַזוי בעסער צו מאַכען דעם פּראָדוקט אין פיעלע פּונקטען; אָבער דער גרעסטער טהייל פון דיעזע קענטניסע זיינע געהט פערלאָרען, און אַלץ כדי ניט צו שעדיגען די פּראָפיטען.

זאָל זיך קיינער ניט שרעקען, אַז מיט דער איינפיהרונג פון׳ם סאָציאַליזמוס וועט ער באַלד מוזען צוזאַמענברעכען, ווייל די רע־גיערונג וועט ניט קאָנען געפינען גענוג פעהיגע מענעדזשערס פאַר דער אינדוסטריע. יעדע אינדוסטריע וועט אויך דאָן, ווי אַלע מאָל, ערציהען מענשען, וואָס פערשטעהען גוט די אַרבייט גופא. און וואָס אַנבעלאַנגט די פראַגע וועגען די הויפּט־אָנפיהרער, — דאָס איז שוין ניט אַזוי וויכטיג. דער פּאָסט־מיניסטער פון די פער־איינוגטע שטאַאַטען, וואָס ער איז דאָך כמעט תמיד בלויז אַ פּאָלי־

טישען, איז עס דער הויפּט אין איינעם פון די גרעסטע געשעפטען אין דער וועלט, און דאָך — די פּאָסט גהט זיך אונגעשטערט. די לייטע, וואָס סאָרטירען די בריעף, דאַרפען פערשטעהן די אַרבייט, אָבער ניט דער פּאָסט־מיניסטער; ער מעג דאָס ניט פערשטעהן. ס'וואָלט נאַטירליך געווען בעסער ווען ער זאָל די אַרבייט יא פער־שטעהן, אָבער אז ניט, געהען די בריעף אויך וואוהין מ'דאַרף. און אַזוי זיינען אומעטום די ווירקליכע אַרבייטער — אַלע אין איינעם — פיעל וויכטיגער, ווי אירגענד אַ מאַן, וואָס איז עס זייער עלטסטער.

אז ע. ה. האררימאַן איז געשטאָרבען, האָבען זיינע יורשים שוין געפונען אַ מאַן, וואָס זאָל שטעהן בראש פון די העררימאַן־אייזענבאהנען. און דער מאַן, וואָס זיי האָבען געפונען אויף דיעזער שטעלע — דזשאָדזש לאָוועט — האָט גאָר קיין שייכות נאָט מיט אייזענבאהנען, — און דאָך האָבען זיך די טריינס ניט אָפּגעשטעלט. די וואַנדערבילטס, די גולדס, די ראָקעפעלערס און די מאָרגאַנס גע־פינען זיך אויך די לייטע, וואָס זאָלען פאַר זיי מענעדזשען זייערע אייזענבאהנען און אַנדערע געשעפטען. און וואָס דיעזע קאַפּיטאַ־ליסטען קאָנען, וועט דאָך דער פּרעזידענט מיט זיין מיניסטעריום מיט דעם קאָנגרעס, אַ שטיינער, אויך קאָנען אויפטהון אָהן גרויסע שוועריגקייטען.

די געגנער פון סאָציאַליזמוס מאַכען לעבערליכע בעהויפּטונגען וועגען די שקלאַפעריי, וועלכע, זיי זאָגען, וועט מוזען זיין, אויב דאָס פאָלק וועט אַליין, דורך זיין רעגירונג, זיין דער בעל־הבית און אַליין בעטרייבען די אינדוסטריען. דעם אַרבייטער דערצעהלט מען, אַז אונטער דעם סאָציאַליזמוס וועט מען זיך מיט איהם שאַפען ווי מיט אַ קינד.

און דיעזע בעשולדיגונג איז ניט פיעל מעהר לעבערליך ווי אַן אַנדער בעשולדיגונג, וואָס ווערט געמאַכט, אָנגעבענדיג, אַז אונטער דעם סאָציאַליזמוס וועט זיך אין דער אָפּערא אַריינכאַפּען אַ שמיעד און וועט נעהמען שרייען מ'זאָל איהם לאָזען פיהרען דעם אָרקעסטער

און טאָמער וועט מען איהם דאָס ניט נאָכגעבען, נעהמט ער און מאַכט אַ רעוואָלוציאָן.

אין אמת'ען אָבער וועט ביים סאָציאַליזמוס די אינדוסטריע אָנגעהן אין די אַלע זאַכען כמעט אויף דעם זעלבען אופן ווי היינט. די אַרבייטער וועלען זיך קענען ווענדען נאָך דעם סאָרט אַרבייט, וואָס זיי דענקען זיי קענען אַם בעסטען, און כל זמן די אינדוסטריע וועט זיך אין זיי נויטיגען, וועט מען זיי אָנשטעלען. אָבער סוף כל סוף וועלען די אַרבייטער געהן אַרבייטען וואו מ'דאַרף זיי. און דאָן, ווי היינט, וועט מען די ספּעציעלע אַרבייטען געבען מענשען, וואָס פּאַסען זיך דערצו אַם בעסטען. ביים סאָציאַליזמוס וועט דער אַרבייטער, פּונקט ווי היינט, מוזען קומען פרעגען נאָך אַרבייט אין געוויסע פּלעצער. דער אונטערשיעד איז נור, אַז אַרבייט וועט ער ערגעץ וואו געוויס בעקומען, און אַרבייטען וועט ער ווייניגער שטונדען פאַר מעהר ווידזשעס אונטער בעסערע בעדינגונגען, און מיט זיין שטימע וועט ער אויך האָבען אַ דעה אין די פיהרונג פון דער אינדוסטריע.

דאָס איז, אַלזאָ, וואָס דער סאָציאַליזמוס ענטפערט אויף די אַלע טענות, וואָס ווערען געהאַלטען געגען איהם.

ס'איז פאַראַן נאָך אַ בעשולדיגונג, — ניט נור אַ טענה, — וועלכע מ'דאַרף אויך בעטראַכטען. עס ווערט בעהויפּטעט, אַז די סאָציאַליסטען זיינען טרוימער, וואָס שטרעבען איינצופיהרען אַן אוטאָפּיע. דאָס איז די גרעסטע דומהייט. די סאָציאַליסטען זיינען עוואָלוציאָניסטען. זיי האַלטען ניט פון קיינע אוטאָפּיעס, ווייל זיי גלויבען גאָרניט, אַז ס'איז איבערהויפּט גאָר דאָ ערגעץ אַ סוף צום מענשליכען פּראָגרעס. סאָציאַליסטען דענקען, אַז די מענשהייט וועט אימער שטייגען ווייטער און העכער, פּונקט ווי דאָס איז אַזוי תמיד געווען. און ווי איבערגעבען די סאָציאַליסטען זאָלען ניט זיין צום סאָציאַליזמוס, הויבען זיי אַפילו ניט אָן צו גלויבען, אַז די וועלט וועט זיך אָבשטעלען ביים סאָציאַליזמוס. זיי גלויבען, אַז דער סאָציאַליזמוס וועט אַ מאָל נאָך ווערען פּונקט אַזוי אַלט און אויס-

נעדיענט ווי דער קאַפּיטאַליזמוס איז היינט, און אַז די צייט וועט קומען, ווען דער סאָציאַליזמוס וועט מוזען אָפּטרעטען דעם פּלאַץ צו עטוואָס העכערעס.

די הויפּט־זאַך, וואָס די סאָציאַליסטען זאָגען, איז אַז דער סאָציאַליזמוס איז בלויז דער נעקסטער שריט אין דער ציוויליזאַציאָן און שטעלט מיט זיך פאָר אַ גרויסען שריט פאָרווערטס אין פערגלייך מיט׳ן קאַפּיטאַליזמוס, און וועט מאַכען אַ סוף צום דלות מיט׳ן סלעק; דער סאָציאַליזמוס מוז קומען, — סיידען די ציוויליזאַציאָן וועט נעהמען געהן ריקווערטס.

זעקסטער קאפיטעל

דער געוואלד וועגן „פריוואט־אייגענטהום“.

סאָציאַליסטען ווילען, אַז דאָס פאָלק זאָל דורך דער רעגיערונג אַליין האָבען און אַליין פיהרען די אינדוסטריען פון דער מדינה. אָבער ווען די סאָציאַליסטען זאָגען דאָס, פערגעסען זיי אויך ניט אָנצודייטען דערביי, אַז דאָס פאָלק זאָל אויך האָבען און פיהרען די רעגיערונג.

און דאָס איז שוין פאַר איינינגע אַ שטיקעל גרונד צו בע־הויפטען, אַז די סאָציאַליסטען זיינען געגען דעם פערזאָן׳ס רעכט צו האָבען פריוואט־אייגענטהום. און די הערדען, וואָס פערמאָגען אַ סך פריוואט־אייגענטהום — אין די הונדערטער מיליאָנען — זוכען מיט אַלע כחות איבערצושרעקען די הערדען, וואָס זייער פריוואט אייגענטהום בעשטעהט הויפטזעכליך אין די קליידער, וואָס זיי טראָגען, און דאָס ביסעל מעבעל אין שטוב.

„היט זיך פאַר די סאָציאַליסטען!“ — זאָגען די רייכע, — „זיי זיינען אייערע ערגסטע שונאים. זיי ווילען ביי אייך צונעהמען דאָס רעכט צו האָבען פריוואט־אייגענטהום. זיי ווילען, אַז אַלע זאָלען האָבען אַלעס בשותפות, — הייסט עס, אַז קיינער וועט ניט טאָרען האָבען קיין פיצעלע אייגענטהום פאַר זיך אַליין. היט זיך פאַר די סאָציאַליסטען.“

און מיר סאָציאַליסטען זאָגען אייך:

היט זיך פאַר דיעזע הערדען, וואָס שרעקען אייך אַזוי, אַז איהר זאָלט חלילה ניט פערליערען אייער רעכט צו האָבען פריוואט־אייגענטהום. אַז איהר זאָלט אייך נור צוקוקען גוט, וועט איהר בעמערקען, אַז דיעזע הערדען האָבען כמעט די גאַנצע פריוואט־

אייגענטהום. איהר האָט אפשר די האָפנונג, אָבער זיי האָבען טאַקע די אייגענטהום. און אייער האָפנונג ווערט ניט גרעסער. אָבער זייער אייגענטהום יא. און א חוץ אַלעם דעם האָבען מיר אפילו בדעה ניט ביי אייך צוצונעהמען אייער רעכט צו האָבען פּריוואַט־אייגענטהום. פּונקט דאָס געגענטהייל: מיר ווילען, אַז אייער רעכט זאָל טאַקע האָבען עפּעס א ווערטה. היינטיגען טאָג האָט דאָס רעכט אייערס קיין שום ווערטה ניט, ווייל איהר האָט דאָך קיין אייגענטהום ניט און קאָנט ניט האָבען. דער קאָפּ איז אייך צופיעל פערדרעהט בלויז מיט'ן שטיקעל ברויט.

מ'קאָן זיך גאָר ניט פאָרשטעלען קיין אָנציהענדערעס בילד, ווי דאָס רעכט עפּעס צו פערמאָגען. און דאָס רעכט אויף פּריוואַט־אייגענטהום מיינט דאָך אויך די מאַכט צו קענען זיך בענוצען מיט דעם רעכט. און די מאַכט זיך צו בענוצען מיט דיזען רעכט כאָטש א ביסעלע דערמאָגט אויך אָן די מאַכט זיך דערמיט צו קענען בע־נוצען זעהר פיעל. און אַז מ'האָט שוין זעהר פיעל מאַכט, טראַכט מען זיך שוין, אַז די גאַנצע וועלט זאָל זיך צו דיר בוקען און דו זאָלסט קאָנען האָבען, וואָס דאָס הארץ גלוסט און שטייגען ווייט, ווי נור דאָס אויג טראָגט. און ווען איינער האָט נור גענוג פּריוואַט־אייגענטהום, קאָן ער זיך פערגינען אַלץ אויף דער וועלט, דאָס טעלערעל פון הימעל זיך הייסען דערלאַנגען. און דערפאַר האָט עם אפשר די ווערטה זיך אָפּצושטעלען אויף דעם פּונקט א ביסעלע מעהר ווי געוועהנליך.

טאָ וואָס איז דען אזוינס אייגענטהום? לאָמיר זיך נור גוט איינקוקען.

איינער פערמאָגט לאַנד. אזוי ווייט ווי דאָס אויג קאָן נור זעהן, בעשיצען איהם די געזעצע פונ'ם לאַנד אין זיין מאַכט צו זאָגען: „דאָס איז מיינע. איך האָב דאָס געקויפט. איך האָב דער־פאַר בעצאָהלט. און קיינער קאָן דאָס ביי מיר ניט צונעהמען אָהן מיין ערלויבנים, און קיינער טאָר קיין בלום אויף מיין פעלד ניט אָראָפּרייסען, און קיין יאַגאָדקע אפילו טאָר מען ניט נעהמען."

אייגנטום אין לאַנד, מעג מען זאָגן, איז דאָס זעלבע, וואָס אייגנטום אין נאַטור־אוצרות — דאָס אייגנטום אין זאַכן, וואָס דער מענטש האָט אַליין ניט געמאַכט.

און נאָך דעם קומט די אייגנטום אין זאַכן, וואָס דער מענטש האָט יאָ געמאַכט. אייגנטום אויף שפּייז, אייגנטום אויף קליידער, הייזער, און אויך דאָס אייגנטום אויף די פאַבריקען און די מאַשינען, מיט וועלכע עס ווערן געמאַכט די שפּייז, קליידונג, הייזער און אַלע אַנדערע פאַבריצירטע זאַכן.

עס פרעגט זיך: פאַר וואָס זאָל עפּעס דער מענטש גאָר וועלן האָבן דאָס רעכט צו האָבן אייגנטום? פאַר וואָס זאָל עפּעס דער מענטש גאָר וועלן האָבן דאָס רעכט צו זאָגן פון אירגענד וועלכע אַ זאַך אויף דער וועלט: „אָט דאָס איז מיינע. קיינער טאָר דאָס ביי מיר ניט צונעהמען אָהן מיין ערלויבניס. קיינער טאָר דאָס אפילו ניט געברויכען אָהן מיין ערלויבניס"?

איינפאַך, נור דערפאַר, אז ער אַליין זאָל דאָס קאָנען געברויכען און געניסען. און דאָס איז די איינציגע ריכטיגע אורזאַכע, פאַר וואָס אַ מענטש זאָל עפּעס וועלען האָבען אַלס זיין אייגענס. און אייניגע זאַכען קאָן מען גאָר ניט ריכטיג געברויכען און געניסען, סיידען זיי זיינען פאָלקאָמען אין דער האַנד, וואָס געברויכט זיי. אַ הויז, אין וועלכען יעדער איינער קאָן זיך אַריינגעהן, וואָלט דאָך קיין היים ניט געווען. אַ האָטעל אָדער נאַכטלעגער קאָן דאָס יאָ זיין, אָבער ניט קיין היים. און דערפאַר איז דאָס טאַקע אַ גוטע אורזאַכע, פאַר וואָס יעדער איינציגער מענטש זאָל האָבען די איינציגע קאָנטראָלע איבער דעם הויז, אין וועלכען ער וואָהנט. אַזאַ אויסשליסליכע קאָנטראָלע קאָן זיך קומען צוליעב די פּריוואַט־אייגענטום רעכט, ווי מיר פּערשטעהען דאָס היינט אָדער דער שטאַאַט קאָן אונז גאַראַנטירען דאָס רעכט דאַרויף, כל זמן מיר ווילען זיך דערמיט בענוצען; אָבער, צי אַזוי, צי אַזוי, מוז זיין אַזאַ רעכט אַליין פאַר זיך צו קאָנטראָלירען די היים.

און אונזער ציוויליזאַציאָן מעג זיך טאַקע שעהמען, וואָס דאָס

עקזיסטירט ביי אונז ניט. די גרויסע מאיאָריטעט פון מענשען האָבען היינט ניט די אויסשליסליכע קאָנטראָלע איבער די הייזער, אין וועלכע זיי וואָהנען. זייער רעכט אויף זייערע וואָהנונגען האַלט זיך אויף היהנערשע פיסלעך. דער טאַטע קען פיעלייכט קראַנק ווערען — ניטאָ קיין דירה־געלד, און אויס היים. אָדער אָן אַנ־דערער קאָן צאָהלען מעהר רענט פאַר די זעלבע הויז און שוין — אויס היים. און אירגענד וועלכע אזא קליינינקייט קאָן ביי די לייטע צונעהמען דאָס רעכט צו זיין בעלי־בתים אין זייער אייגענער דירה.

און אויף דעם מעבעל און פוץ אין אַ הויז איז אויך נויטיג צו האָבען די פאָלקאָמענע קאָנטראָלע, אז מ׳זאָל דערפון קאָנען הנאה האָבען. און דאָס זעלבע, וואָס מיר זאָגען וועגען די מעבעל, איז אויך וואהר וועגען די קליידער. אין קורצען, יעדע זאַך, וואָס נור איינער געברויכט דאָס פיר זיין פערזאָן אליין, קאָן דיר קיין אמת׳ען פערגניגען ניט ברענגען, סיידען ס׳איז אויסשליסליך ביי דיר אין די הענד.

טאָ פון וואַנען נעהמט זיך עס דער יושר צו ערלויבען איינעם צו האָבען דאָס, וואָס ער געברויכט ניט און קאָן ניט געברויכען און אַן אַנדערער מוז געברויכען? פאַר וואָס זאָל עפּעס מיסטער מאָרגאַן מיט זיינע חברים האָבען די ערלויבנים צו פערמאָגען די מאַשינעריע, מיט וועלכער די שטאָל־ארבייטער ביים טראָסט פער־דיענען זיך זייער ברויט? פאַר וואָס זאָל עפּעס מיסטער ראַקעפעלער מיט זיינע חברים האָבען די ערלויבנים צו פערמאָגען פיעלע פון די אייזענבאהנען, ביי וועלכע פיעלע אייזענבאהן־ארבייטער פערדיענען זיך צום לעבען? פאַר וואָס זאָל מען עפּעס איין מענשען געבען די ערלויבנים צו פערמאָגען קווארטאלענוויוז טענעמענטס, אין דער צייט, וואָס גאַנצע קווארטאַלען מיט טענעמענט־איינוואָהנער האָבען אפילו קיין שטיקעל היים ניט?

דיעזע אַלע פראַגען קאָן מען ניט אָפּ׳פּטר׳ען מיט דעם תירוץ, אז אזוי פיהרט זיך שוין די וועלט פון תמיד אָן. ערשטענס איז דער תירוץ ניט אמת. ביז ערשט מיט כמעט אַ הונדערט יאָהר

צוריק האבען נאך, זינט די וועלט שטעהט, קיינע עטליכע פערזאן קיין מאל ניט פערמאגט די ווערקצייג מיט וועלכע אלע ארבייטען; ס'איז א פאקט, אז ערשט אין די לעצטע 40 יאהר האט דיעזער סארט אייגענטהום געגומען טהיילען די בעפעלקערונג אויף א קליי־נעם קלאס הארען און אן אונגעהויער גרויסען קלאס דיענער. אבער ווען די וועלט וואלט טאקע שטענדיג געווען אזוי ווי זי איז היינט, וואלט דאן דאס אליין נאך ניט געווען קיין גוטער תירוץ. און ווען עפעס איז אן אונרעכט, קאן מען דאס ניט מאכען צו רעכט, סיידען מ'מאכט דאס אין גאנצען איבער.

און מיר, סאציאליסטען, זיינען ענטשלאסען צו ענדערען די געזעצע וועגען פריוואט־אייגענטהום. מיר ערקלעהרען, אז די י... טיגע געזעצע זיינען אן אונרעכט. און מיר קאנען בעווייזען, אז די היינטיגע געזעצע זיינען ניט קיין גערעכטע. מיר ווילען גערן אייך בווייזען, אז די ארימקייט פון די מאסען קומט דירעקט דערפון, וואס בלויז איניגע האבען אלס זייער פערמעגען יענע מינים אייגענ־טהום, וואס טאר ניט בעלאנגען צו פריוואט־מענשען. מיר מיינען דא, נאטירליך, די אינדוסטריעלע מאשינען פונ'ם לאנד, וועלכע בעלאנגען צו די, וואס ארבייטען מיט זיי ניט, און בעלאנגען ניט צו די וואס ארבייטען מיט זיי.

דערפאר מאכען מיר דיעזען פארשלאג: מיר זאגען, אז די גאנצע אייגענטהום, וואס ווערט געברויכט ביי אלע אין איינעם, זאל אויך בעלאנגען צו אלע צוזאמען, און יעדע שטיקעל אייגענטהום, וואס יעדער געברויכט נור פיר זיין פערזאן אליין, זאל אויך בע־לאנגען צו דער פערזאן אליין. און זאל דער הערר, וואס האט איין אונטער־העמד, זיך ניט שרעקען, אז דער סאציאליזמוס געהט דאס צונעהמען ביי איהם.

ביטע, פערגעסט נור דאס ניט: פערטרויט זיך ניט דעם מאן, וואס ראטה אייך ניט צו טרויען דעם סאציאליזמוס אוים מורא, אז אייער אינדיווידועלע רעכט צו האבען פריוואט־אייגענטהום זאל חלילה ניט צושטערט ווערען. אזא מאן איז אדער אונוויסענד אין

דער פראגע פון סאָציאַליזמוס אָדער צודרעהט אין דער פראגע פון קאפּיטאַליזמוס. קיין אויסנאַהמע איז דאָ ניטאָ, ווייל סאָציאַליזמוס איז ניט וואָס ער זאָגט און וועט ניט טהאָן ווי ער דערצעהלט.

דער סאָציאַליזמוס וועט דעם רעכט צו האָבען אייגענטהום צוגעבען אזא בעדייטונג, וואָס ס'איז נאָך אזוינס ניט געהערט געוועזן זייט די וועלט עקזיסטירט. ביים סאָציאַליזמוס וועט דער פּערזאָן ניט נור האָבען אַ רעכט צו האָבען אייגענס, זאָנדערן ער וועט אויך האָבען מיט וואָס צו פערווירקליכען דאָס רעכט, — ער וועט טאַקע האָבען דאָס אייגענטהום. און ווען דער סאָציאַליזמוס וואָלט יעדען איינעם פאַמיליען־פאָטער ניט געקאָנט געבען גענוג צו לעבען ווי אַ מאַן, וואָס פערלעבט היינט ביז אַ פינף טויזענד דאָלאַר אַ יאָהר, וואָלטען די סאָציאַליסטען אליין דעם סאָציאַליזמוס ניט בעדאַרפט. דאָס הויז אליין, וואו דער מאַן וואָהנט, קאָן זיך יאָ זיין אָדער ניט זיין זיין אייגענע. אום ניט צו דערלאָזען, אַ שטייגער אז די כאַפּער זאָלען פערכאַפּען יענעם'ס הייזער, קאָן אפשר אויסקומען מעהר ראַטהזאַם איבערצולאָזען די אייגענטהומס־רעכט איבער די הייזער אין די הענד פון דעם שטאַאַט. דער שטאַאַט וועט אָבער זעהן צו בעשיצען די פּערזאָן און זיין רעכט צו בעוואָהנען דאָס הויז אַזוי לאַנג, ווי ער וויל נור, אפילו אויפ'ן גאַנצען לעבען. און אז מ'זאָל נור וועלען, קאָן מען לאָזען דעם שטאַאַט געהן נאָך ווייטער און איבערגעבען די זעלבע רעכט צו די קינדער, נאָכ'ן טויט פון די עלטערן. אָבער קיין סאָציאַליסטישע רעגיערונג וועט ניט ערלויבען, אז אַ קלאַס לענדלאָרדס זאָל פעט ווערען פון מענשען אָהן אַ היים.

און וואָרום?

סאָציאַליסטען דענקען, אז עס טאָר ניט זיין קיין רעכט צו האָבען אייגענטהום, סיידען פאַר די פּערזאָן, וואָס **געברויכט** טאַקע אליין דאָס אייגענטהום. דיעזע בעהויפּטונג אונזערע קאָן מען נאַטירליך מאַכען לעבערליך, ווען מ'זאָל זי פערטייטשען אויף אַ לעבערליכען אַרט. די סאָציאַליסטען מיינען דערמיט ניט, אז

ווען איינער פאָהרט, אַ שטייגער, זומער ארוים אַ ביסעל אויפ'ן לאַנד, טאָ קאָן זיך קומען יעדער איינער און אַריינמופען אין זיין הויז, בלויז דערפאַר וואָס יענער האָט עס אויפגעהערט צו געברויכען אַ שטיקעל צייט. די סאָציאַליסטען דענקען אָבער יאָ, אַז עס איז שעדליך פאַר די אינטערעסען פון דער געזעלשאַפט, אַז אַ קליינער קלאַס מענשען זאָל פערמעגען אַזוי פיעל, אַז זיי קאָנען דאָס גאָרניט פערברויכען.

די סאָציאַליסטען גלויבען, אַז די נויטען פון קהל זיינען אַזוי וויכטיג, אַז אַלע אוצרות פון דער געזעלשאַפט דאַרפען זיין אָפען פיר דער געזעלשאַפט. און דערפאַר פאָדערען זיי, אַז אום צו האָבען אַ רעכט אויף אייגענטהום מוז מען צוערשט דאָס אייגענטהום טאַקע אַליין געברויכען פאַר זיך. דאָס הייסט ניט, אַז ווען איינער זאָל אים פריהלינג איינפאַקען זיינע ווינטער־קליידער אויפ'ן זומער, ווערט דער שכן שוין דערפאַר האָבען דאָס רעכט צוצונעהמען דיעזע קליידער. דאָס הויבט זיך גאָר ניט אָן. דיעזע בעהויפּטונג אין דעם פּרט פון געברויך, ווי אַלעס אַנדערעס, וואָס די סאָציאַליסטען זאָגען, דאַרף מען פערשטעהן ניט איבערטריבען. מיר שטעלען דאָ איינפאַך אַוועק דעם פּרינציפּ, אַז עס איז אַן אונרעכט איבערצו־לאָזען אויף אייביג אַזעלכע אומשטענדען, אונטער וועלכע עס איז דאָ אַ מעגליכקייט פיר איינינגע, אַז זיי זאָלען קאָנען אַריינכאַפּען מעהר, ווי זיי קאָנען אַליין געברויכען. אַזאַ מין אַרט אַריינכאַפּעניש שאַדט נור. וואָס איינער קאָן אַליין ניט געברויכען, טאָר אויך ניט זיין זיינס, ווארים דערמיט שטערט ער אַנדערע יאָ צו האָבען וואָס זיי דאַרפען.

אַ חוץ דעם, וואָס איז דען דיעזע וועלט־איינשלינגעריי, ווען ניט אַזאַ שלעכטע געוואָהנהייט? ווען מ'זאָל פאַר מיסטער ראָקע־פעלערס ניין הונדערט מיליאָן דאָלאַר קויפען וואורשטלעך, וואָלט דאָס דאָך איהם געקלעקט אויף אַ מיליאָן יאָהר. און ווען מ'זאָל דערפאַר קויפען פּילקעס צו שפּיעלען גאָלף, וואָלט ער דאָך געהאַט גענוג ביז ער וואָלט אויפגעגעסען דאָס לעצטע וואורשטעל. און אַז

מ׳זאָל פאַר דעם געלד קויפען נייע קליידער. וואָלט דאָס איהם געשטייעט אַנצוטהון אַ נייעם ראָק אַלע פופצעהן טעג אויף 28 מיליאָן יאָהר. אָבער וואָס פאַר אַ נוצען קאָן מיסטער ראָקעפעלער האָבען פון דיעזע רעכנונגען? זיין פעהיגקייט צו געניסען זאַכען איז זעהר און זעהר בעגרענצט. די גרויסע פעהיגקייט זיינע איז נור צו פערנעהמען פאַר זיך די עשירות, וואָס אַנדערע האָבען געמאַכט. ביי יעדען טיק־טאַק פון ראָקעפעלער׳ס זייגערעל, קומט איהם צו צוויי דאָלאַר — אָבער ער קוקט דאָס קיין מאָל ניט אָן. קוים וואָס ער ווייסט עפּעס, אַז די געלד קומט איהם צו. וואָס אָנבעטרעפט דער ווירקליכקייט, איז אָט וואָס מיסטער ראָקעפעלער ווייסט שוין זיכער, אַז ווען ער דאַרף אַ שטיקעל פליישׁ און אייער צום עסען, מיט אַ ביסעלע צוגעבראָטענע געריבענע פּאָטייטאָס דערצו, האָט ער מיט וואָס דאָס זיך צו קויפען. מיט אַנדערע ווערטער, די עטליכע גרויטען פון זיין שוואַכען גוף האָט ער זיכער מיט וואָס צו בעפריעדיגען.

מיסטער ראָקעפעלער׳ס פיזישע בעדירפניסע וואָלטען חלילה אין קיין געפאַהר ניט געוועזען, ווען ער זאָל נור פערמאָגען פופציג טויזענד דאָלאַר. טאָ צו וואָס דאַרף ער האָבען די אַלע איבעריגע ניין הונדערט מיליאָן איינגענטהום זיינע? איינפאַך דערפאַר, וואָס ער איז דער קרבן פון אַ שלעכטער געוואוינהייט. ס׳זיינען פאַראַן מענשען, וואָס זיי דאַרפען געלד, נור ווייל דאָס געלד גיט זיי די מאַכט. אָבער ראָקעפעלער, ווי עס זעהט אויס, האָט קיין מאָל ניט נעגאַרט נאָך מאַכט. ער האָט פשוט אַזאַ משוגעת צו זאַמלען און זאַמלען. וואָס מעהר ער האָט, אַלץ מעהר קאָן ער נאָך צוקריגען — ווייל ער טאַקע האָבען אַלץ מעהר און מעהר.

און וואָס טהוט עפּעס אַזוינס ראָקעפעלער מיט די גאַנצע עשירות, וואָס ער קריגט אריין? גאָר פשוט, ער לאָזט אונז דאָס געברויכען. ער פערטהוט זיין געלד אין אייזענבאַהנען אָדער שטאָל־פאַבריקען, אָדער דאַמפּף־שיפען, אָדער קופער־מינעס, אָדער רעסטאָראַנען אָדער אין אירגענד עפּעס אַ געשעפט. וואָס קאָן איהם

אריינברענגען נאָך מעהר געלד. ער אליין געברויכט דיעזע אלע זאכען זיינע ניט פיעל. דער זעלבער פראכט־צוג, וואָס ברענגט איהם צו פיהרען א ביסעל געזיץ צו פריהשטיק, ברענגט אויך צו־פיהרען גאנצע וואגאָנעס מיט אויוועגס און אייזערנע בעטען פאר יענע, וואָס זייערע זייגערלעך מוזען שוין טיק־טאקען א גאנצען טאָג איידער זיי קריגען אריין צוויי דאָלאר. דער פונקט איז אָבער דערביי אָט וואָס. מיסטער ראקעפעלער געברויכט זיינע אלע אייגענטהומס גאנץ ווענינ און מיר געברויכען דאָס זעהר פיעל. דערפאַר פאָדערט עס אָבער פון אונז יעדעם מאָל בעצאָהלט, און דאָס געלד פערטהוט ער ווייטער אין נאָך מעהר אייזען און שטאָל און קופער. ווען ער וואָלט ביי אונז דערפאַר קיין געצאָהלט ניט געפאָדערט וואָלטען מיר איהם אפשר טאקע געהאט פאר וואָס דאנק־באַר צו זיין. און ווען ער זאָל דאָס געלד פערטהאָן אויף שפייז און קליידער און דאָס אונז געבען א נדבה, וואָלטען מיר איהם אויך געהאט פאר וואָס צו זיין דאנקבאַר, ווען מיר וואָלטען אלע געוועזען בעטלער. אָבער די געלד זיינע, וואָס ער נעהמט פון אונז, פערטהוט ער דאָך אויף נאָך מעהר אייזען, מעהר שטאָל, מעהר קופער, — און דאָס בעצאָהלט נעהמט ער פון מענשען, וואָס דארפען דאָס אלעס איינצוגעבען פריש בלוט אין זייערע קערפערס און פרישע קליידער פאר זייערע פאמיליעס.

און דאָס איז אלץ, וואָס די פריוואט־אייגענטהום איבער זיין פערמעגען טהוט אויף פאר מיסטער ראקעפעלער מעהר ווי פאר יעדען אנדערען. און די ביפסטייק אויף זיין טעלער איז ניט מעהר געזיכערט געגען א זייטיגען אנגריף, ווי די שפייז אויפ'ן טעלער פון דעם אָרימסטען ארבייטער. אָבער די אינדוסטריעלע מאַשינעריע, וואָס מיסטער ראקעפעלער פערמאָגט, גיט איהם די מעגליכקייט ביי יעדען טיק־טאק פון זיין זייגערל אריינצוקריגען פאר צוויי דאָלאר שפייז, קליידער און אנדערע זאכען.

און מיר, נארישע מענשען, וואָס לאָזען די פריוואט־אייגענ־טהום אויף די אינדוסטריעלע מאַשינעריע, דארפען זיין זעהר דאנק־

באר מיסטער ראקעפעלער׳ן און זיין גלייכען. צו דיזע הערדען קומט נאך מעהר דער דאנק פון פערזאנען, וואס גלויבען, אז די קאנסטיטוציאן פון די פעראייניגטע שטאאטען איז די העכסטע חכמה און טאר דערפאר בשום אופן ניט געענדערט ווערען. לויט דער קאנסטיטוציאן און די געזעצע פון דיזען לאנד, ווי מיר האבען זיי היינט, קאן מיסטער ראקעפעלער מיט זיינע חברים אונז לאזען אויסגעהן פון הונגער, ווען זיי זאלען נור וועלען. יעדער איינער פון זיי קאן זיך אוועקפאהרען קיין אויסלאנד, אוועקלעגען א מיליאן דאלאר אין די „באנק אוו ענגלאנד" און דאן פער קייבעל לאזען צו וויסען אהער, אז אלע געשעפטען זייערע זאלען צוגעשלאסען ווערען, — און דאס מיינט, יעדע וויכטיגע אינדוסטריע מיט די אייזענבאהנען אריינגערעכענט. און קיינער וואלט ניט געהאט קיין רעכט עפעס זיך דא אריינצומישען, און די הערדען׳ס אנגעקליבענע עשירות וואלט זיי געוועזען גענוג אפצולעבען זייערע יאהרען, און דאס פאלק וואלט דערווייל ביי אונז אין אמעריקא געשטארבען פון הונגער.

געוויס וואלט דאס פאלק פון הונגער ניט אויסגעגאנגען. יא געזעץ, ניט געזעץ, דאס פאלק וואלט זיך גענומען צו די פערמאכטע אינדוסטריע און וואלט ווייטער געארבייט. און ניט פערליערענדיג פיעל צייט, וואלט מען גלייך געענדערט די געזעצע מיט דער קאנסטיטוציאן פון די פעראייניגטע שטאאטען, אזוי אז דיזע האנדלונג זאל זיין רעכט. אבער בלויז די טהעארעטישע מעגליכקייט פון אזא פערשליסונג פון אלע געשעפטען איז שוין אויך גענוג ארויסצוצייגען די גרויסע נארישקייט פון אונזערע יעצטיגע געזעצע אין בעצוג אויף פריוואט־אייגענטהום.

אז מ׳האט געמאכט די קאנסטיטוציאן, האט דאן אפילו די טהעארעטישע מעגליכקייט אויך ניט עקזיסטירט. מיר זיינען דאן נאך געוועזען כמעט אויסשליסליך א נאציאן פון ערד־ארבייט, און אייניגע פון אונזערע פיינסטע משפחות האבען אראפגע׳גנב׳עט מיליאנען אקער פון די בעסטע לאנד אבער ווייטער נאך דיזע

נאָהענטסטע שטיקער לאַנד האָבען זיך געצויגען נאָך אַנדערע אונ־צעהליגע מיליאָנען אַקער לאַנד, אויף וועלכע דער מענש האָט זיך געקאָנט ערנעהרען — לאַנד, וואָס יעדער איינער האָט זיך געקאָנט נעהמען און בעאַרבייטען. די פאַבריק־צייטען זיינען דאַן נאָך ניט געבאָרען געוואָרען. אין יעדער היים איז זיך געווען אַן אייגענע פאַבריקעל, אין וועלכער מ׳האָט זיך אַליין געוועבט דעם שטאָף און אַליין גענייהט די קליידער. אַ חוץ די גע׳גנב׳עטע שטיקער ערד, וואָס איז געוואָרען פּריוואַט־אייגענטהום, איז קיין זאַך נאָך ניט געווען אין פּריוואַט הענד, וואָס האָט זיך ניט געפּאַסט צו זיין פּריוואַט־אייגעטהום. נאַטירליך, איז אין דעם געווען פיעל שולדיג דער פאַקט, אַז אין יענער צייט איז אין דער מדינה נאָך ניט געווען קיין פיעל עשירות.

אָבער פון אַ דורכדרינגענדען שטאַנדפּונקט איז די אונבע־גרענצטע רעכט צו האָבען פּריוואַט־אייגענטהום בלויז אַ פלוך פאַר׳ן פאָלק און ס׳איז אויך שטענדיג געווען אַזוי. און ווען דאָס זאָלט קיין פלוך ניט געווען, — דאָס הייסט, ווען דאָס וואָלט ניט געגעבען איינעם די געלעגענהייט צו ראַבעווען אַן אַנדערען, וואָלט דאָך קיין מענש ביים קלאָרען פערשטאַנד ניט געוואָלט האָבען אַזאַ אייגענ־טהום. דער וואונש צו געברויכען דאָס אייגענטהום איז אַ בערעכ־טיגטע אורזאַכע דאָס אויך צו וועלען פערמאָגען, אָבער דער וואונש צו האָבען אַן אייגענטהום, וואָס אַליין דאַרף מען עס ניט צום גע־ברויכען, קאָן נור קומען פון דעם איינציגען וואונש צו געברויכען דיעזע אייגענטהום אַלס בייטש, מיט וועלכע צו בעראַבעווען די וואָס געברויכען עס יאָ.

זאָל דאָס זיין אייער פּרוביר־שטיין, ווען איהר זיך קיין מאָל ניט נאַרען. דער לענדלאָרד האַלט די לאַנד, ווייל ער וויל לעבען, אַליין ניט אַרבייטענדיג, אויף דעם רעכענונג פון די וואָס בעאַר־בייטען די ערד. דער פיעל־פאַכיגער מיליאָנער האָט אַלס אייגענ־טהום די אינדוסטריעלע מאַשינעריע, ווייל ער וויל מיט דיעזע אייגענטהום זיינע זיך צונעהמען אַ שטיק פון דעם אַרבייטער׳ס

פראָדוקט. ווען פּריוואַט־אייגענטהום וואָלט די אייגענטהימער אַזאַ רעכט ניט געגעבען, צו וואָס וואָלטען זיי דען בעדאַרפט די אייגענטהום? און אויב פּריוואַט־אייגענטהום לאָזט איבער פאַר די אייגענטהימער אַזאַ געלעגענהייט, טאָ האָבען דאָך די ארבייטער אַ רעכט צו זיין דאַגעגען. און נאָך מעהר, די ארבייטער האָבען דערביי נאָך דאָס רעכט צו פאָדערען, אַז אַזאַ אייגענטהומס־רעכט זאָל אָבגעשאַפט ווערען.

אויף דעם גילט נאָך ניט דער תירוץ, אַז יעדער האָט אַ רעכט צו פערמאָגען אַזוי פיעל זאַכען, ווי ער קאָן נור. אייניגע נאַכט־רויבער האָבען געננוג געלד, מיט וואָס צו קויפען פערדעקטע לאַנ־טערנעס און שלאָס־ברעכער־געצייג, און בעצאָהלען מיט פאַלקאָמען גוט געלד, געזעצליך אנערקענט אין די פעראייניגטע שטאַאַטען. אָבער בלויז דערפאַר, וואָס די פּריוואַט־אייגענטהום און רויב־גע־צייג איז ניט קיין טובה פאַר'ן גאַנצען פאָלק, קומען אונזערע געזעצע און פערביטען אונז אַזאַ אייגענטהום, און אַז מ'פאָלגט ניט דאָס געזעץ, נעהמען מיר דיעזען מין אייגענטהום איינפאַך צו.

און עס וועט נאָך קומען דער טאָג, ווען מיר וועלען איינזעהן, אַז פאַר יעדען דאָלאַר, וואָס די נאַכט־רויבערשע געצייג רייסט ארויס, ווערען דורך די אייגענטהימער פון די אינדוסטריעלע געצייג ארויסגעריסען ביי אונז גאַנצע מיליאָנען דאָלאַר — אויף דעם גע־געזעצליכען אופן נאַטירליך.

ס'איז טאַקע פיעלייכט אַ גרויסער סקאַנדאַל צו זאָגען צו אַ מאַן, וועלכער האָט אונטער'ן קאַפּיטאַליזמוס קיין מאָל ניט געהאַט די געלעגענהייט צו פערמאָגען אַ קאַפּע־מיהלבעל, אַז אונטער דעם סאָציאַליזמוס וועט ער ניט קאָנען פערמאָגען קיין שטאָל־פאַבריק. אויב דאָס איז טאַקע אַזאַ סקאַנדאַל, טאָ זאָל ער זיך אָנהויבען וואָס אם שנעלסטען. זאָל דער מאַן דאָס שוין הערען בעסער גלייך אויפ'ן אָרט, איידער שפּעטער. אָבער טאָמער זיינען צווישען אונז דאָ אַזוינע מענשען, וואָס קאָנען זיך אינטערעסירען צו האָבען אַן אייגענע וואָהנונג, אייגען מעבעל, קליידער, אַ מאָטאָר־שיפעלע, אַן

אַטאַמאָביל, און דאָס גליכען, — מעגען זיי זיך יאָ אינטערעסירען מיט'ן סאָציאַליזמוס. דער סאָציאַליזמוס גאַראַנטירט אייך בשום אופן ניט, אַז יעדער ערד־גרעבער זאָל זיך פאָהרען צו דער אַרבייט אין אַ גרויסען אַטאָמאָביל, אין דער צייט וואָס די פרוי זיינע פאָהרט זיך אַרום אין אַ קאַרעטע איינקויפען אין די גרויסע מאַגאַזינען; אָבער וואָס דער סאָציאַליזמוס גאַראַנטירט איהם יאָ, איז אַז ער זאָל זיך קאָנען האָבען דיעזע אַלע זאַכען, אויב ער קאָן זיך דאָס פערדיענען מיט זיינע אייגענע הענד.

מיר בעגרייפען, נאַטירליך, שוין גאָר גוט, אַז דאָס אַלעס איז נאָך נאָר אַ קליינינקייט פאַר אַ מאַן, וואָס דער קאַפּיטאַליזמוס גיט איהם דאָס רעכט צו פערמאָגען אַפילו די גאַנצע וועלט. און מיר וועלען מסתמא טאַקע ניט פיעל אויסנעהמען ביי אַזעלכע הערען, וואָס ווילען פערמאָגען די גאַנצע וועלט. אָבער ביי מענשען, וואָס צוזאָגען האָט מען זיי צוגעזאָגט די גאַנצע וועלט, און האָבען האָבען זיי נור קדחת מיט כשר'ע פאָדים, — ביי אַזעלכע מענשען וועלען מיר אפשר בעסער אויסנעהמען. עס וועט נאָך קומען דער טאָג, ווען דיעזע מענשען וועט עס מיאוס ווערען זיך מקריב צו זיין אויף דעם מזבח פון פריוואַט־אייגענטהום. די צייט וועט נאָך קומען, ווען זיי וועלען אָנהויבען פערשטעהן, אַז ס'איז ניט פיעל אידיאַ־טישער אַז צו קהל זאָל בעלאַנגען יעדען איינעם'ס אונטערוועש, ווי עס איז, אַז ביי פריוואַט־פּערזאָנען אין די הענד זאָלען זיין די אינדוסטריען, מיט וועלכע קהל פערדיענט זיך צום לעבען.

אין יענעם טאָג וועלען מיר איינפיהרען דעם סאָציאַליזמוס.

„און מיר וועלען נעהמען און זיך צוטהיילען גלייך אויף גלייך, פּאַר יעדען זיין גלייכער חלק, און אין פינף יאָהר אַרום וועלען די זעלבע פּערזאָנען, וואָס זיינען היינט רייך, דאַן אויך זיין רייך, און די וואָס זיינען היינט אָרים, וועלען דאַן אויך ווידער ווערען אָרים."

אָט אַזוי רעדט דאָס אונז אָן שלעכטס דער פּאָפּוגאַי, וואָס איז אַריינגעפלויגען אין אונזער גליקליכער היים. וואו נור און ווען נור מ'רעדט פון סאָציאַליזמוס, קומט דיעזער אַלטער חכם צופליהען

און ערקלעהרט, אַז דאָס איז אַלץ בלויז אַ נידריגע פערשווערונג צו בעראַבעווען די רייכע פאַר די אָרימע, און אַז דאָס קאָן בשום אופן ניט האָבען קיין ערפאָלג. אָרימע, אַלטע נאָכקרימעניש פון מענשליכען פערשטאַנד! קיין מאָרך האָט עס ניט, אָבער אַ צונג יאָ, — רעדט עס. ווען ניט די פעדערען און ניט דאָס צינגעל, וואָלט דאָס אפשר אַ מאָל נאָך געקאָנט טויגען צו עפּעס, — אַן עוף אויף שבת זיין, — אָבער אַז מ׳וואָלט זיך געזעצט צום טיש און זיך גענומען צום מאכל, וואָלט מען זיך אָבער גלייך געכאַפּט, אַז דאָס טויג פאָרט אויף קלאָגען. אָבער אָנגעטהון, ווי די מאַמע האָט עס איהם אַזוי אויסגעפּוצט, און איבער׳חזר׳ענדיג פרעמדע ווערטער, וואָס אימיצער האָט איהם אַריינגעזאָגט אין אויער אַריין, זעהט ער אויס ווי עפּעס טאַקע אַ חכם, וואָס דער פראָגרעס מוז זיך נאָך אָבשטעלען צוליעב איהם.

אָבער דער פראָגרעס פון דער וועלט שטעלט זיך ניט אָפּ. מענשען, וואָס קאָנען דענקען — און גרויסע קאָפּ־שמערצען קריגען זיי דערפון ניט; מענשען, וואָס קאָנען פיעל נאָכדענקען, ניט קרייגענדיג דערפון די אַפּאָפּלעקסיע, — זיי דאַרפען שוין ניט לאַנג טראַכטען צו בעגרייפען, אַז וואָס דער פּאָפּוגאַי דערצעהלט זיך אָן מעשים וועגען נעהמען און „צוטהיילען זיך“, איז ניט אמת. ווער האָט עס זיך גענומען און זיך צוטהיילט מיט די טהייערע קהל׳שע געביידעס אין וואַשינגטאָן? וועלכער טהייל פון דעם „ווהייט־האוז“ בעלאַנגט צו אייך? בעלאַנגט צו אייך דער באַלקאָן, צי דאָס בעט, וואו דער פרעזידענט שלאָפט? און אפשר איז דאָס גאָר די בעגאָלדעטע סטאַטוע אויפ׳ן קיילעכדיגען דאַך פון אונזער נאַציאָנאַלען הויף, וואָס רופט אייך „טאַטע“ אָדער „מאַמע“? אויב ניט, טאָ זיינען די אַלע טהייערע געביידעס אין וואַשינגטאָן „ניט צוטהיילטע“ עשירות, ווייל אייער חלק טרעפעל אָדער דאַך האָט מען אייך נאָך ניט אָפּגעגעבען.

אונטער דעם סאָציאַליזמוס וועט מען די נאַציאָנאַלע עשירות פונקט אַזוי גוט צוטהיילען, ווי מ׳צוטהיילט היינט אונזער פּלאַץ.

די אינדוסטריעלע עשירות פון דער געזעלשאפט וועט בעלאנגען צו אלע מיטגליעדער פון דער געזעלשאפט צום געברויך פון דער גאנ־צער געזעלשאפט. און קיין יחיד וועט זיך דערמיט ניט קאנען בענוצען, פונקט ווי היינט קאן מען ניט האבען דעם גאנצען פאסט־דעפארטאמענט נור פאר זיך אליין, אז קיין אנדערער זאל קיין בריעף ניט קאנען שיקען. און דאן וועט קיין איינציגער מענש און קיין איין איינציגע קליינע גרופע מענשען זיך ניט קאנען ערווערבען די נאציאנאלע אינדוסטריעלע עשירות, פונקט ווי מ'קאן זיך היינט ניט ערווערבען אלס פריוואט־אייגענטהום דעם נאציאנאלען הויף אין וואשינגטאן. יעדער איינער קאן זיך אין וואשינגטאן אריינ־געהן אין דעם הויפט־פאלאץ פראנק און פריי, פונקט ווי דאס וואלט געווען זיין אייגענער; אבער זאל נור אימיצער זיך א פרואוו טהון און וועלען פערקויפען א פליגעל פון דעם פאלאץ פאר א נאכט־לעגער האטעל, — וועט שוין די פאליציי וויסען, וואס מיט איהם צו טהון. זאלען נור די סאציאליסטען נאציאנאליזירען די אינ־דוסטריען פון דער מדינה, גיבען זיי אויף דעם קאפ א משכון, אז צוריקכאפען עס אלס פריוואט־אייגענטהום וועט שוין קיינער ניט קאנען.

די הערען, וואס גלויבען דאס ניט, פערגעסען בלויז, אז אונ־טער דעם סאציאליזמוס וועט שוין גאר קיין מיטעל ניט עקזיסטידען, אז עטליכע מענשען זאלען קאנען רייך ווערען אויף דעם רעכנונג פון די פיעלע. דאס פריוואט־אייגענטהום, וואס מוז געברויכט ווערען פון אלע אין איינעם, — דאס איז דאס מיטעל זיך אנצו־קלייבען געוואלדיגע עשירות. אבער ווען דאס מיטעל ווערט אבגע־שאפט, טא פון וואנען וועלען זיך עס נעהמען די אלע ריעזיגע פערמעגענס?

אונז, סאציאליסטען, מאכט מען נאך אויף די אפטע פאר־ווירפע, וואס מיר זיינען אזעלכע „גראבע מאטעריאליסטען“, — ווי אונזערע געגנער רופען אונז מיט פערגניגען. אזוינע דעליקאטע נשמות ווי די מארגאנס, די גוגנהיימס, די רייענס, די האוועמייערס

און דאָס גלייכען בעדויערען אונז געבאך, וואָס אונזער בליק זוכט נור ברויט און פוטער, קליידער און מעבעל, הייזער און לאטס און פענסיעס פאר זקנים.

זייער בעדויערען איז פיעלייכט נאטירליך. מיר רעדען ווירק־ליך פיעל פון די אלע זאכען. מיר שטעהען אָפען דאפיר, אז פון דער וועלט זאָל אָפּגעראמט ווערען דער דלות. און געגען דלות דארף מען האָבען גוטען מאטעריאל. און אז דער דלות וועט אראָפּ פון מארק, וועט ער מיט זיך, נאטירליך, אויך מיטנעהמען אנדערע ניט קיין מאטעריעלע זאכען אויך. די אלע צרות, וואָס עס מאכען אָן דער דלות און די מורא פאר'ן דלות, — דאָס אלעס וועט מעהר ניט זיין. די גאנצע אונוויסענהייט, וואָס קומט פון אָרימקייט, וועט שוין אויך מעהר ניט זיין. און די אלע פערברעכענס, וואָס קומען פון אונוויסענהייט און אָרימקייט, וועלען שוין מעהר ניט זיין. און א מאַסע פערדאָרבענהייט וועט שוין אויך ניט זיין מעהר.

א מאַסע פערדאָרבענהייט! האָט איהר ווען עס איז א טראכט געטהון, ס'א מאַסע פערדאָרבענהייט עס וועט אראָפּ פון דער וועלט, ווען דער קאפיטאליזמוס וועט אָפּגעראמט ווערען? האָט איהר זיך דאָס ווען ריכטיג פאָרגעשטעלט די מאַסע פערדאָרבענהייט וואָס ווערט אויסגעהאָדעוועט אויף דער היינטיגער פּראָפיט־סיסטעם, וואָס די סאָציאליסטען בעקעמפּפען? קיין מאָל נאָך ניט? טאָ לעזט, וואָס וואָירט וו. האָלמאן פון שיקאגאָ האָט געזאָגט אין זיין רעדע פאר דער „אמעריקאנער געזעלשאפט פון פערהיטען די געזונד און די מאָראל“. אָט זיינען זיינע ווערטער:

„ווען אירגענד א שטאָדט זאָל נור אָפּשאפען די פּראָפיטען פון פערדאָרבענהייט, וועט זי דערמיט אליין שוין גלייך פערקלענערען די פערדאָרבענהייט אָם וועניגסטען אויף 50 פּראָצענט. און ווען זי זאָל דערצו נאָך מאכען עס געפעהרליך פאר די מענער אויך, פונקט ווי פאר די געפאלענע פרויען אליין, פאר די בעזוכער אויך, און פאר די אייגענטהימער פון די הייזער און די אלע ביזנעס־לייט, פונקט ווי פאר די בעל הבית'טעם און די גאסען־פרויען אליין, וועט

דיזע פערדארבענהייט פערקלענערט ווערען אויף 75 פראצענט, און אפשר מעהר, און אויך אויף אן עהנליכען פראצענט פערקלענערען די רואינירטע אין געזונד און מאראל."

דער סאציאליזמוס וועט ארויסטרייבען די פראפיטען ניט נור פון דער פערדארבענהייט, זאנדערן פון אלע אויף דער וועלט. בע־פרייענדיג די פרוי און מאכענדיג זי עקאנאמיש אונאבהענגיג, וועט דער סאציאליזמוס פון איהר צונעהמען די אלע צרות, וואס צווינגען זי זיך צו פערקויפען, כדי זיך צו ערנעהרען. און דערפאר איז דער סאציאליזמוס אין דיעזען פונקט, ווי אין אנדערע דערמאנטע פונקטען אזוינע, שוין ווייט ניט מאטעריאליסטיש.

אבער אז דער סאציאליזמוס וואלט טאקע געווען לויטער מא־טעריאליסטיש, — טא איז וואס? איז וואס, ווען די פערדיענער פון סאציאליזמוס וואלטען טאקע די וועלט געוויעזען ניט מעהר ווי דעם בעסטען וועג ווי זיך צו ערווערבען ברויט מיט פוטער, און שטיוועל מיט שיך, און היטלען מיט קליידער, און הייזער מיט די לאטס? און היינטיגע צייטען פאדערט איהר דען פון אייער גראסערימאן, ער זאל מיט אייך לערנען מאראל? און פון אייער סטאר, וואו איהר קויפט א נעקטיי, ברענגט איהר זיך דען אויך מיט א פעקעלע גייס־טעס־שפייז? און ווען אייער הויז זאל ברענען, וואלט איהר זיך דען ענטזאגט פון דער הילפע פון די פייער־לייטע נור דערפאר, וואס דער פייער דעפארטמענט האט אין זינען בלויז מאטעריעלע זאכען?

די בעשולדיגונג אין „גראבען מאטעריאליזמוס" איז בלויז נאך א ביסעל זאמד צו שיטען אין די אויגען פון די, וועלכע ס'וואלט ניט געווען אזוי לייכט צו ראבעווען, ווען זיי וואלטען נור פער־שטאנען דעם סאציאליזמוס. סאציאליסטען זעהען פאר זיך א וועלט, וועלכע איז היינט און איז אלע מאל געווען א וועלט פאר ארימקייט. און סאציאליסטען זאגען, אז צום ערשטען מאל אין דער געשיכטע האבען מיר היינט די מעגליכקייט אבצושאפען דעם דלות. און די הערצען, וואס וואלטען אפשר געמוזט געהן אר־בייטען, ווען מ'וואלט אבגעשאפט די ארימקייט אויף דער וועלט,

זיינען אין כעס אויף די סאָציאַליסטען, וואָס זיי זאָגען ניט קיין תהלים בשעת זיי רעדען פון דער פראַגע פון ברויט. געווים מיינט מען דערמיט ניט קיינע קאָמפּלימענטען אונז צו געבען, אָבער א קאָמפּלימענט איז דאָס דאָך. ניט וועלענדיג, זאָגען דיעזע העררען, אז מיר זיינען אויבער־מענשען, וואָס וואָלטען אייגענטליך געקאָנט דערצעהלען דער מענשהייט אלץ וואָס מ'דאַרף, — נור וואָס־זשע דען? מיר רעדען נור פון ברויט און פוטער.

די אמת'ע אורזאַכע פון אזעלכע קלאַגעס געגען אונז איז, נאַטירליך, ניט דאָס וואָס מיר לערנען די וועלט צו וועניג, זאָנדערן וואָס מיר לערנען זי צופיעל. מיר וואָלטען זיך געקאָנט פּרעדיגען מאָראַל און רעליגיאָן ביז אין האלז אריין, און געארט וואָלט דאָס קיינעם ניט. און מיר וואָלטען זיך געמעגט גאָר אין גאנצען ניט רעדען א וואָרט ביז מ'וואָלט אלע שעפּסען ארומגעשאָרען און דאָס וואָלט אויך קיינעם ניט געארט. אָבער ווען מיר ערקלעהרען, אז די פּערזאָן האָט א רעכט ניט נור צו ארבייטען, זאָנדערן אויך צו פערמאָגען אלץ וואָס ער ארבייט אויס, ווארפען אונז שטיינער די אלע הערדען, וואָס טהוען גאָר ניט און פערמאָגען אלעס.

מיסטער דזשאהן ס. ספּונער, א געוועזענער יונייטעד סטייטס סענאטאָר פון וויסקאָנסין, וואָס ער איז דאָס גליקליכערווייזע שוין ניט מעהר, פיהלט זיך ספּעציעל פערטרויערט, וואָס די סאָציאַליסטען שלאָגען פאָר וואָס מ'רופט געוועהנליך „דהי איניש־יאייטיוו", „דהי רעפערענדום" און „דהי ריקאָל". אז מ'זאָל דיעזע דריי זאַכען איינפיהרען אין אונזערע קאָנסטיטוציאָנען פון די פעראייניגטע שטאאטען און פון יעדען שטאאט בעזונדער, וואָלט נאָך חלילה, זאָגט ער, דערפון איינגעפיהרט געוואָרען א „ריינע דעמאָקראַטיע", — וואָס דאָס מיינט אזא געזעלשאַפט, וואָס איהרע מיטגליעדער פיהרען אליין די רעגיערונג. זאָגט מיסטער ספּונער, אז א „ריינע דעמאָקראַטיע" האָט קיין מאָל ניט געטויגט אין א גרויסע בעפעלקערונג און וועט קיין מאָל ניט טויגען.

מר. ספּונער, וועלכער האָט שטענדיג, צי אין זיין אמט, צי

אויסער זיין אמט, געדיענט נור די רייכע, איז נאך ער־היום זייער טרייער אונטערטהאן. אויב מר. ספונער ווייסט נאך ניט, אז קיין שום סאציאליסט ניט און קיין אנדער מענש ניט, סיידען די משוגעים אין א משוגעים־הויז, האט אפילו אין זינען ניט געהאט, אז די פעראייניגטע שטאאטען זאלען ווערען א „ריינע דעמאקראטיע“, — אויב ער ווייסט נאך דאס ניט, איז די סומע פון זיין ווּיסען נאך פיעל קלענער ווי דאס, וואס ער האט ביז אהער אויפגעטהון אין זיין אמט. די סאציאליסטען, ווי אויך די פערזאנען, וואס האבען גענומען אונזערע פאדערונגען פון די אינישיאייטיוו, דעם רעפערענדום און ריקאל, ווילען בלויז געבען דעם פאלק די מעגליכקייט פאר זיך אליין צו טהון דאס, וואס זייערע ערוועהלטע פארשטעהער ענטזאגען זיך פיר זיי צו טהון.

מיר האבען גאר אין זינען ניט אויפצוגעבען די פארלאמענטארישע פארמע פון רעגיערונג. מיר האבען ניט בדעה אויפצולעזען אירגענד א געזעץ־געבענדע קערפערשאפט. אבער וואס מיר האבען יא בדעה, איז צו צווינגען יעדען איינעם פון אונזערע ערוועהלטע בעאמטע צו זיין אונזער פארשטעהער. און אונז בלייבט זיך גאנץ עגאל, צי ער איז א ריכטער, א קאנגרעססמאן, צי דער פרעזידענט אליין. ער מוז זיין אונזער פארשטעהער. און בלויז דערפאר, וואס מיר האבען זיך בעשלאסען, אז דיעזע העררען זאלען זיין טאקע אונזערע פארשטעהער, קומען אונזערע העררען, ווי מר. ספונער, און ווילען איינרעדען דעם עולם, אז מיר ווילען זיך אומקעהרען צו די אלטע צייטען פון די אמאליגע מיטינגען פון קליינע שטעדטלעך אין ניו ענגלאנד און צונויפרופען 90 מיליאן איינוואוינער אויף א מיטינג ערגעץ־וואו אויף די גרויסע פרעירים (די אמעריקאנער סטעפעס), ווען נור מיר דארפען אננעהמען א געזעץ אדער אויסוועהלען עפעס א פיערטע קלאסע פאסט־מייסטער, און דאס שעהנסטע וואס מ׳קאן זיך דענקען פון די האלטונג פון א מיסטער ספונער און עהנליכע הערדען איז בלויז דאס, אז זיי זיינען פיעל־

פיעל נארישער, ווי די סאָציאַליסטען זיינען, לויט דיעזע הערדען'ס מיינונג.

און נאָך אַן אינטערעסאַנטען שטאַנדפּונקט הערען מיר פון אַ דזשענטעלמאַן פון דענווער, וועלכער שרייבט אַזאַ בריוועלע:

„אין איינעם פון אייערע אַרטיקלען איבער סאָציאַליזמוס דער־צעהלט איהר, ווי די סאָציאַליסטען ווילען רעגירען, — וואָסערע ענדערונגען זיי ווילען מאַכען אין דער קאָנסטיטושאָן, און אַזוי ווייטער. וואָלט איך געוואָלט וויסען, וואָס האָט איהר, סאָציאַ־ליסטען, אָדער אייערע עלטערן און אייערע זיידעס געהאַט פאַר אַ שייכות צו דער פאָרמירונג פון אונזער יעצטיגע רעגיערונגס־פאָרמע? אין אַנדערע ווערטער, וואָס פאַר אַ פּראָצענט סאָציאַליסטען זיינען שוין דער דריטער דור פון היגע געבאָרענע אַמעריקאַנער? און ספּעציעל אייערע סאָציאַליסטישע פיהרער? אַ גאַנץ קנאַפּער פּראָ־צענט, וואָס איך מיר צו דענקען. סאָציאַליזמוס איז דער רעזולטאַט פון אימיגראַציאָן. און די אַמעריקאַנער האָבען נאָך ניט פערלאָרען דעם גלויבען אין דער קאָנסטיטוציאָן פון די פעראייניגטע שטאַאַטען."

אַז קיין שום אַטאַקע העלפט שוין ניט, נעהמט מען זיך ערנסט צו דער בעשולדיגונג, אַז „דער סאָציאַליזמוס איז ניט אַמעריקאַניש" און דערפאַר בלויז אַ „רעזולטאַט פון אימיגראַציאָן".

און קומט גאָר דיעזע הערען קיין מאָל ניט אויפ'ן זינן, אַז די פעראייניגטע שטאַאַטען זיינען דאָך אַליין אויך ניט מעהר, ווי אַ „רעזולטאַט פון אימיגריישאָן"? און די ענגלישע שפּראַך, לויט ווי מ'רעדט זי ביי אונז, איז אויך אַ „רעזולטאַט פון אימיגריישאָן"?

ווילען דיעזע הערען ווירקליך, מיר זאָלען זיך אָפּזאָגען פון אַלץ, וואָס קומט אַהער פון אייראָפּא? אויב יאָ, טאָ פאַר וואָס־זשע זאָגען זיי זיך ניט אָפּ פון די „דעקלעריישאָן אָוו אינדעפּענדענס", וועלכע איז טאַקע געשריעבען געוואָרען פון טהאָמאַס דזשעפערסאָן, און איז דאָך דורכגעדרונגען מיט'ן גייסט פון רוססאָ און וואָלטער,

פיר וועלכע זיך צו בוקען איז ביי איהם געווען א כבוד? טאָ פאר וואָס־זשע זאָגען זיי זיך ניט אָפּ פון די קאָנסטיטוציאָן פון די פעראייניגטע שטאַאטען, וועלכע איז דורכגעווייקט מיט די פּאָליטישע פּרינציפּען פון ענגלאַנד? און פאר וואָס ענטזאַגען זיי זיך ניט פון אונזערע ענגלישע פאָלקס־געזעצע, וועלכע זיינען דאָך געוויס ניט אַמעריקאַניש? און פאר וואָס זיך שוין אויך ניט אָפּזאָגען פון צוויי־מאָל־צוויי־איז־פיער, פון שעקספּיר׳ען און פון דעם דראָטלאָזען טעלעגראַף?

טאַקע, פאר וואָס ניט? ווייל קיין נאַרען זיינען זיי ניט. זיי זיינען נאַריש, לאָמיר האָפען, נור ווען זיי רעדען וועגען סאָציאַליזמוס. אויף דיעזען פונקט ווערט ביי זיי דער מאַרך ווי זויערמילך. זיי ווילען ניט וויסען צו די פּרינציפּען, אויף וועלכע דער סאָציאַליזמוס איז בעגרינדעט, זיינען ריכטיגע, צי ניט. ניט דער אמת איז דאָ ביי זיי די פראַגע. די פראָגע איז גאָר דער פּלאַץ, וואו די פּרינציפּען זיינען צום ערשטען מאָל פּראָקלאַמירט געוואָרען. און ווען מ׳וואָלט געקאָנט בעווייזען, אז די פּרינציפּען פונ׳ם סאָציאַליזמוס זיינען צוערשט געגעבען געוואָרען ערגעץ אין א קליין שטעדטעל אין אינדיאַנאַ, גלייך נאָך דעם, ווי קאָלומבוס איז געקומען קיין אַמעריקאַ, — דאַן וואָלטען מיר געקענט ערוואַרטען, אז דיעזע פּאַטריאָטען וואָלטען געוואָרען סאָציאַליסטען, אפילו ווען דער סאָציאַליזמוס וואָלט זיך קוים געהאַלטען ווי אויף היהנערשע פיסלעך. אָבער אַזוי ווי די אייראָפּעער זיינען עס גראַד געקומען צום געדאַנק פון סאָציאַליזמוס פאַר אונז, פונקט ווי זיי זיינען צו פיעלע אַנדערע גוטע זאַכען אויך געקומען פאַר אונז, דערפאַר ווילען דיעזע העררען ניט ווערען קיין סאָציאַליסטען, אפילו ווען דער סאָציאַליזמוס אליין מעג זיך טאַקע זיין וואהר.

נו, טו זאָלען זיי זיך ניט ווילען אָננעהמען דעם סאָציאַליזמוס. זאָלען זיי זיך ניט ווילען אַנערקענען די זון, די לבנה און די שטערן, אויב זיי ווילט זיך אזוי. די הימעל־קערפּער זיינען ניט בעשאַפען געוואָרען אין אַמעריקאַ. זאָלען זיי זיך זיין געגען דעם טייך

מיססיסיפּי, ווייל איהם האָט גאָר ענטדעקט אַן אויסלענדער — דע סאָטאָ. און זאָלען זיי אויך ניט וועלען קענען דעם פּאַסיפישען אָקעאַן, ווייל איהם האָט ענטדעקט באַלבאָאַ — אויך אַן אויס־לענדער. אָבער דער גאַנג פון די זונען און די שטערען וועט מסתמא ניט זעהר פיעל געשטערט ווערען, אפילו ווען געוויסע הערען וועלען זיי ניט אנערקענען. און ס'קאָן אויך זיין, אַז דער טייך מיססיסיפּי זאָל זיך ווייטער פליסען, ווי געווען. די סאָציאַליס־טישע פּאַרטיי אין אַמעריקא וועט זיך געוויס אויך ניט געהן אויפ־לעזען; זי האָט אַזוי אויך גענוג וואָס צו טהון.

איך קאָן דעם שרייבער פונ'ם בריעף צו מיר ניט אויסרעכענען, וואָס פאַר אַ פּראָצענט סאָציאַליסטען זיינען שוין פון דריי דורות היגע־געבאָרענע אַמעריקאַנער. איך וויים דאָס, און מיך אינטערע־סירט דאָס ניט, און איך פערשטעה ניט וואָס געהט דאָס איהם אָן. איך קען איינינע סאָציאַליסטען, וואָס זייערע עלטער־עלטער זיידעס ביז'ן פופצעהנטען דור זיינען שוין אויך געווען געבאָרענע אַמערי־קאַנער. און איך האָב אויך בעגעגענט סאָציאַליסטען, וואָס זיינען דאָ אין לאַנד ערשט געווען בלויז פופצעהן מינוט. אויף ווי פיעל איך האָב דאָס געקאָנט מערקען, זיינען דיעזע סאָציאַליסטען געווען פּונקט ווי די סאָציאַליסטען, וואָס זיי מיט זייערע עלטער־זיידעס האָבען שוין אָבגעלעבט אין אַמעריקא ביי אַ 300 יאָהר. זיי זיינען אַלע מיט דער זעלבער מיינונג, אַז דעם דלות דאַרף מען ניט, און אַז דער סאָציאַליזמוס וועט איהם אָפּראַמען.

אָדער דיעזער געדאַנק איז אַ ריכטיגער, אָדער ניט קיין ריכ־טיגער. אָבער פון וואַנען דער געדאַנק נעהמט זיך און ווער ס'האָט איהם אויסגעדריקט דער ערשטער, מאַכט קיין אונטערשיעד ניט פאַר די ריכטיגקייט אָדער די אונריכטיגקייט דערפון. און דאָך קומען מענשען, וואָס מיינען, אַז זיי קאָנען דענקען, און זיי רעדען און שרייבען פּונקט ווי דיעזער הערר האָט צו מיר געשריעבען. מיינען מיינען זיי טאַקע זעהר גוט, נאַטירליך; אָבער זיי זיינען נעבעך קראַנק — זייער אַמעריקאַניזמוס שפּאַרט זיי אין די זייטען.

מיט די אויגען קוקען זיי נאָר אויף זיך אַליין און צו דער גאַנצער וועלט שטעהען זיי מיט'ן רוקען. אויב אַמעריקאַ וועט נאָך אַ מאָל פערקריכען אַזוי ווייט, אַז מ'וועט דאָ ביי אונז ניט וועלען קענען דעם אמת נור דערפאַר, וואָס מיר האָבען איהם בעקומען פון אויס־לאַנד, און מ'וועט אַנערקענען דעם טעות נור דערפאַר, וואָס ער איז אונזערער אַן אייגענער — דאַן וועט אַמעריקאַ מעהר ניט די ווערטה האָבען, אַז מ'זאָל גאָר טראַכטען פון איהר.

(ענדע פון ערשטען טהייל.)